SEYFER HAZAHAV



William Schostak





NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG



MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center



The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.



RABBI WILLIAM SCHOSTAK

ספר הזהב
בפניני התלמוד בחרוזים

נאספו, נעתקו ונחלקו לשני חלקים
באחד ועשרים פרקים

על-ידי

המטיף לעדת שערי ציון בדעטרויט, מיש.

זאב אריה שאסטאק
בא"א אלקנה זצ"ל

לשעבר היתה התורה כלל והיו מבקשין לשמוע דבר משנה ודבר תלמודי ועכשיו שאין התורה כלל אין מבקשין לשמוע אלא דבר מקרא ודבר אגדה. (מדרש חזית, פ"ב).

הפך בה והפך בה דכולה בה. (פרקי אבות, ה׳).

אין די בלעטער קעהר, אלץ וואס מעהר,
וואס דו ווילסט זוך, אלעס איז אין דעם בוך.

חלק ראשון

שנת תרפ"ז

234 נדפס בבית הדפוס „אָריאָם פּרעס", אינק., 54 קאנאל סטריט, ניו-יורק.


תפלה קצרה

גאָטעניו ! יהי רצון, עס זאָל זיין דיין ווילען
אַז יעדערער זאָל די ציילען לעזען מיט געפיהלען.
זאָלסט מיך בעשיצען פון די וואָס האָבען אין זינען
פלעקען אפילו אין דער ליכטיגער זון צו געפינען.
מיין אונטערנעהמונג זאָל אלעמען געפעלען
יונג און אַלט זאָל עס צופרידענשטעלען.

דער פערפאסער.



רבש"ע סתום פיות מחקרינו ומבקרינו, כי שגיאות מי יבין, מנסתרות נקני, (תהלים, י"ט)



די 2000 פערל צוזאמענגעקליבען,
איבערזעצט און אין גראמען געשריבען,
צוגעגרייט און אין ארדנונג געמאכט,
צום דרוק אליין געבראכט.

מאסף ומעתיק, עורך ומסדר, אך ורק המחבר ז"א שאָסטאק.




נאָכדרוק פערבאָטען

THE
Golden Book

**TWO THOUSAND SELECTED PASSAGES
FROM OUR SACRED LITERATURE**



Humanitarian Laws, Aphorisms, Moral and Ethical Conduct, Philosophical Discourses, Proverbs, Talmudic Legends Etc. Etc. A Veritable Source Book for Every Occasion.



COMPILED AND TRANSLATED INTO
YIDDISH, HEBREW AND ENGLISH

by

RABBI WILLIAM SCHOSTAK

DETROIT, MICH.
1927

הספר הזה הנני מקדיש לזכרון הורי נ״ע

אבי מורי
הצדיק החסיד וגדול בחכמה ובתורה
מוה״ר אלקנה ב״ר זאב זצ״ל
נפטר ביום כ״ה לחודש כסלו
שנת תרנ״ח.
תנצב״ה

אמי מורתי
החסידה והצנועה
חיה דבורה ב״ר אריה זצ״ל
נפטרה ביום כ״ה לחדש אייר
שנת תרנ״ב
תנצב״ה

המחבר.



והנני מברך בספרי זה לכל משפחתי בכלל לניני ולנכדי.
ובפרט לרעיתו הכבודה מרת חייה שרה תחי׳. ישלח לה ד׳
מהרה רפואה שלמה ויאריך ימיה ושנותיה, אמן.

כ״ד המחבר.

תוכן הענינים

חלק ראשון

TABLE OF CONTENTS

Part I.

תוכן הענינים

חלק שני

(נמצא בדפוס)

TABLE OF CONTENTS

Part II.

במקום הקדמה

קוראים נכבדים!

המחבר מספר הזה הוא נין ונכד מרב משה רב מעשילם מסלוצק, אשר גמר נ"ה פעמים ש"ס, ואשר היה לו מכתב יחס כי הוא נצר מגזע רבינו משה בן מימון הנקרא בר"ת רמב"ם זצ"ל, ככתוב ע"י ש"ב הרב שלום דוב בער מקלעצק פלך מינסק בספרו היכלי שן, ע"כ הנה אכתוב בקצרה את תולדות חיי הרמב"ם, כי הוא היה מצוין בין חכמי ספרד, ונולד בי"ד ניסן שנת 1135 בעיר קארדאווא ונודע אח"כ לראש הרבנים בארץ מצרים, ורופא נאמן היה בחצר המלך סאלאדין בעיר קאירא, ושמו נודע בכל הארץ, וכבודו גדול היה בישראל ובעמים, ועליו אָמרו ממשה (רבינו) עד משה (מימון) לא קם כמשה. הוא למד אצל רבי יוסף בן מאיר בלוצענא, כעבור עשרים שנה בא אל עירו וידרש ברבים. בין שומעי דרשתו היה גם אָביו מימון הדין, והוא לא הכירו. כולם הללו גודל תורתו וחכמתו. אחר הדרשה נגש אל אביו הזקן ויתודע אליו כי הוא בנו, וישקהו ויוליכהו לביתו ברב כבוד ובשמחה גדולה. בימים האלה היו נלחצים היהודים בספרד לעזוב את הארץ או לקבל את דת הממשלה. הרמב"ם נ"כ היה מאלה היהודים האנוסים אשר התחפשו בראשונה למראית עין לעובדי דת אחרת, ובסתר עבדו אל אלהי ישראל, עד אשר עזבו את ארץ מולדתם, וכן עשה גם הוא ויבא ירושלימה, ואח"כ מצרימה ויהי שם כל ימי חייו, ויעש רב טוב והנחות לבני ישראל ע"י השתדלותו בבית מלך מצרים, בהיותו רופא למלך סאלאדין. בין ספריו אשר כתב נודע בפרט „יד החזקה" או משנה תורה, הלכות פסוקות מכל הדינים המפוזרים על פני התלמוד בלשון עברית צחה בי"ד חלקים. וגם ספר „מורה נבוכים" בג' חלקים, ספר מלא חכמה ודעת אלהים. במותו היה כבן שבעים שנה. גדול היה המספד לבית ישראל, ויעשו אבל כבד שלשת ימים, ואח"כ נשאו אותו היהודים ממצרים לארץ ישראל ויקברוהו בכבוד גדול בעיר טבריה ובנו על קברו אוהל גדול. מסביב לקברו יתפללו ב"י לתשועת ישראל ולקרוב הגאולה בב"א, תנצב"ה.

ואף כי בחייו נמצאו אז רבנים קנאים ומבקרים חרדים אשר דברו סרה על כל ספריו, בכ"ז כעת נמצאו ספריו בידי כל הרבנים המפורסמים וכמורה דרך להלכה הוא ספרו יד החזקה. כן ימצאו ג"כ מתלוצצים עלי ועל ספרי, אשר יאמרו הגם שאול בנביאים? אך אני אשא ואני אסבל, והיה כי ימצא ספרי חן בעיני חכם לב להדריך בניהם בדרך הישר וחמעיינים בעצמם ימצאו חומר רב להטפה לעת מצא, וידיעה רבה מטובי מאמרי חז"ל, או יזכרו את אשר למדו כבר, והיה זה שכרי מכל עמלי.

בברכת ציון
המחבר זא"ש.

געעהרטע לעזער!

דער פארפאסער פון דעם בוך שטאמט פון רב משה רב מעשילם פון סלוצק, וועלכער האט געענדיגט 55 מאל ש"ס, דאס מיינט גאנץ תלמוד. ער האט געהאט א יחוס-בריעף דאס ער שטאמט פון רבינו משה בן מימון, זיין נאמען איז פארקירצט בר"ת רמב"ם זצ"ל, ווי עס איז געשריבען אין מיין נאהענטען פריינדי'ס ספר היכלי שן ביי קלעצקער רב, מינסקער גוברניע, רב שלום דוב בער זצ"ל. דארום וועל איך באשרייבען אין קורצען די ביאגראפיע פון רמב"ם. ער איז געבארען דעם 14טען ניסן, 1135 טען יאהר אין דער שטאדט קארדאווא און איז געווען אן אויסגעצייכענטער פון אלע קלוגע און געלערענטע אין שפאניען. נאכהער איז ער באוואוסט געווארען אלס עלסטער פון אלע רבנים אין מצרים, אויך אלס דאקטאר אין קעניגליכען הויףביים קעניג סאלאדין אין דער שטאדט קאירא. זיין נאמען איז געווארען באוואוסט איבער'ן גאנצען לאנד מיט גרויסע עהרע, ביי אידען און ביי אנדערע נאציאנען. אויף איהם האט מען געזאגט, אז פון משה (רבינו) ביז משה (מימון) איז ניט געווען נאך אזא ווי משה. ער האט געלערענט ביי רבי יוסף בן מאיר אין לוצענע. ווען עס איז אוועק צוואנציג יאהר איז ער געקומען צו זיין שטאדט און האט פאר פיעלע אידען ערקלעהרט תלמוד. זיין פאטער האט איהם אויך געהערט גלייך מיט אלע אידען און ער האט איהם ניט דערקענט. אלע האבען זעהר געלויבט זיין טיפזיניגע קלוגע לעהרע און דרשה. נאכהער איז ער צוגעגאנגען אליין צום אלטען פאטער דעם דין און האט זיך געלאזט דערקענען, אז ער איז זיין זוהן, האט ער איהם געקושט און מיט גרויס עהרע און פיעל פרייד געפיהרט צו זיך אהיים. אין יענער צייט זיינען אידען געווען אונטערדריקט אין שפאניען צו אננעהמען דעם גלויבען פון דער רעגירונג אדער פארלאזען דאס לאנד. דער רמב"ם איז

געוועז פון יענע אידען, וואס זיינען געוועזן געצוואונגען צו באהאלטען זייער אידישקייט, אויסערליך צו ווייזען זיך ווי גוים — אבער באהאלטענערהייט האבען זיי געגלויבט און געדיענט צום אידישען גאט, ביז זיי האבען פאר־לאזען דאס לאנד. און אזוי האט אויך דער רמב״ם געטאן און איז אוועק קיין ארץ ישראל, און נאכהער אין מצרים. דארטען איז ער שוין פארבליבען זיין גאנצען לעבען און ער האט געטאן פיעל גוטעס פאר אידען, דורך זיינע גוטע רייד פאר זיי ביים קעניג אין הויז אלס לייב־דאקטאר פון קעניג סאלאדין. פון זיינע ספרים וואס ער האט געשריבען איז באזונדערס בא־וואוסט זיין ספר יד החזקה, צוזאמענגעקליבען אלע געזעצען, דינים פון גאנץ תלמוד אין א ריינעם העברעאיש, אין 14 טיילען. אויך דער ספר „מורה נבוכים״ אין דריי טיילען. דער ספר איז פול מיט קלוגע און געטליכע פי־לאזאפיע. ווען ער איז געשטארבען איז ער אלט געוועזן אומגעפעהר 70 יאהר. דער קלאג איז געוועזן פאר אלע אידען זעהר גרויס. דריי טעג האבען זיי גע־טרויערט און האבען איהם געפיהרט פון מצרים קיין ארץ־ישראל, און מען האט איהם געבראכט צו קבורה אין שטאדט טבריה, און מען האט אויף זיין קבר אויסגעבויט א גרויסען אויבערשטיבעל. ארום קבר קומען פיעלע אידען גאט בעטען הילפע פאר די אידען צו דערנעהנטערן די פרייהייט. זיין זעעלע זאל זיין איינגעבונדען אין בונד פון אייביגען לעבען.

האזינו קוראים נכבדים!

הספר הזה מלא כל קודש, אוצר מחמדינו מימי קדם, שלוח לא אל חכמים יושבי שער, ולא אל ת״ח יושבי על מרומי קרת, כי אם אל המונים רבים, אל הגוי כולו ואל כל בני ישראל. — לכן שמעו נא ישראל עם קדש, הנה אתפלל לאל, ממרום יסעדני, ואל יעזבני, ואודה לשמו על כל טובו, ולד׳ תקותי, שיהיה בעזרתי, להדפיס גם אוצר הדרשות למטיפים וקובץ דרשות למורים ולהורים, כי תורתי שיחתי.

אהללה לד׳ על חסדו לרוב,
כ״ד המחבר אריה זאב.

וזה קיצור לשון הרמב"ם

כל התורה כתבה משה רבינו קודם שמת בכתב ידו, ונתן לכל שבט ושבט... והמצוה לא כתב שהיא פירש התורה שנקראת תורה שבעל פה ולמדה משה רבינו כולה בבית דינו לשבעים זקנים... וליהושע תלמידו מסר תושבע"פ, וכן יהושע כל ימי חייו למד על פה וזקנים רבים קבלו מיהושע... אח"כ בית דינו של עזרא הם הנקראים אנשי כנסת הגדולה והם חגי זכריה ומלאכי, דניאל, חנניה, מישאל ועזריה ונחמיה בן חכליה ומרדכי וזרובבל וחכמים הרבה עמהם תשלום מאה ועשרים זקנים... רבי יהודה הנשיא הנקרא רבינו הקדוש חיבר המשנה כדי שלא תשתכח תורה שבעל פה מישראל. — לפי שראה שתלמידים מתמעטין והולכין והצרות מתחדשות ובאות... רב חיבר ספרא וספרי לבאר עקרי המשנה... ורבי חייא חבר התוספתא לבאר עניני המשנה, ורבי הושעיא ובר קפרא חיברו ברייתות ג"כ לבאר דברי משנה... רב אשי קבל מרבא, ורבא מרבה, ורבה מרב הונא, ורב הונא מר' יוחנן ורב ושמואל, והם מרבינו הקדוש, ורבינו הקדוש מר' שמעון אביו, ורבי שמעון מרבן גמליאל הזקן אביו ורבן גמליאל הזקן מרבן שמעון אביו, ורבן שמעון מהלל אָביו ושמאי; והלל ושמאי משמעיה ואבטליון, והם מיהודה ושמעון, ויהודה ושמעון מיהושע בן פרחיה ונתאי הארבלי. ויהושע ונתאי מיוסי בן יועזר ויוסף בן יוחנן, והם מאנטיגנוס, ואַנטיגנוס משמעון הצדיק, ושמעון הצדיק מעזרא, ועזרא מברוך, וברוך מירמיה וכו' וכו'.

כל אלו החכמים הנזכרים הם גדולי הדורות, מהם ראשי ישיבות ומהם ראשי גליות, ומהם סנהדרי גדולה, ועמהם בכל דור ודור אלפים ורבבות ששמעו מהם, ועמהם רבינא ורב אשי, הם סוף חכמי הגמרא, ורב אשי חיבר הגמרא הבבלית בארץ שנער, אחרי שחיבר רבי יוחנן הגמרא הירושלמית, ומשתי הגמרות ומתוספתא ומספרא וספרי ומהתוספות, מכלם יתבארו אסור והיתר, טמא וטהור, חייב ופטור וכו' כמו שהעתיקו איש מפי איש מפי משה רבינו מסיני וכו'.

AN APPRECIATION

By Rabbi Aaron M. Ashinsky

"The Golden Book" or "Gems from the Talmud and Midrash" is a work compiled, translated and classified by Rabbi William Schostak of Detroit, Michigan. It is well arranged in brief concise verses, in the three languages, Hebrew, English and Yiddish, and subdivided into 21 chapters.

After a perusal of the above I take much pleasure in recommending the book to every Jewish home for useful reading and valuable information. The subjects contained therein are derived from Talmudic sources and have a tendency to imbue the reader with admiration and reverence for the hummanitarian teachings of our sages. Besides, it affords delightful reading.

הסכמת הרב רבי אהרן מרדכי הלוי אשינסקי

שכתב בהעתון השבועי היו"ל בדעטראָיט, „דזשואיש כראָניקעל".
אַן איבערזעצונג פון דער הסכמה:

דער „ספר הזהב", אָדער „די פערל פון תלמוד און מדרש", איז אַ ווערק וועלכע איז צוזאַמענגעקליבען געוואָרען, איבערזעצט און קלאַסיפיצירט פון רבי זאב אריה שאַסטאק אין דעטרויט. די איינריכטונג אין דריי שפּראַכען: העברעאיש, ענגליש און אידיש, איז זעהר גוט און קורץ. איך האָב דעם בוך דורכגעלעזען און האָב אַלזאָ גרויס פאַרגעניגען צו רעקאָמענדירען דיזען בוך צו יעדע אידישע הויז אַלס אַ נוצליכער און ווערטפולער בוך פאַר אויסקינפטע; דער אינהאַלטס־מאַטעריאַל איז גענומען געוואָרען פון תלמוד און ערוועקט אין דעם לעזער רעספּעקט און באַוואונדערונג צו די הומאַני־טאַרישע לעהרע פון אונזערע חכמים. דיעזען בוך קען מען לעזען מיט גרויס אנגענעמליכקייט.

הרב אהרן מרדכי הלוי אשינסקי.
דעטרויט, מיש.

הסכמת הרב רבי יחזקאל איישישקין

ב״ה.

ראיתי את החיבור „ספר הזהב בפניני התלמוד" מהתורני והמשכיל מוהר״ר זאב אריה שאסטאק, ונוכחתי לדעת כי ברכה בו, הוא אוצר נחמד מלא ברכת ד׳ כתלמודי כאינו תלמודי ימצא בו חפץ. המחבר צלל במים האדירים, בים התלמוד, והעלה פנינים וחרז חרוזים בדרך שיר ומליצה, בשפות עברית אנגלית ויהודית, וכל רעיון נעלה, נאצל ונשגב, היקר והקדוש, יכנסו ללבות הקוראים. החיבור הוא מלאכת מחשבת מעשה ידי אמן להתפאר. החיבור הוא תחת מכבש הדפוס, ואבקש מנדיבי עם אלקי אברהם, העושים צדקה בכל עת, לקרב בימין צדקם את המחבר, לקבלו בסבר פנים יפות, ולחתום בעד הספר בעין יפה, ומד׳ ישאו ברכה, וגם אני אעשה ככה. הבא על החתום למען כבוד התורה ולומדיה, ב׳ פינחס תרפ״ז, דעטרויט, מיש.

יחזקאל איישישקין,
הרב דפ״ק הנ״ל.

הסכמת הרב רבי א. מ. הוירשמאן

Rabbi William Schostak,

Detroit, Michigan.

My dear Rabbi Schostak :

The book you intend to publish abounds in valuable information. It will enable many who have no access to the Talmud and the Midrash to familiarize themselves with some of the gems of our literature. Your work is well done. I wish you God speed.

Yours very truly

A. M. HERSHMAN
Rabbi Congregation Shaarey Zedek, Detroit, Mich.

למען אחי ורעי!



איינלייטונג

פון די בעסטע ספרים אין דער וועלט,
וועלכע קאסטען זעהר פיעל געלט,
איז דער גאלדען בוך אין דריי שפראך,
פון וועלכען אידען וועלען האבען פערגעניגען א סך.
איך האב לאנג געטראכט, און דעם ספר געמאכט,
פאר עלטערען און קינדערם וועגען,
זיי זאלען ווי אידען לעבען און געהן אין גוטע וועגען.
איך האב אין טיפען ים התלמוד געשוואומען, די בעסטע פערל ארויסגענומען.
זיינענדיג צווישען פערשיידענע לייט, און בעטראכטענדיג די לעצטע צייט,
אז די קינדער געהען אוועק ווייט, אנדערע ווערען שוין אביסעל פערשייט,
ניט האבענדיג קיין גוטע אונטעררירכט, צו וויסען פון א אידען די פליכט,
ווי עלטערען צו רעספעקטירען, און א אידישען לעבען צו פיהרען,
און עלטערען זאלען זיי ערקלעהרען, זיי זאלען שטאלצע אידען ווערען,
און א קינד, אליין זאל גוט פערשטעהן, סיי גרוים און סיי קליין,
האב איך תלמודישע פערל גוטע א סך, איבערזעצט אין דריי שפראך,
פון די גרעסטע תלמודיסטען, זיי זאלען שעצען אידען אויך ציוניסטען,
ניט קיין אטהעאיסטען,
ווייל ביז איצט האט געפעהלט, אזא האנד־בוך פאר היינטיגער וועלט,
מיט שארפזיניגע רעדע־קונסט, וועגען מענשען־ליעבע און גונסט.
דער בוך וועט מאכען ריידען, סיי אין ליידען ר"ל סיי אין פריידען,
צו ליבען וואהלטהעטיגקייט, און באשיידענהייט, האסען פאלשקייט, און פערדארבענהייט.
צו א פאטער ווי זיך צו באנעהמען, און מיט אידישקייט זיך ניט שעמען,
ווי אזוהן זאל זיין א גוטער, אויך א טאכטער צו איהר מוטער,
פאר אויסבעסערען דעם פאמיליען־לעבען, וועלען די לעזער דעם מחבר א דאנק געבען.
עהנליכע ספרים זיינען דא פיל, אבער דיזער ספר האט גאר אנאנדער ציל,
ער איז ניט פאר עלטערען נאר, אויך פאר דעם יונגען היינטיגען דור,
דער אריגינאל איבערזעצט טריי, אין נייטיגע שפראך דריי,

מיט ערקלעהרונגען שווערע זאצען צו פערשטעהן, צו ריידען פון איהם פאר
גרוים און קליין,
צו יעדער צייט און אָרט, געפינט איהר צו זאָגען אן איידעל וואָרט,
אַלעס צוזאמען, געשריבען אין גראַמען,
אין וועלכער גמרא דעם וואָרט צו געפינען, האָט געהאט דער פערפאַסער
אין זינען,
אויף וועלכען בלאַט און מיט פשט,
די גייסטיגע רייכטהימער וואָס ליגען בעהאלטען, אין ילקוט, מדרש און
תלמוד דעם אַלטען.
נעהמט דעם שליסעל פון ערשטען בלאַט און טהוט א זוך, איהר וועט געפינען
פון אַלעם גוטען אין דעם בוך,
פון דעם פרייגעזאָנענעם אידען ביז'ן פרומען, וועט דער בוך מאַכען ריידען
אפילו א שטומען,
ווער עס וועט שטודירען דעם ספר מיט געדאַנק, וועט דעם פערפאַסער
זאָגען א דאַנק,
און ווער עס וועט איהם האָבען און ליבען, וועט געפונענע פעלערען פערגיבען,
וכל הדן אותי לכף זכות, ידון גם אותו הקב"ה לכף זכות.

כל המאמרים הקשים מדברי חז"ל בארתי בלשון צחה ביהודית, בעברית ורבים מהם גם באנגלית למען יבינו הכל. הפנינים מלוקטים ביגיעה רבה בערך עשר שנים מים התלמוד, בבלי וירושלמי, מדרשים וילקוט, בהעתקה יפה במשקל השיר אספתים אחת לאחת מכל המקומות אשר המה מפוזרים שמה, ויתרון הספר הזה כי שוה הוא לכל נפש, להבין אף לנשים דברי התנאים והאמוראים הקדושים, והמשלים מאירים כספירים, ולכל ב"י יהיה אור במושבותם, וכי רבים מחכמי האומות לקחו מהם משלים רבים כמו קרילאָוו, עזאפום, לאפאנטיין וכדומה להם, אבל אנחנו לא לקחנו מהם מאומה, ובזה יביא כל איש ברכה בתוך ביתו בעד כל ב"ב בכלל וברכה ושלום יהיה על כל ישראל אמן.

כ"ד המחבר קבץ דרשות למורים ואוצר הדרשות למטיפים,

זאב אריה שאַסטאַק,

מטיף לעדת שערי ציון בדעטראָיט, מיש.

נין ונכד להגאון רב משה רב מעשילם מסלוצק, אשר
גמר נ"ה פעמים ש"ס, נצר מגזע הרמב"ם זצ"ל.

שיחת חולין של תלמידי חכמים צריכה לימוד. (סוכה, כ"א).

PREFACE

Eighteen centuries ago, Josephus observed, that though we may be deprived of our wealth, our land and our political institutions, our literature will remain immortal. The years since Josephus, have been replete with bloody persecutions, and relentless attempts at annihilation, yet through all this our holy writings continued to be the lighthouse of civilization.

The present generation however, has lost sight of the tremendous influence our literature, since the dawn of Jewish history, has had and still has on countless numbers of our people. They have apparently neither time nor inclination to delve into the "myteries" of our holy writings.

Therefore, in presenting this little volume, a veritable encyclopedia of Talmudic gems, we have endeavored to make it clear, concise and easily understood by old or young. We have translated the Hebrew into the Yiddish and most portions also into the English. One should no longer be ignorant of the philosophy, codes of ethics, and the humanitarian laws treated in our sacred books. The modern reader may perhaps be surprised to learn that our ancient writings are decidedly "modern" in spirit.


While great care has been taken to present the true meaning as we understand it, we were not bound by any rules to translate each passage verbatim. We were more concerned with recording and preserving the thought and spirit, rather than the letter of each sentence.

We will not consider our efforts in vain, should this little encyclopedia of gems taken from our sacred writings, some written in the earliest period of our historical and religious development, bring the layman into closer contact with the life, the thought and the spirit of our people as recorded in these books over a period of many centuries.

Detroit, Mich. **The Author.**


Sept. 1926.

ספר הזהב
בפנינים מהתלמוד בחרוזים



נצח ישראל

זה רבות שבעתי שוד ורצח
רבים בפאגראמים נקברו לנצח,
רבים קמו עלי גם להכחידני
וכאלפים שנה בגולה זו הנני
קטן אני בגוים למראת עינים
אבל רוחי נעלה עד לשמים
רוחי לא תמות ולא תרד בקבר,
ולא תפחד מחמת גבר
על עמים רבים בא הקרץ
ועם ישראל עוד חי בארץ
תורתנו הקדושה מאלהים חיים
נתנה לנו ע"י משה משמים
נשמרה עד קץ ימינו
כי מורשה היא לעמנו
בעדה דמינו כנחל שפכנו
ואת תורתנו לא זנחנו
כי ארצנו, תורתנו ושפתנו,
הם חלקנו ואורך ימינו
ונחדש אהבתנו הישנה
לירושלים קריה נאמנה
כ"ד זאב אריה בן אלקנה.



תוכן הספר

ספר הזהב הוא ספר הספרים, כבית עקד או אוצר ספרי קודש מחז"ל בקצרה ואנציקלאפעדיא מדתית המשיח אלמים בכל עת, כי בו נקבצו דברי חפץ שנאמרו מחז"ל הקדמונים והאחרונים, לתת חומר למטיפים, להורים ולמורים, ליושבי ראש ולבע"ב בכלל, יותר מאלפים מאמרים ואגדות, בארתי מלים הלועזיות שנמצאו בתלמוד בשפות המדוברות, למען יבינו גם מלים קשי ההבנה בקטן כגדול, וכל מאמר או אגדה ששייך לענין אחר נקבע בפרק אחד, והספר נחלק לעשרים ואחד פרקים, ובתוכן הענינים ימצא הקורא פרק הנצרך לו, ובשולי כל מאמר רשמתי איה מקום המאמרים המפוזרים בכמה בקומות בש"ס או בספרים אחרים ושייכים לענין אחד. ומכל זה אפשר שיעמוד המעיין על טיב העבודה של המחבר, ויעיין בעין יפה כתלמיד חכם ולא כמבקר בביקור וחפוש עם הבחינה, אך ישים עין יפה מטוב לב על מטרות המחבר ומה שהיתה כוונתו בעד הדור הצעיר, לגול האבן מעל פי הבאר, וכל צמא ישתה מים קרים נוזלים ממקור התלמודים ומדרשים בשפות יהודית, עברית ואנגלית, למען ירוץ כל קורא בם, בכלל לחבב את קדשי עמנו וסגולות ב"י, להביא בקרבם רוח היהדות ורגש אהבה לעמם, ויכבדו יותר את הוריהם וספריהם ולפתוח את ספר החתום לעם העברי, ולקרבם לד' ולתורתו, והיה זה שכרי מכל עמלי כעשר שנים אשר נדדה שנתי בלילות, אם אחד מעיר או שנים ממשפחה ירחש דבר טוב ויאמר מעשי למלך וד"ל, והיה זה שכרי.

אינהאַלט פון ספר


די תלמודישע פערל, פילאָזאָפישע דיאַלאָגען און מאָנאָלאָגען, הומאַניטאַרישע געזעצען און מאָראַלישע לעהרען, סאטירישע און וויציגע מאמרים ומשלים, אלעגאָריען און פּאָעטישע געדאנקען, ראָמאַנטישע געשיכטעס פון חז"ל, איבערזעצט אין דריי שפּראַך, פון זיי מאמרים אַ סך, אַלעס צוזאַמען, געשריבען אין גראַמען, מען זאָל לעזען מיט געשמאַק, פון ז"א שאסטאַק.

אם ימצא איש שגיאה או שינוי בהעתקת מלה במלה, אזי יזכור את מאמר חז"ל במס' קידושין מ"ט, כי המתרגם פסוק כצורתו הרי זה בדאי, אך העיקר לדעת את הכוונה מדברי חז"ל וד"ל.

הוי זנב למחברים ואל תהי ראש למבקרים.

דבר אל הקורא

לאחב"י גומלי חסדים לשם עולם יצו ד' מציון את הברכה החיים והשלום לאשר יואילו לעזרני במלאכת הקודש ולהוציא מכח לפועל ולהדפים את ספרי זה מוקדש לכל עם ישראל בכלל ולצעירי ב"י בפרט לזכרון עולם על לוח לב כל אוהבי ד' ותורתו בכל אתר ואתר, שאלתי ובקשתי מד' הסומך נופלים כי יחנני ויעזרני להדפים גם את קבץ הדרשות למורים ולהורים, וכן אוצר הדרשות אשר עודם בכתובים למטיפים ולדרשנים בכלל.



ע"ד הסכמות

על דבר מכתבי תהלה על ספרי אם אביא על מכבש הדפוס את כל ההסכמות מהרבנים הגאונים יכילו הרבה עלים ודפים אין מספר. אי לזאת אביא לזכרון ולברכה את שמות הרבנים נדיבי לב ומחזיקי תורה, הלא הם: הרב הגאון רבי חיים פישל עפשטיין נ"י מסינסינאטי, אהייא, והרב ישראל פורת נ"י והרב זכריה זאקס נ"י והרב שלמה גאלדמאן נ"י מקליוולאנד אהייא, וכן הרבנים מדעטרויט, מישיגען, הרב יחזקאל איישישקין והרב יוסף הלוי אייזענמאן נ"י והרב יוסף תאומים נ"י והרב ישעיה שטראוס נ"י והרב יצחק סטאלמאן נ"י והרב הורוויץ נ"י והרב פישער נ"י והרב הורשמאן נ"י והרב אהרן מרדכי הלוי אשינסקי נ"י וכן מעיר מילוואקי וויסקאנסין הרב דאקטער ראפפארט נ"י והרב יו"ד כהן נ"י.

כ"ד המחבר בלב מלא תודה וברכה לראשי הרבנים המפורסמים אשר עודדוני ואמצוני והכירוני לטוב ועזרוני להוציא את הספר בעזה"ש יתברך ע"י תעודתם ומכתבי תהלה כיאות. ובפרט לכל הלוקחים חלק בתמיכה במעות צור ישועתי. ואלה שמותם:

הרב יחזקאל איישישקין
הרב יצחק סטאלמאן
הרב משה יהודה פישער
חרב מנחם מענדיל הלוי זאגער
הרב מנחם מענדיל חיים לאנדא

הרב אלכסנדר לעסער
הרב שלמה נתן קאטלער
הרב שמואל מנחם הלוי פיין
דאקטאר גילבערט איזראיל
דאקטאר שמואל נחום פריינקלין


דאָקטאָר יצחק פריינקלין
מרדכי שניידער
נייטען שיף
עקיבא סינגער
יחיאל מיכל גאָלדפארב
זוסמאן גאָלדשטיק
אברהם דוד לעווין
חיים אליעזר שאסטאק
שמואל לעווין
ישראל ב"ר יצחק גינזבערג
מינה וקלמן בערינשטיין
אליעזר באסקער
יעקב ורעיתו צביה הארעוויץ
מרת צשעטלין
אליעזר ב"ר משה מרדכי לעווין
אלכסנדר ה. גערסאָן
אלקנה ב"ר ז"א שאָסטאק

מרת מאקס פענסלער
יצחק מאָגילעווסקי, שו"ב
הערי שווארץ
זלמן ודבורה קאטלער
הינדע ב"ר אברהם יונה ווייסוואסער
חיה פריידה קאץ ז"ל ז"ל
פעריל שניידער
סאָפי שניידער.
מרת רחל לעווין
מרת גארבער
מנחם מענדיל פאטאק
אשר זעליג גענזעראָוו
יעקב אריה סאלאמאן
אליעזר ב"ר אברהם יוסף סילון
שניאור זלמן זאוועלסקי ז"ל
מר. מארקוס
מר גדליהו בצלאל שאָכעט



פרק ראשון

כבוד אב ואם — רעספעקט צו עלטערן




1. עהרע עלטערן

ווען דו ביזט ארים אדער רייך,
דיין פאטער און מוטער עהרע גלייך.
בין שיש לך הון בין שאין לך הון כבד את אביך ואת אמך,
(פאה ירושלמי פ"א).



2. ווי מיט גאט צוזאמען

ווען א מענש עהרט גוט זיין טאטען און מאמען
זאגט גאט, גלייך ווי איך וואלט געוואוינט מיט זיי צוזאמען.
בזמן שאדם מכבד את אביו ואת אמו, אמר הקב"ה כאילו דרתי ביניהם
(קידושין, ל׳).



3. די פינפטע געבאט

צו עהרען פאטער און מוטער איז די פינפטע געבאט,
ס'שטעהט הויך ווי די עהרע פון אלמעכטיגען גאט.
כתיב מקלל אביו ואמו מות יומת — אלהים לא תקלל — כבוד אב ואם וכו׳
(תוספתא, קידושין, ל"א).

PART ONE.

CHAPTER I — RESPECT FOR PARENTS

1) Honor thy father and mother whether thou be rich or poor.

2) When one highly respects his parents, God says: "It is as if I dwell in their midst."

3) The fifth commandment calls upon us to respect our parents, for to honor parents is even more important than the worship of God.

4. גלייך געעהרט

וועןא מענש עהרעט דעם טאַטען און מאַמען
זאָגט גאָט: גלייך ווי ער עהרעט מיך מיט זיי צוזאַמען.
בזמן שאדם מכבד וכו׳, כאילו דרתי ביניהם. (קידושין, ל׳).

5. הייליגע עהרע

אז רבי יוסף פלעגט די פוסטריט פון זיין מוטער דערהערען,
פלעגט ער זאָגען, לאָזט מיך אויפשטעהן, די שכינה קומט, לאָמיך עהרען.
רב יוסף כי הוה שמע קל כרעיה (צעדי רגלי) דאימיה אמר אקום לפני השכינה כי באה (קידושין, ל׳).

6. דו מוזט ערנעהרען

ריכטער זאָלען דעם זוהן נויטען און שטרענג צו איהם ווערען.
דער זוהן זאָל דעם פאָטער אויסהאַלטען און איהם ערנעהרען.
כופין את הבן לזון את האב, (ירושלמי נדרים פ״ט).

7. וועסט לאַנג לעבען

ווער עס עהרט דעם פאָטער, דער לעבט לאַנגע יאָהר,
און דערפרייט זיין מוטער, ווער עס היט די געבאָט נאָר.
מכבד אביו יאריך ימים ושומר מצוה ישמח אמו, (ב״ס ג׳).

8. פאַרזיס זיין לעבען

דיין אַלטען פאָטער זאָלסטו צום לעבען געבען
און דו זאָלסט ניט פערטרויערען איהם זיין לעבען.
כלכל בני שיבת אביך וימי חייו אל תעצב, (ב״ס ג׳).

---

4) When one honors father and mother, God says: "It is as if I also am honored."

5) When Rabbi Joseph would hear the footsteps of his mother, he would say: "Let us arise for the Shechinah is coming."

6) A son should be compelled to support parents.

7) He who honors his father will live many days; He who guards the commandments is a delight to his mother.

8) Support thou, thy aged parent, and do not afflict the days of his life.

9. עהרע ביידע גלייך

גאָט ווייסט, אַז אַ קינד עהרט די מוטער אַמבעסטען,
ד׳רום איז אָנגעזאָגט געוואָרען צו עהרען אַ פאָטער אַם ערשטען.
גלוי וידוע שהבן מכבד את אמו יותר מאביו לפיכך הקדים הקב״ה
כיבוד אב לכיבוד אם. (קידושין, ל״א).

10. ניט געלאַכט

פון פאָטער׳ס אַ פעהלער זאָלסטו ניט לאַכען,
דאָס וועט דיר קיין עהרע ניט פערשאַפען.
למומי אביך אל תלעג כי לא לכבוד הוא לך, (ב״ס ג׳).

11. ריכטיגע עהרע

ווען א פאָטער אָדער א מוטער וואַרפט דעם קינד׳ס געלט אין ים אַריין,
זאָל דער קינד זיי ניט פערשעמען און געלאָסען דאַן זיין,
אָט אַזוי איז די לעהרע, צו פאָטער־מוטער׳ס עהרע.
זרק ארנקי כו׳ (אם כים בכספך זרק ליה ולא הכלימו), זה כיבוד אב ואם
(קידושין ל״ב).

12. געדיינק די עלטערען

אויב צווישען רייכע הערען אַ פלאַץ וועסטו קריגען,
דיינע עלטערען ניט פאַרגעס שטעלען צופרידען.
אם בין נגידים מושבך את יולדך אל תשכח. (ב״ס, כ״ג).

13. פיהר זיך אויף גוט

ווען א קינד אין דער יוגענד פיהרט זיך ניט גוט אויף,
צו די עלטערע יאָהרען וואַרפט מען דאָס איהם אויף,
פון דער יוגענד זיינע פארברעכענס אַלס קינד,
צו דער עלטער דערמאָנט מען איהם זיינע זינד.
דברים שאדם עושה בילדותו משחירים פניו לעת זקנותו. (שבועות, ל״ט).

---

9) Since a child learns to love the mother first, the fifth commandment called for the respect of father first.

10) Do not laugh at the mistakes of thy father, for it brings thee no honor.

11) Even though thy parents cast thy purse into the sea, do no reproach them, but honor them still.

12) Even though thou may sit among the mighty do not forget thy parents.

13) He who commits transgressions in his youth may be reminded of them in his old age.

14. היט די עהרע

אויב א שענדליכע זאך האט נאר געטאהן ווער
איז א שאנדע פאר דער פאמיליע און פאטער
אויב א ליבענס־ווירדיגע זאך געטאן האט ער,
איז אן עהרע פאר דער מוטער און פאטער.
גנאי לו גנאי לאביו ולאמו (חטאת נעורים) (ספרא, פ׳ אמור).

15. ווי צו עהרען עלטערען

צו געבען גוטע עסענס צו זאט, צו טרינקען וואס עס איז געשמאק,
שוכן, קליידער, שעהן און גלאט, אריין און ארויספיהרען פון הויז,
דאס זעלבע צו א שוהל, צו א קלויז.
איזהו כבוד אב ואם, מאכיל ומשקה, מלביש ומכסה, מכנים ומוציא
(תמיד ל״ב).

16. געטרייע עהרע

געבען עהרע צו פאטער און מוטער מיט טרייהייט
איז גלייך ווי צום אויבערשטען די איבערגעבענהייט.
הוקש כבוד אב ואם לכבוד המקום. (ב״ס, ל״ב).

17. הער צו דעם פאטער

די שטימע פון אייער פאטער זאלט איהר צוהערען,
היט זיינע געבאטען און דאן וועט אייך גוט ווערען.
הקשיבו בני לקול אביכם שמרו מצותיו וייטב לכם (ב״ס ג׳).

---

14) He who commits a shameful deed dishonors both himself and his parents; he who performs a virtuous deed, brings honor to himself as well as to his parents.

15) He who truly respects his parents, feeds and clothes them, and escorts them wherever they wish to go.

16) The respect for parents is equal to the respect for the Almighty.

17) Hearken unto the voice of thy parents, be obedient, and it will be well with thee.

18. מוטערס עהרע

דמא איז אמאל געזעסען פערפוצט אין א גאלדען מאנטעל
מיט גרויסע לייט אין רוים.
זיין מוטער איז געקומען צו לויפען
אביסעל נערוועז פון איהר היים,
האט אראפגעריסען זיין מאנטעל, א פאטש איהם געגעבען
און אין פנים א שפיי.
און ער האט איהר אלץ געשוויגען און ניט געזאגט
א שלעכטען ווארט דערביי.
אין דעם אנפאל אויף איהם איז ביי איהר א שוך
אראפגעפאלען פון אויפרעגען,
האט ער אויפגעהויבען און האט איהר אין האנד אפגעגעבען.

דמא ישב פעם אחת לבוש במלבוש מרקם בזהב בין גדולי רומה, ותבא אמו בכעס ותקרע ממנו את המלבוש ותכהו על הלחי וירקה בפניו, ולא הכלימה, והמנעל נפל מידה בהכותה אותו והוא הרים את מנעלה ויושט לה להניח את דעתה. (קידושין, ל"א).

19. א יתום

רבי זעירא זאגט, איך האב צער געהאט
הלואי וואלט איך געהאט פאטער, מוטער.
איך וואלט זיי געעהרט ווי א זוהן א גוטער,
און איך וואלט גן־עדן געווים געהאט.

רבי זעירא היה מצטער ואמר, לו היה לי אב ואם כי עתה כבדתים, וירשתי גן עדן. (ירושלמי, פאה פ"א).

---

18) While Demo the Roman, sat among his noblemen, adorned in a beautiful golden mantle, his mother entered. Being a very irritable person, she tore off his mantle, slapped him, and even spat in his face. He silently tolerated it all, and did not complain. And when in her fury she lost one of her sandles, he picked it up and respectfully offered it to her.

19) Rabbi Zeira bemoaned the fact that he was an orphan. "Would that I had father and mother," said he, "I would honor them greatly and thus earn entrance into the life eternal".


20. זיי ליעבליך

מיין זוהן, האסטו צו דיין ברודער גוטעס געטאָן,
פערביטער ניט זיין געמיט און ניט רייד איהם זאָל וועה טאָן.
בני היטבת לאחיך אל תמרר נפשו ואל תענהו קשות. (ב"ס ו"ח).




21. רעספעקט

רעספעקטירען פאָטער און מוטער ווער נאָר זיי האָט,
ביידענס עהרע זיינען די געבאָט פון גאָט.
כבוד אביך וכבוד אמך מצות ה' גם שתיהן. (ב"ס, ג').



22. עהרע

ווער עס גיט עהרע צום פאָטער,
וועט פון זיינע קינדער האבען נחת און פריידען.
און אז ער וועט בעטען מיטלייד,
וועט ער אויך געהאָלפען ווערען אין ליידען.
מכבוד אביו יגיל בבניו, ובשועו לרחמים יושע. (שם).



23. הערצליכע עהרע

מיט'ן מויל און הארץ עהרע זאָלסטו דיינע עלטערען געבען,
וועט רוהען אויף דיין קאָפּ זייערע ברכות און זעגען.
בפה ולב כבד הוריך, ותחל ברכותם על ראשך. (שם).

---

20) My son, if you have done some good to your brother, do not embitter his heart, nor oppress him.

21) To honor father and mother is a twofold commandment from God.

22) He who honors his parents will enjoy the love and the pleasure of his children; should he need help while in distress he will surely receive it.

23) Honor thy parents with mouth and heart, thus will their blessing always be with thee.

24. אַ גוטער ביישפּיעל

אבימו איז אימער פאַר'ן פאָטער עפענען די טיר געלאָפען,
און האָט ניט געלאָזען זיינע אנדערע ברידער מאַכען אָפען.

אבימו רץ תמיד לפתוח את הדלת לאביו ולא הניח לשאר אחיו לעשות זאת (כי חפץ לכבד אביו יותר ולמצוה יחשב לו). (ירושלמי קידושין ל"א).

—✧—✧—

25. אַ צווייטער ביישפּיעל

אבימוס פאָטער האָט אַ טרונק וואסער געבעטען
און איז אנדרעמעלט געוואָרען
אבימו ברענגענדיג וואסער איז געשטאַנען פערנייגט,
ביז דער פאָטער איז וואכעדיג געוואָרען.

פעם אחת בקשהו אביו להביא לו מים לשתות וילך ויביא לו, אך בין כה וכה נמנם אביו והוא כפף ועמד אצלו עד שקם אביו משנתו.
(קידושין ל"א).

—✧—✧—

26. כבוד אב

אַ פאָטער ביי אַ קינד דאַרף זיין ווי אַ קעניג גלייך,
צו עהרען איהם סיי ער איז אָרים סיי ער איז רייך.
אביו של אדם כמלכו וכו'. (פדר"נ, פל"ט).

—✧—✧—

---

24) Abemu showed his respect for his parents by rushing to open the door for them, and would not permit other members of the family to open the door for his parents.

25) Abemu showed his respect in another manner. When his father asked for a drink of water and happened to drowse in the meantime, Abemu, stood near his father with the water until he awakened.

26) Whether the father be rich or poor he must receive his sons' respect as though he were a king.

27. ווי מען שעצט עלטערען

ווי די ווערדע פון קינדער קען געשעצט ווערען,
צוליעב זיי עהרט מען אויך אזוי זייערע עלטערען.
בזכות הבנים אבותיהם מתכבדים. (תנחומא ויקרא, ס"ח).

28. עלטערנס עהרע

די עהרע פאר'ן פאטער און מוטער איז גלייך
ווי פאר דעם אויבערשטען, סיי מען איז ארים אדער רייך.
השוה הכתוב כבוד אב ואם לכבוד המקום. (קידושין ל"א).

29. הער מיין קינד

מיין זוהן, נויג דיין הארץ צו שטראף-רייד יונגערהייט.
וועסטו זאט זיין מיט חכמה אלטערהייט.
בני הט מנוער לבך למוסר ושבעת חכמה כי זקנת. (ב"ס ו').

30. טאכטער. עהרע עלטערען

ווי א זוהן איז פערפליכטעט צו ערנעהרען פאטער און מוטער,
אזוי איז א טאכטער פון דעם ניט גאר פטור.
כל מצות האב המוטלת על הבן לעשות לאביו אחד אנשים ואחד נשים חייבין. (קידושין, ל').

27) The parents are often honored because of the worthiness of the children.


28) Respect for parents is equivalent to respect for God.

29) While still young, hearken unto the voice of thy father, and it will be well with thee even unto old age.

30) The daughter is not exempt from duties incumbent upon a son.


31. פערגיב דעם פאָטער

פערגיב דעם פאָטער ווען עס וועבט זיך אוים זיין פערשטאַנד
ווי זיך צו בענעהמען,
און דו זאָלסט זיך פאָרזיכטיג היטען,
טאָמער וועסטו איהם פערשעהמען.
שאהו כי פג טעמו והשמר פן תבזהו (ב״ס ג׳).



32. הערצליך — רעספעקט

רעספעקט דיין פאָטער מיט דיין גאַנצען הערצען
און ניט פערגעס פון דיין געווינערין איהרע שמערצען.
בכל לבבך כבד אביך ואל תשכח את אשר חבלה ילדתך. (ב״ס, ז׳).



33. געדענק זיי

געדענק, פון זיי ביזטו געבוירען צו לעבען,
און וואָס קענסטו זיי פאַר אַ געצאָהלט אָפּגעבען?
זכור כי מהם נולדת ומה תשיב גמול למו. (שם).



34. אַמאָליגער כבוד

אוים גרוים רעספעקט צו עלטערען איז אַמאָליגע צייטען אַ מנהג געווען,
ארויסגעהענדיג פון שוהל זאָלען קינדער קושען עלטערען ווען זיי זעהען.
דרך בני אדם כשיוצאין מבית הכנסת כו׳ נושק לאביו ולאמו.
(עיין ברש״י ע״ז דף י״ז).

---

31) Be considerate with thy aged parent if he no longer conducts himself properly; and by all means do not shame him.

32) Respect thy father greatly, and do not forget her who bore thee.

33) Remember thy parents gave thee birth. Can they ever be repaid?

34) It is customary for children to greet their parents with a kiss upon coming from the synagogue.

35. אַ פאָטערס ברכה

דורך אַ פאָטערס זעגען קען אַ הויז געבויט ווערען,
דורך אַ מוטערס פלוך קען זי צושטערט ווערען.

ברכת אב בנתה בית וקללת אם תהרסנה, (ב״ס ג׳).



36. רעספּעקט צו אַ פאָטער

פון כהן גדול׳ס אפוד איז אַ בריליאנט געגאנגען פערלאָרען,
זיינען קלוגע אידען דאָן קויפען אַ שטיין געפאָהרען.
זיי האָבען ביי אַ גוי, דימאַ, אַזאַ שטיין געטראָפען,
זיין פאָטער אָבער האָט אויפ׳ן שליסעל פון קאַסטען געשלאָפען,
האָט דימאַ ניט געוועקט דעם פאָטער צו געבען דעם שטיין,
פאַר אַ העכערען פרייז — ביז דער פאָטער איז אויפגעשטאַנען אליין.

פעם אחת בקשו חכמים לקנות אבן טוב לאפוד ומצאו אצל נכרי ושמו דימא והיה המפתח תחת מראשותיו של אביו ולא ציערו להעירו משנתו כי היה ישן, ואף כי הרבו במחיר בעד האבן לא נתן להם את האבן עד שהקיץ אביו משנתו אז נתן להם את האבן במחיר הקצוב. (קידושין ל״א).

---


35) A father's blessing will build a house, a mother's curse will destroy it.

36) A certain Dema showed great reverence for his father in this manner. When the High Priest lost a precious stone from his ephod, wise men went forth to purchase it's duplicate. It so happened that Dema had this stone. When these men came to him to purchase the needed gem, and offered him an attractive price he told them he could not sell it to them just then, since his father slept in the room where the key to the trunk containing the gem was located. They offered a more attractive price, thinking he was merely holding out for a greater reward. But he refused to disturb his father for any price, and waited until he awoke before he brought forth the jewel.

37. לעבט לאנג

ווער עס האַלט עהרליך זיין פאַטער וועט לאַנג לעבען,
און ווער עס היט די געבאָט וועט פרייד זיין מוטער געבען.
(ווייל אייניקלאך זעהען ווי זייער פאַטער שעצט דעם אַלטען,
אזוי וועלען זיי זייער פאַטער אויך אמאָל עהרליך האַלטען).

מכבד אביו יאריך ימים ושומר מצוה ישמח אם (כי הילדים יראו איך אביהם מכבד את אביו הזקן כן יכבדו גם הם את אביהם בזקנתו).
(ב"ם, ג').



38. אַ גוטער זוהן

אַ פאַטער פון אַ פרומען מאַן צו טרינקען פיעל ווייַן אין שענקען
איז געווען אַ בעלן,
און ווען ער פלעגט זיך גוט אָנשכור'ן
פלעגט ער אין מיטען מארק אוועקפאַלען.
ווילדע קינדער פלעגען איהם שלאַגען, שרייען: זעהט אַ שכור!
מיט שטיינער בעפאַלען.
ווען זיין זוהן פלעגט דאָס זעהן פלעגט ער זיך זעהר שעהמען.
האָט ער געזאָגט, פאַטער! אַלע וויינען פון לאַנד וועל איך פאַר דיר נעמען
אבי ניט נעה טרינקען אין שענק מיך צו פערשעהמען.
נאָך פיעל ריידען צום אַלטען פאַטער אַלע טאָג,
האָט דער אַלטער פאַטער אָנגענומען זיין פאַרשלאַג.

---

37) He who respects his father will live long, and he who obeys the commandments brings joy to his mother. For when the grandchildren see how greatly honored are their grandparents by their parents, they, too, will respect their own parents.

38) The father of a worthy and pious man would often become drunk and cause him great humiliation by being found in a drunken condition at the public market. Therefore the son had the best of wines brought into the house of his father, so that he might drink at leisure, and yet not bring shame upon his son by drinking in public places.

פלעגט ער טעגליך צוגרייטען עסען, טרינקען און איהם לאָזען שלאָפען,
נאכהער איז דער זוהן צו זיין ארבייט אוועקגעלאָפען.

אבי איש חסיד אחד שתה יין הרבה בבתי מרזח, ובהיותו שכור נפל בשוק, ונערים שובבים הכו אותו באבנים ויקראו אחריו, ראו שכור! כאשר ראה זאת בנו, נכלם, ויאמר: אבי! מכל היין שבמדינה אקח בעדך, אך אל תלך לשתות בבית היין להביא עלי בוז ולעג, ובדברו אליו יום יום התרצה האב הזקן, והבן הכין לו בכל יום מאכל ומשתה ומישנו ואחר כן הלך לו לדרכו. (תנחומא שמיני).



39. עהרעפורכט צו עלטערען

עהרעפורכט פאַר עלטערען זאָל זיין ווי פאַר גאָט,
ווער נאַר אַ פאָטער אָדער אַ מוטער האָט.

השוה הכתוב מוראת אב ואם למוראת המקום. (קידושין ל׳).



40. עהרע עלטערען


דער מענש וואָס איז ניט קיין גוטער
ערגערט אָפט פאָטער און מוטער,
זאָגט דאַן גאָט איך האָב געטאָן גוט
וואָס איך האָב מיט זיי צוזאַמען ניט גערוהט.

בזמן שאדם מצער את אביו ואת אמו אמר הקב״ה יפה עשיתי שלא דרתי ביניהם. (קידושין, ל״א).

---

39) The fear for parents should be the same as for the Almighty.

40) Wherever parents endure disrespect, Gods presence is never found.



פרק שני

אהבת ציון

אספת מאמרי חז״ל על דבר ציון המצוינת והעתקת מלשון הגמרא ללשון יהודית אנגלית ועברית בלשון צח ונקי להבין לכל אדם ובמקומות אחדים בארתי גם את הצפון בדברי חז״ל לפי שכלי הדל אשר חנני ד׳ בחסדו.

הראיה מביאה לידי זכרון, וזכרון מביא לידי מעשה. (תנחומא הק׳ פ׳ בשלח).

ציונס פאָהן

ציונ׳ס ווייס-בלויע שעהנע פאָהן,
איז דער שטאָלץ פון אונזער נאַציאָן.
דער מגן-דוד, דער סימבאָל פון לאַנג-אָן,
האָט פיעל גוטעס אונז אידען געטאָן.
יעטווידער איד לעגט צו א האנד
צו אויפבויען אונזער הייליגע לאנד
און האָט פאר אידישט דעם פערשטאַנד.
צום קרן-היסוד גיבען אלע א שטייער,
גלות-אידען זאָלען ווערען פרייער.
פאר דער פאָהן ועלען אידען אלעס אָפּגעבען,
צו פארטהיידיגען זי אויך מיט׳ן לעבען.
די נאַכט געהט אוועק ס׳ווערט שוין טאָג,
נישטאָ-מעהר קיין פּאגראָמען-קלאָג.
חושך פערשווינדעט, צו טאָג איז ניט ווייט,
עס פאנגט זיך שוין אָן משיח-צייט.
ציון וועט דורך גערעכטיגקייט ווערען פריי,
און איהרע צוריקגעקערטע דורך געבען צדקה טריי.

אין ירושלים נפדה אלא בצדקה.
ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה.
(שבת, קל״ט).


פרק שני

אהבת־ציון — ליעבע צו ארץ־ישראל



1. ליעבע צו ארץ ישראל

מען גיט אונז אונזער לאנד ציון פריי, אבי נאר בוי און ארבייט געטריי,
שויז גיט מען דארט לכל ישראל, מיט׳ן קרן היסוד צו בויען ארץ־ישראל,
א גרייטער טיש, א מעסער, פלייש, פיש, נאר מיר זיינען אבער פויל,
אפילו צו עפענען דעם מויל, מיר זאלען בעזיצען ארץ־ישראל.
הרי שלחן והרי בשר והרי סכין כו׳ ואין לנו (פה) לאכול (מחוסר הרצון להשיג א״י). (קידושין, מ״ז).



2. ציון דורך פייער

דורך קריעג, שווערד און בראנד־פייער
איז חרוב געווארען ציון וואס איז אונז טייער,
און יעצט דורך מלחמה־פייער איז ציון פרייער
צו בויען זיי גיבען אלע צום קרן־היסוד צושטייער.
ווי דורך פייער האבען מיר ארץ־ישראל פערלארען
אזוי האבען מיר זי דורך מלחמה־פייער די לעצטע יאהרען.
אזוי האט גאט גענעבען אמאל דעם פערשפרעכען,
צו העלפען אונז ווידער אויפבויען דאס לאנד אין גיכען.
אמר הקב״ה אני הצתי אש בציון כו׳ ובאש אני עתיד לבנותה.
(ב״ק ס׳).

CHAPTER II — LOVE OF ZION

1) The table is set, both meat and fish, and yet we do not eat. In like manner do we ignore the great opportunity when Zion is offered to us.

2) Zion, our beloved, has been laid waste by sword and fire; but by sword and fire is she now being rebuilt, for this has been the promise of the Lord.

3. משיח וועט קומען

נאר ווען אלע אידען, וועלען לעבען אין פרידען,
אלע צו ציון וועלען זיין טריי, — דאן וועלען מיר ווערען פריי.
אין הקב"ה מבשר את ישראל שיהיו נגאלים אלא בשלום.
(דברים רבה פ"ח).

4. ציונס לופט

די לופט פון ציונ'ס לאנד
מאכט קלוג דעם פערשטאנד.
אוירא דארץ ישראל מחכים. (ב"ב קנ"ח).

5. חלוצים

די חלוצים ווי קנעכט ווילען פון ארץ ישראל שטיינער — בויען,
און חלוצות פון ארץ־ישראל־ערד ווילען סטראיען. (כתובות, קי"ד).
כי רצו עבדיך את אבניה ואת עפרה יחננו. (תהלים ק"ד).

6. העלפען ציון

וואס מעהר צדקה פאר ציון איהר וועט געבען
וועלען מיר דאן אין גיכען אלע דערלעבען
אונזער לאנד אויפבויען פון דאס ניי,
און פיעלע גלות־אידען וועלען ווערען פריי.
גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה. (ב"ב ז').

---

3) When Jews the world over will live in harmony and peace, and ardently love Zion, then, and only then will Messiah come.

4) Even the air of Zion makes its inhabitants wise.

5) Thy servants take pleasure in the very stones of Zion, and delight in its earth.

6) Benevolence will help to bring about the redemption of our Holy Land.

7. מען וועט מוזען געהן אין ציון

אויב אידען וועלען ווערען פרום און צו ארץ־ישראל געטריי,
דאן וועלען זיי פון גלות אין ציון געהן פריי.
אויב ניט, וועט גאט אויפשטעלען רעגירער מיט המנ׳ס געזעצען,
און זיי וועלען מוזען לויפען אין ציון זיך בעזעצען.
אם ישראל עושין תשובה נגאלין כו׳ ואם לאו הקב״ה מעמיד מלך שגזרותיו קשות כהמן, ועושין תשובה. (סנהדרין, צ״ז).

8. אלע ליעבען ארץ ישראל

אפילו די בערג פון ציון זיינען ליעב ביי קריסטען,
טא ווי הייליג און טייער דארפען זיי זיין ביי ציוניסטען!
אפילו הרי א״י חביבים על עכו״ם. (חולין, ס׳).

9. משיח קומט

ווען שולען, תלמוד־תורות וועלען ווערען קלובען פון אויסגעלאסענהייט,
וועט דאס זיין א בעווייז אז עס איז געקומען משיח־צייט.
דור שבן דוד בא, בית הועד יהיו לזנות. (סנהדרין צ״ז).

10. משיח צייט

ווען רבנים, תלמידי חכמים, ווערען ווייניגער
און אונגליקען א סך אין דער וועלט,
איז עס א בעווייז, אז משיח האט שוין זיין פוס אין וועג געשטעלט.
דור שבן דוד בא בו ת״ח מתמעטים וצרות רבות מתחדשות.
(סנהדרין, צ״ז).

---

7) If Israel will repent they will be redeemed and return rejoicing into Palestine, but if they do not, the hardships of the diaspora will compell them to repent.

8) The mountains of Zion are a delight even to Gentiles. How much more sacred should they be to Israel.


9) When academies of learning will be turned into houses of ill fame, it is a sign that the days of the Messiah are nigh.

10) When the number of scholars will diminish and heresy is in vogue, that, too, is a sign that Messiah will soon be here.

11. נעהם אנטהייל אין פאָלק

ווער עס נעהמט אַנטהייל אין פאָלקס-ליידען,
וועט דערלעבען צו זעהן דעם פאָלקס פריידען.

המצער עם הצבור, זוכה ורואה בנחמת צבור (תענית י״א).



12. וואוהין די פיס געהען

צו דעם אָרט וואָס עס איז מיר ליעב און זיס,
אהין פיהרען מיך אימער מיינע פיס.
דארום פאָהרען אין ציון חלוצים און חלוצות
צו זיין אין דער הייליגער מוטער־ערד׳ס שוים.

למקום שאני אוהב, שם רגלי מוליכות (ע״כ חלוצים וחלוצית נוסעים לא״י). (תוספתא סוכה נ״ג).



13. וואָרום אידען זיינען אין גלות

גאָט האָט די אידען אין גלות צושפרייט צווישען אַלע נאַציאָנען
זיי צו בעקאַנען מיט גאָט און לערנען זיי אידישע טראַדיציאָנען.
אידען זיינען געוועזן ביי די פעלקער גוטע לעהרער,
און האָבען פאַר רבי געלד בעקומען קלעפּ וואָס מעהרער.
יעצט אז אין אַלע שפּראַכען אונזער תורה האָבען זיי שוין,
מעגען מיר צו אונזער אלטער היים ארץ־ישראל געהן.

לא הגלה הקב״ה את ישראל לבין האומות אלא כדי שילמדו לגוים אחדות ה׳. (פסחים, פ״ו).

---

11) He who feels his peoples' grief, will participate in its joys.

12) My feet will guide me to the place I aspire.

13) Israel has been spread amongst all nations to teach the Unity of God.

14. אַ משל וועגען ציונס לאַנד

א זוהן אַ מידער פרעגט: ווען קומען מיר צו אונזער שטאָדט פאָרט?
— ווען דו וועסט זעהן, מיין זוהן, אַ בית־הקברות, דאָס איז אונזער אָרט.
פון לעצטער מלחמה־פּאָגראָמען האָבען מיר געזעהן אידישע קברים פיעל,
דאָס בעווייזט אז מיר האָבען שוין דערגרייכט ארץ ישראל, אונזער ציל.

אב ובנו הלכו בדרך רחוקה, וישאל הבן העיף את אביו, מתי נראה ונבוא אל עיר מושבנו? ויען אביו, כאשר תראה ביה"ק סמן טוב כי זה הוא מקום חפצנו — כן אחר מלחמה האחרונה ראינו הרבה קברים מבני ישראל, אות הוא כי א"י מקום חפצנו קרוב הוא לעם ישראל, כי השגנו את מטרת ומגמת נפש כל ישראל. (מדרש תהלים).

15. מאַכט שלום

ווען אַלע אידען וועלען זיין פעראייניגט אין איין באַנד,
דאַן וועלען מיר קענען קריגען ארץ־ישראל אונזער לאַנד.
אם ישראל יהיו כולם באגודת אחת, אז יזכו לא"י (ילקוט נצבים, בשינוי).

.16

16. אייל זיך צו

אייל זיך קויפען א הויז (אין ארץ־ישראל) אָדער לאַנד
ווייל עס קען אריינפאַלען צו אַן אַנדערען אין האַנד.

קפוץ זבין ארעא (מהר לקנות שדה, שלא יקנה אחר אותה) (יבמות ס"ג).

---

14) Weary and fatigued the son asks his father: "When shall we reach Zion, our destination?" And the father replies: "When we shall pass burial grounds." The parable alludes to the numerous massacres, pogroms and wars which have devastated Israel's camp, before the promise of a rejuvenated Palestine was assured to them.

15) The Jewish people must present a united front, if they hope to secure Palestine.

16) Hasten to purchase land in Palestine, ere it falls into other hands.

17. משיח וועט קומען

משיח וועט אנדערש ניט קומען צו זיין א פיהרער,
ביז אונגלויביגע וועלען ווערען רעגירער.
אין בן דוד בא עד שנהפכו כל המלכות לדעת צדוקים, (סנהדרין צ״ז).

18. גזל — רויבעריי

ווען די אידען וועלען דארפען ווערען פון גלות פריי,
וועט דאן זיין א רויבעריי נאך א רויבעריי.
דור שבן דוד בא יהיו שוללים אחר שוללים (בזוזי ובזוזי דבזוזי),
(סוף כתובות).

19. משיח קומט גיך

וועלען אידען ווערטה זיין, וועט משיח קומען
מיט הימעל־וואלקענס אין ניכען.
אויב ניט — וועט ער מוזען קומען ווי אויף אן אייזעל צו קריכען.
(הגאולה תבוא אם) זכו עם ענני שמיא, לא זכו עני ורוכב על החמור,
(סנהדרין צ״ח).

20. כותל מערבי

פון כותל מערבי די שטיינער
וועט אייביג ניט פערניכטען קיינער.
כותל מערבי של ביהמ״ק אינו חרב לעולם, (במדבר רבה פי״א).

---

17) The Messiah will come, when unbelief will enter the camps of rulers.

18) Pillage and bloodshed will precede the redemption of Israel.

19) If Israel will merit it, the Messiah will come on a celestial cloud. If not, he will come riding on an ass.

20) The "Wailing Wall" of the Temple will never be destroyed.

21. תשעה באב

דעם אכטען טאָג אין אב, קעגען דער נאַכט
האָבען אַ שלעכטען גרוס די מרגלים געבראַכט,
האָבען די אידען אַ גאַנצע נאַכט, אַ געוויין געמאַכט.
האָט גאָט געזאָגט, זיי וויינען יעצט אומזיסט גאָר,
איך וועל פאַר זיי בעשטימען אַ קלאָג פאַר אַלע יאָהר.
אותו היום ערב ת"ב היה, אמר הקב"ה כו', הם בכו בכיה של חנם ואני אקבע להם בכיה לדורות. (סוטה, ל"ה).

22. אַ פּאַפּירענער בריק


די וועלט זאָגט, אין משיח׳ס צייט וועלען אידען האָבען פיעל גליק,
אידען וועלען געהן אויף אַ פּאַפּירענעם בריק —
גוים אויף אַן אייזערנעם בריק.
די גוים וועלען איינפאַלען, און די אידען וועלען גוט איבערגעהן.
מיר האָבען פון לעצטער מלחמה דאָס געזעהן שוין אַליין:
דייטשען האָבען צו ארץ־ישראל אייזערנע וועגען, בריקען, געמאַכט.
און די אידען האָבען דאָרטען געקראָגען שוין אַ מאַכט,
צו בויען און פלאַנצען די לאַנד זאָל ווערען אַ פּראַכט.
נאָר דורך אונזער פּאַפּירענער הייליגער תורה
האָבען מיר יעצט פאַר קיינעם ניט קיין מורא —
דער פּאַפּירענער תנ"ך איז אונזער בריק און גליק.
מה שאומרים העולם כי בימות המשיח ילכו עכו"ם על גשר ויפלו משם כי כן ראינו כי האשכנזים הכינו גשרים עד א"י לשלוט בה.

---

21) The spies sent out by Moses brought back sad news on the eve of the ninth of Ab. All that night the Jews wailed and lamented. Therefore the Lord said: "Now since they wail in vain, I shall appoint this day as a day of mourning for all generations."


22) An old saying tells us that when Messiah will come the Jews will cross a paper bridge and yet do so in safety, while others may perish even though they pass over bridges of steel and iron. The moral simply is this: With the Torah, our paper fortress, we Jews have withstood the persecution of the ages, while those who relied upon the steel sword, were soon annihilated.

ולא עלתה בידם, ואנחנו בני ישראל, ע"י הגשר הנייר, היא תורתנו הקדושה, עלתה בידינו להחזיק ולשבת שם. (ילקוט ישעיה ת"ק).




23. ווי איז משיח'ס נאָמען ?

חיים: — ווי איז משיח'ס נאָמען ? זאָג נאָר מיר ?
שלום: — איך וועל זאָגען דיר — ער האָט נעמען פיער.
מנחם — שילה — ינון — חנינה — ר"ת די ערשטע בוכשטאבען.
(סנהדרין, צ"ז).




24. א גוטע עצה

טרייסעלט זיך אָפּ, ווי א הוהן איהר פליגעל פון זאמד,
אזוי טרייסעלט זיך אָפּ אידעלאך, די שטויב פון גלות-לאנד.
התנערי מעפר כתרנגולתא דמנערה גופה מעפר כן בני ישראל יתנערו מעפר הגלות וילכו לארץ ישראל. (ב"ר פ' ע"ד).



25. העלף דיין פאָלק

ווער עס שליסט זיך אוים פון אידישען פאָלק,
וועט ניט זעהן איהר טרייסט, איהר ערפאָלג.
זה שפירש מן הצבור לא יראה בנחמתו. (תענית י"א).



26. ירושלים'ס פרייד

ווען ירושלים וועט אויסגעבויט זיין,
וועלען אלע אידען זיך פעראייניגען פיין.
כשתבנה ירושלים אז יתאחדו כל ישראל באגודה אחת.
(ירושלמי, ב"ק פ"ז).

---

23) The Hebrew term for Messiah indicates that he has been designated by four names, Menahem, Shiloh, Jonan, and Chaninah.

24) Shake off the dust of your exile, even as the hen shakes off the dust from her feathers.

25) He who deserts his people will never participate in its joys.

26) The rebuilding of Jerusalem will unite the Jewish people the world over.

27. אַ געפּערליכער ביישפּיעל

רב זירא האָט געוויזען ווי ליעב ער האָט דאָס הייליגע לאַנד,
פון בבל ביז ארץ־ישראל האָט ער ניט געהאט קיין שיף ביים האנד,
האָט ער א ברעט מיט א הענטעל גענומען,
און האָט מיט סכנה דעם ים איבערגעשוואומען.
רבי זירא הראה כמה חביבה ליה ארץ ישראל, לא אשכח מעברא לעבר
את הים, לקח קרש והתקין לו בית יד ועבר בסכנה את הים.
(כתובות, קי"ב).

28. ארץ ישראל אַ לאַנד פון מילך און האָניג

רמי בר יחזקאל האָט אין בני־ברק אין ארץ־ישראל אַן אָרט געפונען,
וואו ציגען עסען פייגען און פון די פייגען האָט האָניג גערונען,
און ס׳האָט זיך פערמישט מיט די מילך וואָס האָט פון די ציגען גערונען,
האָט ער געזאָגט, דאָס איז דאָס לאַנד וואָס רינט מילך און האָניג.
רמי ראה עזים אכלו תאנים וחלב נטפו מדדיהם ונתערבו יחד; אז
אמר ארץ זבת חלב ודבש היא ארץ ישראל. (כתובות קי״א).

29. ארץ ישראל אין דער צוקונפט

אין דער צוקונפט וועט אַרץ־ישראל אַרויסברענגען
צוקער־קוכענס און זיידענס צו עקספּאָרטירען,
און פערשידענע שפּייזען
אין אנדערע לענדער צו פונאנדערפיהרען.
עתידה ארץ ישראל שתוציא גלוסקאות וכלי מילת (שבת ל׳).

---

27) It is said of Rabbi Zera that when he was unable to secure passage on a boat to reach Palestine, he built a raft and, regardless of the danger, crossed the perilous sea to reach his beloved land.

28) Rami, son of Ezikiel once came upon some goats who were eating rich, honeyed figs. They ate of this sweet food to such at extent that their milk flowed to the ground. So he said: "Verily this is a land flowing with milk and honey."

29) Palestine will in the future export much wheat and silk.

30. איבער ווענען איז מען אין גלות?

אידען זיינען אין גלות ביי די קריסטען,
נאר איבער די אידישע קאפיטאליסטען,
ווייל נאר זייער גאנצע געלד אמבעסטען
האבען זיי בעדארפט אין ציון אינוועסטען,
אבער זיי האלטען ביי זיך די געלד איבעראל,
דארום זיינען אין גלות אלע אידען בכלל.
אין בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכים, (סנהדרין צ"ב).

31. נאר אין משיח'ס צייט

ווען איז ציון וועלען זיך עפענען די טירען,
די בעפרייטע אידען אין ציון צו פיהרען,
אך און וועה וועט זיין צו דער נאציאן,
וועלכע וועט צו די אידען שלעכטעס טהאן.
אוי לאומה שתמצא בשעה שהקב"ה עושה פדיון לבניו כו' (אם יעלה על דעתם לעכב את ב"י), (סנהדרין ק").

32. זיצט אין ארץ ישראל

ווער עס וואוינט אין ארץ ישראל מיט זיין פרוי און קינד,
רוהט ער אויף זיכער אימער אהן א זינד.
כל הדר בארץ ישראל שרוי בלא עון, (כתובות קי"א).

33. האט גאט אין הארצען

ווער עס וואוינט אין ארץ ישראל האט ער אין הארצען גאט,
אבער אין גלות האט ער בלויז אייניגע געבאט.
כל הדר בארץ ישראל דומה כמו שיש לו אלוה (כתובות ק"י).

---

30) Just as soon as Jewish capital will be interested in Palestine, the redemption of our Holy Land will be assured.

31) Woe to that nation that will place stumbling blocks in the path of Israel's return to his heritage.

32) To live in Palestine is to minimize opportunities for sin.

33) Those who live in Palestine surely have God in their hearts.

34. משיח'ס צייט

ווען עלטערע מענשען וועלען פארשעהמט ווערען פון יונגע־לייט,
זאלט איהר וויסען אז דאס איז שוין משיח צייט.
דור שבן דוד בא בו נערים ילבינו פני זקנים כו' (סנהדרין צ"ז).

—◇—◇—

35. גאט וועט פירען אין ציון

די אויסגעלייזטע דורך גאט צו ציון וועלען אומגעקערט ווערען,
אבער ניט דורך אליהו'ן וועלען מיר זיך נאך ארץ ישראל אומקערען;
מיר וועלען פון די שלעכטע גוים מוזען אנטלויפען
און מיר וועלען די לאנד ארץ ישראל נאר אויסקויפען.
ופדויי ד' ישובון (ישעיה) לא פדויי אליהו כו' (מדרש תהלים ק"ד).

—◇—◇—

36. מיר וועלען אויסגעלייזט ווערען

ווען איינער איז טרויעריג, ווארום זאלען מען איהם נאך מער מאכען טרויערען?
מיר וועלען אהן תשובה אויך אויסגעלייזט ווערען וויפיעל עס וועט ניט דויערען.
דיו לאבל שיעמוד באבלו כו' (סנהדרין צ"ז).

—◇—◇—

37. דער שיינער בית המקדש

ווער עס האט ניט געזעהן דעם בית־המקדש
ווי שעהן ער איז געווען
האט אויף זיין לעבען א שעהנעם בילדינג
קיינמאל ניט געזעהן
מי שלא ראה בהמ"ק בבנינו לא ראה בנין מפואר מעולם, (סוכה נ"א).

---

34) When old age shall be shamed by youth, it is a sign that the Messiah is nigh.

35) The redemption of Palestine will be through God, and not through any other agency.

36) When one mourns do not add to his sorrow. In like manner do not preach that Israel shall always be in the diaspora.

37) He who has not witnessed the glory of the Temple, has never seen an inspiring structure.

38. זינט דער בית המקדש איז חרוב

זינט דער בית המקדש איז חרוב געווארען,
האבען מיר אלע טאג א פלוך צו פערטראגען,
אויך דער רעגען, גיט אונז ניט קיין זעגען,
און אויך אהן א טעם איז די פרוכט,
אויך זיי זיינען ניט פעט ווען מען פערזוכט.


מיום שחרב בהמ"ק אין יום שאין בו קללה ולא ירד הטל לברכה וניטל טעם פירות כו' אף ניטל שומן הפירות כו' (סוטה מ"ח).



39. ווען פרומע ווערען ווייניגער

אויב דו זעהסט אז פרומע ווערען ווייניגער,
צרות, אומגליקען קומען אלץ וואס מעהר,
זאלסטו דאן ערווארטען שנעל דעם ערלייזער.

אם ראית דור שצרות רבות באות עליו חכה אם בא דור שמתמעט והולך חכה לו, (סנהדרין צ"ח).



40. דוד המלך'ס פרייד

דוד המלך האט געזאגט צוריק מיט א צייט:
רבוש"ע, איך האב געהערט ריידען די לייט,
ווען וועט שוין אט דער אלטער זיין טויט,
און זיין זוהן שלמה וועט זיין דאן גרייט
צו בויען דעם בית המקדש האב איך זיך געפרייט.

אמר דוד לפני הקב"ה שמחתי באומרים לי בית ד' נלך וכו', רבש"ע שמעתי בני אדם שהיו אומרים מתי ימות זקן זה ויבא שלמה בנו ויבנה בית הבחירה ונעלה לרגל ושמחתי כו' (מכות י').

---


38) The very fruit has lost its taste since our Holy Temple has been destroyed.

39) When the pious diminish, when disaster is on all sides, wait, for the Messiah will soon be here.

40) King David was so anxious to see the Temple built that he was even satisfied to hear that some wished for his death, so that his son and successor, King Solomon, should complete the holy structure.


41. ארץ ישראל אוניווערזיטעט

די געטליכקייט האט אין זיין הייליגען געצעלט
די חכמה קיין ציון געפירט, א וואוינונג באשטעלט,
אין דער געליבטער שטאדט א רוהע־פלאץ צוגעגרייט,
אין שטאדט ירושלים מיין הערשאפט צעשפרייט.
באוהל קדשו כו׳ בקריה אהובה הכין משכני ועל ירושלים כו׳,
(ב"ס כ"ד).




42. צו לעבען לאנג

אין ארץ ישראל ווער עס וועט לעבען,
לאנגע יאהר וועט יענעם גאט געבען.
תמה ואמר למען ירבו ימיכם וכו׳ על האדמה וכו׳ (דברים; ברכות ח׳).



43. ניט פערלאז אונזער מוטער ציון

פערלאזען די הייליגע ארץ ישראל מוטער, וועלכע האט אונז
געלערענט און ערצויגען,
און אין פרעמדע לענדער ח"ש די קעפ זאלען מיר לייגען?
הניח חק אמו וחבק חק נכריה (חוץ לארץ). (מו"ק פ״ג, ירושלמי).



44. וועלען מיר ווערט זיין

אז די אידען וועלען זיין ווערט וועלען זיי שנעל ווערען באפרייט,
ווען ניט וועט די פרייהייט מוזען קומען אין צייט.
זכו אחישנה, לא זכו בעתה, (סנהדרין צ"ח).

---

41) It has been ordained by God that the center of Jewish culture shall be in Palestine.


42) To live in Palestine is to live to a ripe old age.

43) How can one leave Palestine who has nursed him tenderly, even as a mother, to seek a foster mother in other lands?

44) If we shall be worthy we will be redeemed speedily, if not, we must wait until time takes its course.


45. אַלע ווערען ציוניסטען

יעדער איד וועט ווערען אַנגערופען מיט'ן נאָמען ציוניסט,
אויב נאר ער האָפט צו זעהן ארץ ישראל פון יי וועסט אָדער איסט.
ולציון יאמר איש איש אחד הנולד ואחד המצפה לראותה, (כתובות ע"ה).




46. ניט פערלאָז ארץ ישראל

ווער עס פארלאזט די הייליגע לאַנד ציון,
און וועט איז גלות לאַנד אוועקגיין,
איז גלייך ווי ער וואָלט דינען א געטץ שוין.
כל המניח ארץ ישראל ויוצא חו"ל כו׳ (אד"נ פ׳ כ"ו).



47. האָט עולם הבא

ווער נאר איז ארץ ישראל פיר איילען טוט געהן,
זיכער וועט ער די צוקונפטיגע וועלט האבען שוין,
ווייל זיינע קינדער וועלען אויך איין א גוטען וועג געהן.
כל המהלך ד׳ אמות בארץ ישראל מובטח שהוא בן עוה"ב,
(כתובות קי"א).



48. אַ גוטע עצה

טרייסעל זיך אָפּ ווי א הוהן איהר פליגעל פון זאמד,
אזוי טרייסעלט זיך אָפּ אידעלאך פון גלות שטויב לאַנד.
התנערי מעפר כהדא תרנגולתא דמנערה גפה (ב"ר פ׳ ע"ה).

---

45) Every Jew whether he be native born or not, as long as he hopes some day to see Palestine may be called a Zionist.

46) To leave Palestine is as though one encourages idol worship.

47) Those who dwell in Palestine surely will inherit the world to come.

48) Shake off the dust of thy dispersion, Oh, Israel, even as a chicken shakes off the dust from its feathers.

49. ווי טייער איז ארץ ישראל ?

די ליבע צו ארץ ישראל האבען די תלמודיסטען אזוי הויך געשטעלט
אז זיי האבען געזאגט, אפילו א גוי'אישע דינסט אין ארץ ישראל
האט יענע וועלט.


אפילו שפחה כנענית שבארץ ישראל מובטחת שהיא בת עוה"ב,
(כתובות קי"א).



50. א מאנ'ס רעכטע

א מאן האט דאס רעכט זיין פרוי און קינדער צו נייטען,
מיטצופארען אין ארץ ישראל פון א שעהנעם וואוינונג צו אן
ערגערען א צווייטען.


הבעל יכול לכוף את אשתו כו', (כתובות ק"י).



51. ווי שיין ירושלים איז געווען

ווער עס האט ניט געזעהען ירושלים'ס שעהנקייט ווען זי איז געווען
גאנץ,
דער האט ניט געזעהען קיין שעהנע שטאדט מיט אזא גלאנץ.

מי שלא ראה ירושלים בתפארתה, לא ראה כרך נחמד מעולם,
(סוכה נ"א).



52. תורה אין ארץ ישראל

אין ארץ ישראל איז דער פלאץ צו קענען לערנען תורה גענוג,
ווייל די לופט אליין מאכט דארטען קלוג.

ארץ ישראל היא מקום התורה, כי אוירא דארץ ישראל מחכים.
(ב"ב קנ"ח).

---

49) Even a heathen maid-servant, if she dwells in Palestine, may expect her share in the world to come.

50) The husband is permitted, if necessary, to compel his wife and children to live with him in Palestine.

51) He who has not witnessed the beauty of Jerusalem has never seen a lovely city.

52) The very air of Palestine makes one wise, and is conducive to the study of the Torah.

53. ירושלים פעראייניגט

וועז ירושלים וועט אויסגעבויט זיין,
וועלעז אלע אידען זיך פאראייניגען פיין.

כשתבנה ירושלים אז יתאחדו כל ישראל באגודה אחת,
(ב"ק פ"ז, ירושלמי בשינוי).

54. ניט רייד אויף ארץ ישראל

סנחרב האט פארדינט צו רופען איהם, גרויס געעהרטער מאיעסטעט,
ווייל ער האט ניט גערעדט קיין שלעכטס אויף ארץ ישראל שטעדט.

זכה סנחרב לקראותו אסנפר (מלך גדול) מפני שלא ספר בגנותו של ארץ ישראל, (סנהדרין צ"ד).

55. גייט לעבען אין ארץ ישראל

דער וואס איז אין ארץ ישראל געשטארבען געהענדיג כאטש א ביסעל צייט,
איז ער זיכער אין דער צוקונפט צו זיין צווישען די אונשטערבליכע לייט.

כל שהולך ד' אמות בארץ ישראל מובטח שהוא בן עוה"ב,
(מדרש משלי י"ז).

56. צו דערמאנען ירושלים

צום אנדענקען פלעגט אין די צירונג ווערען ירושלים גראווירט,
און רבי עקיבא האט זיין פרוי מיט אזא גאלדען שטאט פרעזענטירט.

לזכרון ירושלים היו עושים כעיר של זהב כעין עטרה כדעביד ליה רבי עקיבא, (עיין בתוספות), (שבת נ"ט).

---

53) With the rebuilding of Jerusalem, the unity of Israel will be assured.

54) Senachareb may truly be called great, for he has never spoken ill of the cities of Palestine.


55) He who passes away while in Palestine even a brief period, will surely be among the worthy in the future world.

56) Rabbi Akeba presented his wife with an ornament commemorating Jerusalem, for it was then the custom to wear such ornaments reminding one of that Holy City.

57. ארץ ישראל איז טייער

דער וואס ליגט נאר באערדיגט אין פאלעסטיין,
איז גלייך ווי ער וואלט ליגען אונטער א מזבח שטיין.


כל הקבור בארץ ישראל כאילו קבור תחת המזבח (כתובות קי"א).



58. ציון איז טייער

דער וואס וואוינט מיט זיין פאמיליע אין ארץ ישראל,
אדער געהט פיר איילען אין דער הייליגער לאנד פון בית אל,
איז ער פון די וואס ערבען די צוקונפט, פון כל ישראל.

הדר בארץ ישראל וכו' מנוחלי עולם הבא. (פסחים, קי"ג).



59. נאָר אין משיח'ס צייט

עס וועט זיך גרויסען די פרעכהייט,
אינגלאר וועלען פארשעהמען אלטע לייט,
עלטערען וועלען שטעהן פאר יונגע־לייט,
א טאכטער קעגען א מוטער,
א שנור קעגען א שוויגער־מוטער.

בעקבות דמשיחא חוצפא יסגא נערים פני זקנים ילבינו, זקנים יעמדו מפני קטנים, בת קמה באמה כלה בחמותה כו', (סוטה מ"ט).

---

57) To be buried in Palestine is to lie at the feet of our altar.

58) Those who live in Palestine, even for a short time will surely inherit the world to come.

59) It is the time of Messiah when youth shall shame old age; parents arise before children; a daughter oppose her mother or a daughter-in-law her mother-in-law.

60. אַבי אידען גייען אין ארץ ישראל

אפילו שלעכט שמעקענדיגע גאלבאן ווערט צונערעכענט צוזאמען,
מיט די צעהן שמעקענדע געווירצען און באלזאמען,
אזוי ווען גוטע און פרייע אידען זיינען אין איין באנד,
וועלען מיר האבען דאן אונזער אייגענע לאנד,
שרעקט זיך ניט פאר די פרייע סאציאליסטען,
אויב זיי זיינען חלוצים, ווערען זיי גוטע ציוניסטען.


ישראל אינם נגאלים עד שיהיו נימנים באגודה אחת,
(מדרש תנחומא פ׳ נצבים).



61. ארץ ישראל איז ליעב

עס איז מיר טייערער און ליבער פון אלעם,
ארץ ישראל פון די שעהנסטע לענדער פון גלות.

חביבה עלי ארץ ישראל יותר מן הכל, (במדב״ר פ׳ כ״ג).



62. ווי דערלעבט מען דאָס

ווען משיח וועט קומען, וועלען אלע זיין ווי ארבייטער ביי אידען,
ווי יעצט די אראבער, צו ארבייטען ווי קנעכט זיינען זיי צופרידען.

כיון דאתא משיחא הכל עבדים הן לישראל. (עירובין, מ״ג).



63. דאָס בעסטע פון ארץ ישראל

אלעס גוטעס, טרייסטונגען און זעגען,
וועט נאט פון ציונ׳ס לאנד אונז געבען.

כל טובות וברכות ונחמות אינן אלא מציון. (ויק״ר פ׳ כ״ד).

---

60) When all classes and parties within the ranks of Israel will unite, surely our Holy Land will be then redeemed.

61) Palestine is more lovely in my eyes than any other land.

62) When Messiah will come the natives of Palestine will be satisfied to serve the Jews.

63) Blessing, comfort and all good shall come from Zion.

64. די וואַנט פון מערב זייט

די גאָטהייט איז פון וועסטערען וואַנד ניט אוועק,
דארום בעטען אידען ביי דער וואַנד נעכט און טעג.
מעולם לא זזה שכינה מכותל מערבי, (תנחומא שמות).

---

65. ארץ ישראל איז הייליגער

מיט צעהן הייליגקייטען מעהר,
איז ארץ ישראל הייליגער פון אַלע לענדער.
עשר קדושות הן ארץ ישראל מקודשת מכל הארצות כו', (כלים פ"א מ"ו)

---

66. די צעהן שבטים

די צעהן שבטים וואס זיינען אַסימילירט געוואָרען,
האבען זייער צוקונפטיגע וועלט אין ארץ ישראל פאַרלאָרען.
עשרת השבטים אין להם חלק לעולם הבא, אין עתידין לחזור
(סנהדרין ק"י).

---

67. תשעה באב א יום טוב

אין דער צוקונפט וועט גאָט, פון תשעה באב
מאַכען פאַר אידען אַ פריילינען יום טוב.
עתיד הקב"ה להפוך תשעה באב לשמחה. (ילקוט איכה).

---

68. לעבען זאָל מען אין ארץ ישראל

אַ איד זאָל בעסער לעבען אין ארץ ישראל צופריעדען,
אפילו אין אַ שטאָדט, וואו גוים זיינען מעהר ווי אידען.
ידור אדם בארץ ישראל אפילו בעיר שרובה עכו"ם, (תוספתא דע"ז פ"ח).

---

64) The Shechina is ever present at the "west wall" of the Temple.

65) Palestine is ten fold holier than other lands.

66) The ten lost tribes of Israel have no portion in the world to come.

67) God will some day convert the fast of the ninth of Ab to a holiday.

68) Live in Palestine even though the Jews of that city are in the minority.


69. שבת קויפען אַ הויז אין ארץ ישראל

אז איינער קויפט אַ הויז אין ארץ ישראל אָדער ארום ירושלים,
מעג ער די פּאַפּירען שבת אויסמאַכען דורך גוים.
הלוקח בית בארץ ישראל, כותבין עליו אונו (שטר מכירה) בשבת,
(בבא קמא פ׳).



70. ווי פיהלט אַ פאָטער

ווי פיהלט אַ פאָטער ווען ער מוז זיינע קינדער צוטרייבען?
אַך און וועה צו די קינדער, ווען ביים פאָטערס טיש
קענען נישט בלייבען,
אזוי זינט מיר האָבן געזינדיגט און ציונ׳ס לאַנד פארשפּילט,
האָט גאָט, אונזער פאָטער, און מיר אידען אויך אַזוי געפיהלט.
מה לו לאב שהגלה את בניו, ואוי להם לבנים שגלו מעל שולחן
אביהם, (ברכות ג׳).



71. לאַנד אין ארץ ישראל

צו קויפען לאַנד אין ארץ ישראל, די זאַך איז פאַר אידען דער הויפּט,
אפילו אום שבת צו מאַכען די פּאַפּירען האָט די גמרא ערלויבט.
משום ישוב ארץ ישראל לא גזרו רבנן, (גיטין ח׳ עיין ברש״י).



72. זוך ניט ציונ׳ס פעלערען

ווען דו זוכסט שוין פעלערען אויף אונזער מוטער-לאַנד ציון,
געה זוך בעסער די פעלערען פון דיין אייגענער מוטער אליין,
וויל זי האָט דיך ניט ערצויגען ציוניסטיש וואָס איז שעהן.
עד שאתה בודק בתועבות ירושלים צא ובדוק בתועבות אמך.
(מגלה, כ״ה).

---

69) If one should purchase real estate in Palestine, it is permitted to draw up the necessary papers through a non-Jew if the day falls on a Sabbath.

70) Woe to the father who is compelled to drive away his children, woe to the children who were driven away from the table of their father.

71) To purchase land in Palestine one is permitted to transact business even on the Sabbath.

72) Rather than find fault with Zion, find fault with your own mother who has not educated you properly.

73. ווײַן איז שווער צו קריגען

איז משיח׳ס צײַט וועט זײַן פֿיעל ווײַן,
נאָר די פּרײַז וועט טײַער זײַן.
דור שבן דוד בא הגפן יתן פריו והיין ביוקר, (סנהדרין צ״ז).

74. צו דערמאָנען ציון

ווען דו שמירסט מיט קאַלך אָדער פאַרב דײַן הויז,
צו דערמאַנען ירושלים אַ שטיקעל וואַנד לאָז אויס.
סד אדם את ביתו בסיד ומשייר בו דבר מועט כו׳, (ב״ב ס׳).

75. ירושלים די הויפּט שטאָדט

ירושלים די הויפּט־שטאָדט פון אַלע לענדער וועט אַמאָל זײַן,
אונזער הייליגע שטאָדט וועלכע איז אין פּאַלעסטיין.
עתידה ירושלים להעשות מטרפולין לכל הארצות, (מד״ר חזית פ״א).

76. אַלע שולען אין ציון

איז דער צוקונפט וועט מען דאַוונען, לערנען און שטודירען,
אַלע האָכ־שולען אין ארץ ישראל וועט מען אַריבער פיהרען.
עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות כו׳ שיקבעו בא״י (מגילה כ״ט).

77. ארץ ישראל ווי אַ גומע

ארץ ישראל ווען אידען באַזיצען זי, ווערט זי גרעסער, שעהנער,
און ווען מען באַזיצט זי ניט, ווערט זי אײַנגעשרומפּען קלענער.
ארץ ישראל בזמן שיושבין עליה רווחא, ובזמן שאין יושבין
עליה גמדא (נתקצר), (גיטין נ״ז).

---

73) When Messiah will come, wine will be plentiful, but it shall be expensive.

74) When thou paintest thy house, omit painting a small portion to commemorate the fall of Jerusalem.

75) Jerusalem shall some day be the most important city.

76) Palestine will some day be the cultural center.

77) Palestine fully populated becomes larger, more beautiful; Palestine depopulated becomes smaller, a mere wilderness.

78. משיח קומט לאנגזאם

אנפאנגס וועט די אידישע באפרייאונג לאנגזאם ווערען בעסער
און נאכהער וועט זי שטייגען שנעל און ווערען גרעסער און גרעסער.
גאולתן של ישראל בתחילה באה קימעא קימעא (מעט מעט)
כל שהיא הולכת היא רבה והולכת וכו'. (ירושלמי, ברכות פ"א)

79. העלפט די גאולה

אז מען דערמאנט דעם נאמען פון דעם וועלכער האט געזאגט
די תורה־זאך,
דערמיט ברייננט מען אויף דער וועלט ערלייזונג, הילף א סך.
האומר דבר בשם אמרו מביא גאולה לעולם, (מגילה ט"ו).

80. געקושט די ארץ ישראל שטיינער

רבי אבא ווי אויך יהודה הלוי איז באוואוסט,
אז זיי האבען אין ארץ ישראל די שטיינער געקושט,
פון גרוים ליעבשאפט צו ארץ ישראל און פון פיעל לוסט.
רבי אבא מנשק כיפי דארעא (כתובות קי"ב).

81. קלעהרען פון משיח

רבי זירא אז ער האט געפונען געלערענטע קלערען וועגען משיח'ס
קומען,
כדי זיי זאלען מיט אזעלכע גערדאנקען נימאלס זיין פארנומען,
האט ער זיי געבעטען זיי זאלען ניט דערוויטערען משיח'ס קומען.
רבי זירא כי הוי משכח רבנן דמעסקי ביה א"ל במטיתא כו'
לא תרחקוה, (סנהדרין צ"ז).

---

78) The redemption of Palestine will at first be slow, but later it will make greater progress.

79) To call by name those who spoke words of authority concerning the Torah, is to quicken the time of our deliverance.

80) Rabbi Abba kissed the very stones of Palestine.

81) Rabbi Zera once came upon some learned men discussing the possible time of Messiah's arrival. Said he to them: "Do not venture to prophecy his coming lest ye advance the day when he is to come."

82. אידישע נעמען

מעהרערע גלות־אידען, מיט זייערע נעמען טהוען זיך שעהמען,
דארום גיבען זיי זייערע קינדער אפט גויאישע נעמען,
אבער אין ארץ ישראל, אין דער אידישער לאנד,
איז שוין פארקערט, א גויאישער נאמען איז א שאנד.
רוב ישראל שבחוץ לארץ שמותיהם כשמות הנכרים (גיטין י"א).

⟡⟡

83. די מצוה פון ישוב ארץ ישראל

די מצוה פון באזעצען אידען אין ארץ ישראל איז גרויס,
ווי פון אונזער תורה אלע תרי"ג, זעקס הונדערט מיט דרייצעהן
מצות.
(ספרי ראה).

⟡⟡

84. א תפלה

א געבעט פאר ארץ ישראל, און פאר כל ישראל,
מאר גאטעניו ציון פול מיט דיין גייסטיגען געריכט,
און אויף דיין פאלק מאר שיינען דיין עהרע־ליכט.
מלא ציון רוח משפטך ועל עמך הופע הדר כבודך, (ב"ם ל"ו).

⟡⟡

85. חלוצים

די חלוצים ווי קנעכט ווילען פון די ארץ ישראל שטיינער בויען,
און די חלוצות פון ארץ ישראל ערד־הייזער סטרויען.
כי רצו עבדיך את אבניה ואת עפרה יחוננו, (תהלים קי"ב, כתובות קי"ב).

---

82) Jews in the diaspora call their children by non-Jewish names; but in Palestine it is improper to call one except by a Jewish name.

83) To colonize Jews in Palestine is of greater import than the six hundred and thirteen commandments of the Torah.

84) Let Thy glory and Thy justice, Oh God shine upon Israel thy people and upon the Land of Israel.

85) The volunteer builders of Palestine build their homes out of the very earth and stone of the Holy Land.

86. די גאולה קומט לאַנגזאַם

ווי איינער זיצט אין דער פינסטער, אום ער זאָל ניט בלינד ווערען,
מוז מען איהם ביסלאַכווייז צייגען די ליכט לאַנגזאַם, עס זאָל געווערען,
אזוי פון פינסטערען גלות די גאולה צו אידען מיט איין מאָל אַנזאַגען,
קען דאס שאדען, זיי זאָלען דאָס ניט קענען פאַרטראַגען,
און יעדע זאך וואס קומט אַן שווער, איז דאָס טייערער נאָכהער.

גאולתן של ישראל בתחילה באה קימעא קימעא (מעט מעט)
כל שהיא הולכת היא רבה והולכת, (ירושלמי ברכות פ"א).
למשל כמי שיושב בחושך אם יביט באור גדול פתאום יעורו
עיניו, אלא צריך לפתוח לו תחילה אור קטן ואח"כ יותר
מעט עד שיוכל לסבול אור גדול, (מד"ר תהלים י"ח).
ודיוריה בחשוכא תדיר כד יבעון לאנהרה ליה בעיין לאפתחא
ליה נהורא זעירתא כעינא דמחטא, ולבתר רב כדקא
יאות, כך אינון ישראל,
וכן למאן דאתי אסוותא לאו איפו בשעתא חדא אלא זעיר זעיר
עד דיתתקף, (זהר וישלח דף ק"ע).

87. אַנטלאָפען פון גלות

פון גלות־מצרים לויפענדיג, איז דער איגנסטער שבט בנימין
געשפרונגען פריהער אין ים פאַר כל ישראל,
אזוי פון לעצטען גלות זיינען די איגנסטע סטודענטען ביל"וצעס *)
געלאָפען אין ארץ ישראל,
אויך די לעצטע יאהרען, זיינען פריהער די יונגע חלוצים געוואָרען.

*) ביל"ו ר"ת בית יעקב לכו ונלכה לארץ־ישראל. אגודת
תלמידי בתי הספר הגבוהים בחארקאָוו הלכו
ראשונים לארץ ישראל, וכן כעת בני הדור הצעיר
הם החלוצים מהרו ללכת לארץ־ישראל, ואחר־כך
השתדלו גם הרבנים והחסידים מפאלאניא וכו'.

---

86) One accustomed to darkness should see the light but slowly, and a little at a time. Likewise we Jews who have for centuries experienced the darkness of the "Galuth" must not be told of our deliverance or return to Palestine in a sudden or uexpected manner.

87) During the exodus from Egypt it was the youngest tribe, Benjamin, who preceded the rest. Likewise upon our return to Palestine, the youth of our people were first to go there.

פרק שלישי

חנוך הבנים

הפרק הזה כולל עצות ומשלים בדרכי החנוך, במוסר ומדות טובות איך לשרש בלב הצעירים רגש כבוד ואהבה לעמנו ולתורתנו, גם השקפות בדרכי העולם ובעסקי בני אדם לפי רוח הזמן והמקום בכל ארצות תבל בכלל כלם נקבצו ונעתקו על ידי

המטיף לעדת שערי ציון בדעטראָיט, מיש.

זאב אריה שאסטאק

תלמוד גדול שהתלמוד מביא לידי מעשה, (קידושין מ׳).

לערנען גוטע ראטהען — ברענגט צו גוטע טהאטען.

דער ספר וועט אייך גוטע עצות געבען
ווי קינדער צו ערציהען און גליקליך לעבען.

הרימותי עטי ללמד לבנים כבוד לאבות,
במשקל השיר הרחקתי שירי עגבות,
אם תשמעו בני ותטו לדברי אזניכם,
אז תקחו שכר וכבוד תתנו להוריכם.
אַך טוב וחסד עשו תמיד לרוב
כן דברי המחבר אריה זאב.

פתגם לילדים

שמעו נא נערים,
הן כלילדים הורים
כן לתלמידים מורים,
לכולם הם אורים
כן תורה אור
ולרגלם תאיר כנר
יש להם חשק עז
יקרים הם מפז,
אם יקראו בספרים
מזהב הם יקרים,
כי כל ידיעה
נקנית אך ביגיעה.

אם תחפוץ לדעת
הט אזנך למשמעת
הקשב לקול אביך
ואז ייטב באחריתך
כבד את הוריך
ותבוא ברכה על ראשך
שמע מהוריך תוכחות
ואל מזרים תשבחות
ואז ייטב באחריתך
לפי חפצך ומעשיך.
כן דברי זאב
אוהבכם לרוב.

פרק שלישי

חנוך הבנים — קינדער ערציהונג




1. ווי צו לערנען קינדער

ווען די צווייגעלע איז יונג איז לייכט צו בייגען
און צו א יונגען קינד איז מוסר גוט צו ריידען.
בעוד בנך נער אל תמנע ממנו מוסר — אם יגדל אז לא ישמע למוסרך,
אדידך על צוארי דבריך. (קדושין ל׳).



2. ווען זינדיגט א קינד?

ווען פיעל געלד ווערט געגעבען צו א קינד
ווארום זשע זאל ער ניט טאן קיין זינד?
מה יעשה הבן שלא יחטא—(אם כסף הרבה נתנו לו וד״ל). (ברכות, ל״ב).



3. אבי צו לערנען תורה

אויב ניט מעגליך צו לערנען תורה אין העברעאיש, אידישע שפראך,
בעסער געבען צו פארשטעהן צום קינד אין לאנדס־שפראך יעדע זאך.
אם לא יבינו ב״י שפת עבר אזי ילמדו בלשון המדינה — דבריו של
יפת באהלי שם. (מגילה, ט׳).

CHAPTER III. — EDUCATION OF CHIDREN

1) Correct thy son while he is still in his youth, for he can be bent even as the young twig.

2) When a child is given money lavishly, is it any wonder that he sins?

3) If Hebrew is foreign to you, then teach the Torah in the language you understand.

4. לערנען יונגערהייט

אין דער יוגענד אז מען לערנט איז ווי אויף נייעם פאפיר געשריבען,
און אויף דער עלטער געלערנט איז ווי אויף פאפיר וואס איז אפ־
געריבען.

הלומד ילד למה הוא דומה לדיו כתובה על נייר חדש, והלומד זקן
למה הוא דומה, לדיו כתובה על נייר מחוק. (אבות פ״ד).



5. בעסער לערען א קינד

דער איז א גראביאן ווער עס האט מורא
צו לערנען זיינע קינדער גאטעס תורה.


איזהו עם הארץ, כל שיש לו בנים ולא מגדלן לתורה (סוטה כ״ב).



6. א שאד די יוגענד

א שאד די יוגענד וואס געהט אוועק פון דער וועלט
און מען בעקומט עס ניט צוריק פאר קיין געלט.

וי לה להדא דאזלא ולא אתיא — הה! על ימי הילדות שאינם חוזרים.
(שבת קנ״ב).



7. לערן אלס קינד

דער וואס לערנט ניט קיין בוכשטאבען אלס קינד,
בלייבט ער נאריש און איז גאר ווי בלינד.

אותיות מחכימות (ולהיפך כל הלומד בנערותו הוא חכם בזקנתו).
(ירושלמי ברכות פ״ה).

---

4) To study in youth is like writing on new paper. To study in old age, is like writing on tarnished paper.

5) Who is an ignoramus? He who prevents his children from studying Torah.


6) Woe the youth that passeth, for it returneth not.

7) Not to be able to read is comparable to being blind.

8. לערנט אין דער יוגענד

איז דער יוגענד וואס מען לערענט און מען מעהרט צו לעזען,
בלייבט דאס אין קאפ לאנג ניט צו פערגעסען.

גרסא דינקותא מתקיים משל זקנה, הלומד בילדותו לא במהרה משתכח. (שבת כ"א, עיין ברש"י).



9. זייט פארזיכטיג

זייט פארזיכטיג מיט די קינדער פון ארימע לייט,
ווייל פון זיי קומען אפט ארויס גרויס געלערענטע לייט.

הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה. (נדרים, פ"א).



10. יונגערהייט

ווען א יונגער מענש לערנט נאר גוט
ווערט דאס איינגעשלונגען אין זיין בלוט.

הלומד בילדותו דברי תורה נבלעין בדמיו ויוצאין מפיו מפורשין כו'. (אדר"נ פ' כ"ד).



11. בעשטראפט א קינד

ווער פאר א זינד בעשטראפט ניט א קינד
אם ענדע מוז דאס קינד טאן א גרויסע זינד.

כל המונע לבנו מן המרדות סוף כו', כל שאינו מיסר את בנו לסוף הוא חוטא. (שמות רבה פ"א).

---

8) That which one learns in his youth, remains even to old age.

9) Do not ignore the children of the poor, for many a wise man wos born of poor parents.

10) One's very being is imbued with the Torah if it is studied during childhood.

11) If a child is left unpunished he is apt to repeat his offence.

12. טראָג אַ היטעל

אום עהרפורכט פאַר גאָט צו האָבען,
זאָלט איהר אַ יאַרמולקע אָדער אַ היטעל טראָגען,
אויך די מוטער פון רב נחמן פלעגט אַזוי זאָגען.

כסי רישיך כי היכי דתיהוי עלך אימתא דשמיא. — תכסה ראשך שתהיה עליך יראת־שמים, ירא מאלקא (זה יארמאלקא). (שבת, קנ"ז).

13. ווען צו לערנען אַ קינד

ווען דאָס קינד איז נאָך יונג און קליין
קאָנסטו איהם אויסלערנען זיך פיהרען שעהן.
ווען ער ווערט שוין צו גרויס,
איז ער ווי אַן אייזען וואָס איז ניט הייס.
מען קאָן איהם שוין ניט בויגען,
שטראָפען איהם וועט ניט טויגען.
ווען עס ברענט נאָך גוט דער פייער,
שניידט, בראָט גרינסען, וועלכע זיינען טייער.

אדמוקדך יקיד זיל קוץ קרך וצלי. (סנהדרין ל"ג).
כרות האבטיח וצלהו בעוד האש בוער, — הכל יפה בעתו.

14. לערן דעם קינד פריהער

יונגע צווייגען ווייכע ווערען אימער שנעל געבויגען
און יונגע קינדער ווערען לייכט און גוט ערצויגען.

הדא עוברתא דכרמא כו׳. ענף רך נקל לכפף ולנער קטן נקל ללמד. (מדרש משלי פ׳ כ"ב).

---


12) To show respect for God, cover thy head with a scull cap.

13) While the fire is still burning, boil your vegetables. In like manner, while the child is still young, show him the path of righteousness, for when he grows older he is no longer as pliable.

14) The young twig is easily bent; the young child is easily taught.


15. א שלעכטען קינד באשטראָפ

דעם שלעכטען קינד קלאַפּ מיט א רוט,
צום לערנען וועט דאָס איהם מאַכען גוט.
חבט חבטך דהוא טבא לאולפנא (ב"ר, ז׳).
הכה לנער בער בשבט מוסר כי ייטיב לו באחריתו.




16. ווי צו בעשטראָפען

ווען דו מוזט שוין יא א קינד בעשטראָפען אָדער שלאָגען
זאָלסטו בלויז מיט א שוה-רימענדעל, ער זאָל קענען פערטראָגען.
אם צריך ליסרו, תיסרנו אך בשרוך נעל או באזור אור דק ולא יותר מדאי.
כי מחית לינוקא, לא תמחי אלא בערקתא דמסאנא (ב"ב כ"א).



17. א קינד לערן אין צייט

ווער עס גיט לערנען זיין קינד פאַר זעקס יאָהר,
מאַכט ער איהם שוואך זיין מח זאָל ניט זיין קלאָהר,
ווען מען וועט פון איהם נאָך מאָהנען
נאָך זיינע יאָהרען שווערע לעקציאָנען.
המכנים את בנו פחות מבן ש"ש כו׳ (חלש יהיה) (כתובות נ׳).



18. לערן א קינד יונגערהייט

א בהמה האָסטו ניט געלערענט אַקערען פריהער
איז שפּעטער געוועהנען צום אַקער נאָך שווערער.
האָסטו דיין קינד ניט געלערענט אין יונגע יאָהרען,
אז ער ווערט עלטער איז זיין געדולד פערלאָרען.
הדא תורתא דלא שיפא רדיא מתקשה עליה בסיפא. (מדרש משלי, פ׳ כ"ב).

---

15) Do not hesitate to punish the unruly child, for ultimately it will be for his own benefit.

16) If you must punish your child, do it so that he can bear it.

17) Do not burden the very young with heavy discourses.

18) Teach the ox to plow while it is still young. Likewise teach the child while it is still young.

19. לערן אין קורצען

צו לערנען מיט א שילער אין קורצען מוז יעדער לעהרער,
אום דער שילער זאל בעסער געדענקען וואס מעהרער.
ישנה אדם לתלמידו דרך קצרה, (פסחים ג׳).
ואם לא יבין הנער לשון הקודש, אזי ילמדו בשפה המדוברת.




20. א טאָכטער ווי די מוטער

די טאָכטער וועט זיך לערנען און שטודירען
אזוי ווי די מוטער, וועט זי זיך אויפפיהרען.
דארום זאל די מוטער אימער זיין אָפגעהיט,
ניט טאָן אזא זאך וואס מען טאָר ניט.
כעובדי אמא כך עובדי ברתא (כאמא כן בתה). (כתובות, ס״ג)



21. נאָך זעקס יאָהר לערן אַ קינד

ביז זעקס יאָהר זאָלסטו אַ קינד צום לערנען ניט נעהמען נאָך
אָבער נאָך זעקס יאָהר לערן איהם ווי מיט אַן אָקס אין יאָך.
עד שית לא תקבל, מכאן ואילך קביל וספי לי כתורא (בעל כרחו
האכילהו תורה, כשם שנותנין עול על צואר השור. (ב״ב כ״א).



22. ווען אָנפאַנגען לערנען

ווען א קליין קינד פאַנגט אָן צו ריידען וועגען א זאך
מוז איהם דער פאָטער לערנען תורה אין דער הייליגער שפראַך.
קטן היודע לדבר אביו מלמדו לשון תורה בלשון הקודש,
(תוספתא חגיגה פ״א).

---

19) The easiest way to teach the child, is the shortest way.

20) The daughter will emulate the mother. Therefore the mother should be very careful with her words and deeds.

21) Do not compell a child under the age of six to study. But after that, spare no effort, even as the farmer spares not the ox in the yoke.

22) As soon as a child is able to speak teach him the Torah in Hebrew.

23. ניט צו אָנפאַנגען לערנען

פאַר זעקס יאָהר זאָלסטו אַ קינד אין חדר ניט פיהרען,
ער איז צו יונג אין אַ שוהלע צו קענען גוט שטודירען.
בציר מבן שש שנים לא תקבל אל בית ספרך, (כתובות נ׳).




24. לערן מיט גוטען

ביז צוועלף יאָהר זאָל דער פאָטער מיט גוטען לערנען אַ קינד תורה.
איז ער נאכהער פויל? בעשטראָף! ער זאָל צו־הונגערען,
ער זאָל האָבען מורא.
ער זאָל ניט קריגען גוט עסען, ווי אויך קיין פערגעניגען.
עד שתים עשרה מתגלגל עם בנו כו׳, ידבר עמו בנחת ואחר כך יכנו
ברצועה או בחסר מזון ועונג רב (כתובות נ׳).



25. אַ פאָטער זאָל זאָגען

איהר זאָלט, קינדער, מיין לערנען צוהערען.
די וואס היטען מיין לעהרע וועלען ניט געשטרויכעלט ווערען.
שמעו בני לתורתי, וכל נוצריה לא יכשלו. (ב״ם כ״ג).



26. לערנט פון בוך

ווער פון א ספר ועט לערנען אָדער וועט לעזען,
דער וועט גיך די זאך ניט פערגעסען.
הלומד אגדה מתוך הספר לא במהרה הוא משכח (ירושלמי ברכות פ״ה).

---

23) Do not compell the child to enter school before the age of six.


24) Be patient with the child until he reaches the age of twelve. If he is still stubborn, punish him; if necessary, deny him food.

25) Hearken into my words, ye children, and ye shall not be punished.

26) He who secures his knowledge from a book, will long remember it.

27. מען מוז לערנען

א שטאָט וואו מען וויל קינדער אין א תלמוד תורה ניט אונטערריכטען,
מאַכען זיי די אידישקייט פון די קינדער צו פערניכטען.
כל עיר שאין בה תינוקות של בית רבן כו׳ מחריבין אותה. (שבת קי״ט).



28. זאָג דיין קינד

אימער זאָג דיין קינד, ער זאָל ניט בעגעהן קיין זינד.
זיי גוט און פרום, ניט געה אין א וועג וואָס איז קרום.
תהי צדיק ואל תהי רשע, יאמר לו אב לבנו תמיד (נדה ל׳).



29. לערן דיין קינד

א קינד אַלט דריי יאָהר, לערן איהם אלף־בית נאָר.
בן ג׳ שנים לאותיות, ואם רך וחלוש אל תלמוד עמו עד שש שנים.
(עיין תנחומא קדושים י״ד).



30. טראָג אַ היטעל

זיהן אויב דו וועסט פערמאָגען,
זאָלסטו זיי אימער נאָר זאָגען,
ווער עס וועט דעם קאָפּ ניט צודעקען,
קען זיך מיט רעוומאַטיזם אַנשטעקען.
אויב דו וועסט זיי אַהן היטלען פיהרען
וועלען זיי די האָר פון קאָפּ פערלירען.
אל ילכו בגילוי ראש, כי סכנה לבריאותם וקרחה תהיה על ראשם
(עיין ויקרא רבה פ׳ י״ט).

---

27) A community without a school will soon be as though it were destroyed.


28) Follow the path of righteousness, Oh, ye children!

29) A child but three years of age, should be taught only the Aleph-Beth.

30) To go about with uncovered head is injurious both in cold and warm climates.


31. ניט שרעק אַ קינד

א פאַטער זאָל ניט שרעקען א קינד אַז ער וועט איהם שלאָגען,
ער זאָל איהם גלייך לייכט בעשטראָפען, אָדער נאָר ווייך זאָגען.
אל יראה אדם לבנו — אל יפחיד אדם את בנו שיכנו. (שמחות פ"ב).



32. באַזאָרג דיינע קינדער

אויב קינדער וועסטו האָבען
לערען זיי א לאַסט צו טראָגען.
אם בנים יש לך, חנוך אותם ומנוער הט שכמם לסבול. (ב"ס ז').



33. אַ שלעכטער זוהן

קען דיין זוהן מיט דיר ניט שטימען,
לאָז איהם אליין אויפ'ן וואַסער שווימען,
ביז ער וועט דעם ריכטיגען וועג געפינען.
בר דלא בר שכל שבקיה על עאפי מיא. (ב"ס ט').



34. ווען אייזען איז הייס

מען קאָן פון הייסען אייזען מאַכען
ווען ער איז נאָך אין פייער, אַלע זאַכען.
מיט א יונגען קינד, מיט א גוטען, אין דער שטיל
קאָן מען מאַכען פון איהם וואָס מען וויל.
נאָר באַלד ווי ער ווערט שוין אַלט,
איז ער שוין ווי אייזען קאַלט.
ברזל כל זמן שהוא בתוך האור עושין ממנו כל כלים שירצו — כן
מילדים קטנים נוכל לעשות כפי רצוננו. (אדר"נ פ' ט"ז).

---

31) Do not frighten the child. If he deserves chastisement, do so kindly, but do not hold the child in suspence.

32) If sons are born to thee, teach them to carry their share of the burden.

33) If your son does not agree with you, let him seek his own way.

34) Strike the iron while it is still hot; teach the child while he is still young.

35. שטראָף דיין זוהן

ווער עס ליעבט דעם זוהן שטראָפט ער איהם מיט רייד,
אום ער זאָל אַם ענדע פון איהם האָבען נחת און פרייד.
אוהב בנו שחרו מוסר למען יגל בו באחריתו, (ב״ם ל׳).

—◇—◇—

36. לערן ווען יונג

ווען דאָס קינד איז נאָך יונג זיין קאָפּ זאָלסטו בויגען
ער ווערט הארט, פּאָלש צו דיר, דאַן וועט ניט טויגען.
עודנו רך כף ראשו ובנעוריו הט שכמו פן יקשה ערפו ויבגד בך, (שם).

—◇—◇—

37. בילדונג מאַכט רייך

ווער עס איז געלערענט און דערצו קלוג
מוז ער אַם ענדע קריגען אויך געלד גענוג.
אדם שיש בו דעה (השכלה) לסוף מתעשר, (סנהדרין צ״ב)

—◇—◇—

38. שפּייז דיין זוהן מעסיג

ניט פּאראיידעל דיין זוהן צו געבען איהם נאָר פלייש און וויין,
גיב איהם בעסער איינפאַכע, נאַרהאַפטע שפּייזען, וועט ער געזונד זיין.
לא ילמד אדם (להאכיל) את בנו בשר ויין (לפנק אותו יותר מדי),
(חולין פ״ד).

—◇—◇—

39. לערען ווי צו עסען

א יונגען קינד לערן, אז ווען ער ווערט גרעסער,
זאָל ער עסען נענוג און ניט זיין קיין פרעסער.
מלמדין את האדם שלא יהא רעבתן (ב״מ צ״ב).

---

35) If you love your child, spare not the rod; in time to come you will be glad you punished him.

36) When the child is still young he is pliable, but when he becomes older he may become stubborn and unrully.

37) The man of wisdom will eventually enjoy wealth.

38) Teach thy son to eat good wholesome food.

39) Do not allow thy son to be a glutton.


40. עס ווערט פערגעסען

אויב מען וועט די קינדער ניט לערנען און ערקלעהרען,
וועט די תורה מיט דער צייט פערגעסען ווערען.
עתידה תורה שתשתכח מישראל כו׳, (שבת קל״ח).




41. זיי בעשיידען

מיין זוהן, דיינע טהאטען ערפיל מיט בעשיידענהייט,
וועסטו געשעצט ווערען אימער פון אלע גוטע לייט.
בני הכן בענוה כל מעשיך ויקרת בעיני אנשים יקרים (ב״ס ג׳).



42. בלעם׳ס ווערטעל

בלעם האט אמאל געזאגט, א ריכטיגען גוט ווארט:
געהט איבער די שוהלען, הערט איהר לערנען אידישע שטימען,
וועט איהר געוויס די אידען ניט קענען בייקומען.
און אויב איהר וועט זיי לערנען ניט הערען,
וועלען זיי דאן געוויס איינגענומען ווערען.
לכו וחזרו על בתי כנסיות ובתי מדרשות של ב״י, אם מצאתם שם תינוקות מצפצפים בקולם אין אתם יכולים כו׳ כי הקול קול יעקב, בזמן שקולו של יעקב מצוי בבתי כנסיות אין הידים ידי עשו, ואם לא אתם יכולים להם. (ב״ר פ׳ ס״ה).



43. צו לעבען לאנג

א מענש דארף זיין קינד תורה, קענטעניס געבען,
דאן וועט ער געוויס לאנג לעבען.
צריך אדם להכנים בנו לתורה ולחנכו בלמוד שיאריך ימים בעולם שנאמר כי בי ירבו ימיכם (שיר רבה ע״פ משכני).

---

40) Teach the Torah lest it be forgotten altogether.


41) My son, be thorough in whatever you do, thus will you become beloved by all.

42) Go to the school and synagogue, said Balaam, and if you hear the Israelites studying the word of God, know then, that they cannot be conquered. If however, the schools and synagogues are silent, know then, that they will be conquered.

43) Teach thy son the Torah, for this will add many years to his life.


44. אַלע קינדער זיינען גלייך

צוליעב צוויי טאָלער אויף אַ זיידען העמדעל פאַר יוסף'ן
וואָס יעקב האָט בעצאָהלט מעהר,
האָבען די ברידער זיינע מקנא געוועזן און מיטגעבראַכט,
אז אידען זאָלען דיענען צוויי הונדערט צעהן יאָהר שווער.
בשביל משקל שני סלעים מלת שהוסיף יעקב ליוסף על שאר בניו, נתגלגל הדבר ונתקנאו בו אחיו וירדו אבותינו למצרים ונשתעבדו שם ר"י שנים. (מגילה, ט"ז).



45. פון אַ רעה איז אַרויס אַ טובה

צו צוויי און צוואַנציג יאָהר וואָס ס'האָט געטראָפען רבי אלעזר'ן
האָט ער געזאָגט.
דעם פאָטערס פעלד האָב איך געאַקערט און געקלאָגט,
ווייל צו לערנען תורה האָט מיין ווילענסקראַפט מיך געיאָגט.
איז דאַן אַ בהמה געפאַלען און אַ פוס צובראָכען, איז אויס מורא,
האָב איך געמוזט אַנטלויפען צו רבי יוחנן בן זכאי לערנען תורה.
לטובתי נשברה רגל פרתי. (ירושלמי הוריות פ"ג).



46. אַלע גלייך

סיי דו ביזט אָרים און סיי דו ביזט רייך,
בעהאַנדעל אלע דיינע קינדער אימער גלייך.
עס זאָל ניט זיין קיין שום שנאה ווידער,
ווי אַמאָל צו יוסף'ן פון די ברידער.
אל ישנה אדם בנו בין הבנים (שבת י').

---

44) Because Jacob showed favor to Joseph, the jealousy of his brothers was aroused, and because of this act their descendents served many years in Egypt.


45) Rabbi Elazar fled from his father's farm fearing punishment when the ox he was plowing with fell and broke its leg. He came to Jochanan ben Zakkai to study and thus became a famous scholar.

46) Do not make any favorites among thy children.

47. עטיקעט

ווער עס האט ניט קיין שטאאט — עטיקעט,
אזא איינער קען אויך ניט זיין געבילדעט.

אם אין דרך ארץ אין תורה. (אבות פ״ג).



48. לערן

ווער עס האט זיך ניט קיין לעהרע פערשאפט,
אזא איינער האט ניט פלאץ אין דער געזעלשאפט.

אם אין תורה אין דרך ארץ. (שם).



49. עהרע די לעהרע

ווער עס בעעהרט די לעהרע,
דער געפינט ביי מענשען עהרע.

כל המכבד את התורה גופו מכובד על הבריות. (אבות, פ״ד).



50. קינדערשער לערנען

רבי יהושע האט געזאגט, אז ווער פון זיין קינד א פרשה חומש הערט,
איז גלייך ווי ער וואלט פון בארג סיני די תורה געהערט.

רב יהושע אמר מי ששמוע מבנו פ׳ חומש דומה כאילו שמע דברי
תורה אצל הר סיני. (ירושלמי שבת א׳ בשינוי).

---

47) He who has no knowledge of the Torah, cannot conduct himself properly.

48) Likewise, he who does not know how to conduct himself properly, has no knowledge of the Torah.

49) He who respects the Torah, is in turn respected by his fellow men.

50) Rabbi Joshua would say: Whenever I hear a child reciting but a small portion of the Law, it is as though I heard the entire Torah at Mount Sinai.

51. ניט זוך פערגעניגען

ווער עס ליעבט רייכקייט און פערגעניגען,
דער קאן ניט לערנען, קיין תורה קריגען.

כל מי שאוהב עושר ותענוג, אינו יכול ללמוד תורה, (תנחומא נ״ח).



52. א וויץ פאר׳ן לערנען

רבה פלעגט פאר׳ן לערנען זאגען א וויץ אויף צום לאכען,
נאכהער פלעגט ער מיט עהרפורכט צו לערנען מאכען.


רבה מקמי דפתח להו כו׳ (קודם שהתחיל ללמוד היה אמר דבר שחוק ואח״כ היה מלמד עם התלמידים ביראת הכבוד. (שבת ל׳).



53. לערן טעכטער לשון קודש

עס איז א פליכט צו געבען א העברעאישע ערציהונג אידישע טעכטער,
זיי זאלען ניט ערציהען זייערע קינדער צו לייטישע געלעכטער.

חייב אדם ללמד את בתו תורה כ״ד בן עזאי, (סוטה ב׳).



54. זאלסט וואוינען וואו א תלמוד תורה

מען טאר ניט וואוינען אין אזא שטאט דארט
וואו עס איז ניטא קיין מלמדים אין דעם ארט.

אסור לדור בעיר שאין שם מלמד תינוקות (סנהדרין, י״ז).

---

51) He who loves riches and wealth cannot acquire the knowledge of the Law.


52) Rabbi Rava would start his discussion with a story or two, but thereafter he would teach in all seriousness respect for the Torah.

53) Educate thy daughters in the law of Moses, so that their children may be brought up in the fear of God.

54) One should not reside in a place where no teachers are available.

55. חדר אינגלאך

די פלאנצונג פון גאטעס הויז
ד"מ קינדער פון א ת"ת, פון א קלויז.
שתולים בבית ה', אלו התינוקות שהם בבית הספר. (מדרש ש"ט צ"ב).



56. צו ערקלעהרען גוט

א תורה זאלסטו ערקלערען דייטליך צו פערשטיין
ווי א געגרייטער טיש צום עסען די צוהערער זאלען פערשטיין.
אשר תשים לפניהם כשלחן ערוך. (עירובין נ"ד, גם ברש"י משפטים).



57. לעהרער און שילער

די וואס האבען צו פילע גוטעס געטאן זיי זאלען געלערענט זיין
וועלען ווי שטערן אין הימעל עוויג האבען דעם שיין.
ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד, אלו מלמדי תינוקות. (ב"ב ח').



58. אימער צו געניסען

די זאכען וואס א מענש פארזוכט, גלייך פון די פרוכט
און דער גרונט־קאפיטאל בלייבט אויף דער צוקינפטיגער צייט,
איז צו געבען קינדער לערנען תורה אין צייט.
דברים שאדם אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קימת לעולם הבא —
זה המגדל בניו לתלמוד תורה. (שבת, קכ"ז).

---

55) School children are as the flowers in the garden of God's house.

56) Be explicit in your teaching, even as one is careful in setting a table properly.

57) Those who teach earnestly and sincerely will shine as the stars in heaven.

58) Of the things of which man enjoys in this world, and the principal remains for him in the world to come, the teaching of children is the most important one.


59. זייט פאַרזיכטיג

באַרירט ניט מיינע געזאַלבטע חדר קינדער, לאָזט זיי לערנען ניט און מיינע פּראָפעטען געלערענטע ת״ח פּלאָגט ניט.

אל תגעו במשיחי אלו תינוקות של בית רבן ובנביאי אל תרעו — אלו ת״ח. (שבת, קי״ט).

---

59) Do not oppress my prophets nor deal harshly with my learned men.



פרק רביעי

דרך ארץ ומדות טובות

קיצור מסכת דרך ארץ רבה
ומסכת דרך ארץ זוטא

נכתבו ונעתקו במשקל השיר בחרוזים

ומאשר כל המאמרים הם בשני התלמודים ומדרשות ושאר ספרים מפוזרים מאד זעיר שם זעיר שם, ואין כל סדר להם, לכן מאד קשה על אדם בזמננו ללמוד עיקר האגדה ולמצא מאמר נחוץ מתוך גופי המקורות או עצה טובה לעת מצוא, אבל בספר הזה הכל על מקומו בסדר נכון ע"פ המפתח בתוכן הענינים נקל מאד למצוא כל דבר חפץ למטיף ולבעה"ב בכלל.

רפדוני בתפוחים אלו האגדות, שריחן וטעמן כתפוחים. (שה"ש כ׳).



ווי זיך צו פירען האב איך געמוזט אויסזיפען
פון עטיקעטע און עטהיק די פרינציפען.

אל ישנה אדם מן המנהג וכו׳ (בבא מציעא, פ"ו).
ובקצה תבל מליהם — אלו האגדות. (תנא דבי אליהו פ"ב).



מבקר נכבד:

סלח נא לשגגות בטוב טעמך

אך אם המבקרים ירדפוני
ואם המחקרים יכעסוני
אז אמר להם אלה הדברים
עשיתי כאשר תעשינה הדבורים.

כל שגיאות אדם רואה
חוץ משגיאות עצמו שנסתרו ממנו.

פרק רביעי
דרך ארץ ומדות טובות



1. ניט זיי שטאָלץ

א מענש דארף זיך געוואוינען צו זיין ביי זיך קליין,
און צו ריידען געלאַסען, שטיל, דאָס איז גאַנץ שעהן.
מיבעי ליה לאינש למילף נפשיה בניחותא (צריך אדם להרגיל את עצמו לדבר בנחת, זהו דרך טוב). (תענית, ד׳).



2. פיהר זיך ווי אַלע

פיהר זיך לויט די מאָדע פון לאַנד
ווערסטו קיינמאָל ניט האבען קיין שאַנד
אפילו מלאכים דא אויף דער וועלט,
האבען זיך אויך ווי מענשען פערשטעלט.
אל ישנה אָדם מן המנהג וכו׳ (בבא מציעא, פ״ו).



3. אַ קאַרגער גביר

עס איז זעהר ניט שעהן פאַר דער וועלט,
ווען עס קאַרגט אַ מאַן וואָס האָט געלד.
אין עניות במקום עשירות. (כתובות, ק״ו).

Chapter IV.

Ethics and Moral Conduct.

1) Be modest, be tolerant, never be haughty.

2) Conduct yourself in accordance with the customs of the country in which you live. Even angels visiting this earth take the form of human beings.

3) A wealthy man should not be stingy.

4. אַ קורצע תורה

אלעס וואס דו האָסט פיינד,
זאָלסטו ניט טהון דיין פריינד.

מאי דעלך סני לחברך לא תעביד (אל תעשה לחברך דבר השנוא עליך)
(שבת, ל"א).

5. ניט שפּיי אין שוהל

צו שפּייען אין אַ טעמפּעל אָדער אַ שוהל איז ניט פיין,
עס איז גלייך ווי מען שפּייט אין אַן אויג אריין.

הרוקק בבית הכנסת וכו׳. (ברכות ירושלמי).

6. פרישע לופט

לאָזט אריין פרישע לופט אין הויז און שוהל,
אין די ערטער וואו די מענשען זיינען אימער פול,
פון דאָקטאָר רבי שמואל האָט איהר די ידיעה,
איהר געפינט דאָס אין מסכת בבא מציעא.

הכל ברוח — ע״י אויר ורוח רע (ב"מ, ק"ז).

7. אַ מנהג

ביסטו ארים אָדער רייך,
פיהר זיך מיט אַלעמען גלייך,
פון אַ געמיינדע שליס זיך ניט אויס,
אזוי זאָגט די גמרא אין אבות.

אל תפרוש מן הצבור. (אבות, פ"א ב').

---

4) Do unto others as you want them to do unto you.

5) He who spits in a house of worship is likened to one who spits in his own face.

6) Ventilate your homes, synagogues and public meeting places.

7) One should not exclude himself from the community.

8. אין דער פרעמד

אין דיין שטאדט ניט דיר עהרע דיין נאמען אליין,
אבער אין דער פרעמד מוזטו זיך אנטהון שעהן.
במתא שמאי בלא מתא תותבאי (בעירי אתכבד בשמי, ובמקום אחר בשלתי). (שבת, קמ"ה).




9. אויף אלץ א צייט

צו טרויערען נאר אין ליידען,
צו הוליען אין פריידען.
בשעת אבלא — אבלא, חדוותא — חדוותא (הכל יפה בעתו. (תנחומא, פ' קרח).



10. נאטור צו דער עלטער

עס בייט זיך אין טיפען עלטער,
די נאטור ווערט אלץ קעלטער,
אין געשמאק, ביים עסען און טרינקען,
ביים זעהן, הערען און זינגען.
דעתן של זקנים משתנית וכו'. (שבת, קנ"ב).



11. אין א נייע שטאט

אויב דו פאהרסט אין א נייע שטאדט אריין,
זאלסטו זעהן מיט אלעמען גלייך צו זיין.
אזלת לקרתא הלך בנימוסה. (ב"ר, מ"ג).

---

8) In your community you are known by your reputation, but elsewhere you must be judged by appearances alone.

9) Mourn when in sorrow; rejoice when you are happy.

10) Old age experiences changes in the five senses.


11) When you come to live in a new community, adopt its ways and methods.

12) To praise one in his presence is desirable, but to praise him in his absence is still better.

12. ווי צו לויבען אַ מענשען

א ביסעל קענסטו לויבען א מענשען אין זיין אנוועזענהייט,
אבער דאס בעסטע פון איהם אין זיין אבוועזענהייט.


אומרים מקצת שבחו של אדם בפניו וכולו שלא בפניו. (עירובין, י"ח).



13. וואָס וויין מאַכט

טרינקט מען פון א סך בעבער די וויין אויס,
נעהט דאן פון מענש זיין געהיימנים ארויס.

משנכנס יין יצא סוד. (עירובין, ס"ה).



14. פיהל מיט'ן פאָלק

ווען דאס פאלק האט אן אומגליק געטראפען,
טאהר קיין וואהל־האבענדער מענש ניט זאגען:
איך וועל גיין אהיים עסען, טרינקען, שלאפען,
דאס פאלק וועט אליין די צרה איבערטראגען.

בזמן שהצבור שרוי בצער אל יאמר אדם אלך לביתי ואוכל ואשתה ושלום עליך נפשי (אלא יצטער אדם עם הצבור). (תענית, י"א).



15. עס! ניט רייד

עס איז ניט גוט צו רעדען פיעל ווען מען עסט;
לאנגזאם די שפייז צו קייען איז דאס בעסט.

אין מסיחין בסעודה שמא יקדים קנה לושט ויבא לידי סכנה (תענית, ה').

---

13) With excess of wine appear secrets.

14) When calamity visits the people, the individual should not say: "I will go home, eat and drink, for this does not concern me."

15) Do not hold long conversation, while at the table.


16. זיי דו אַ מאַן

אין דעם אָרט וואו עס איז ניטאָ אַ ריכטיגער מאַן גוטעס צו טהון,
זעה דו צו זיין אַ מענש צו פערנעמען אַ פּלאַץ פון אויבען־אַן
באתר דלית גבר תמן הוי גבר (במקום שאין אנשים השתדל להיות איש). (ברכות, ס"ג).




17. אַ מנהג העכער פון אַ דין

אויב דער מנהג וועט פאַר'ן פאָלק בעסער טויגען,
זאָל מען דעם דין אַן אַ זייט אוועקלעגען.
מנהג מבטל הלכה. (סופרים פי"ד).



18. פריער גיב עסען די פיה

אויב דו האָסט בהמות, גיב זיי פריהער פרעסען,
איידער דו געהסט אַליין צום טיש עפּעס עסען.
אסור לו לאדם שיטעום כלום עד שיתן מאכל לבהמתו. (גיטין, ס"ב).



19. אָפּטרייבען היץ

צו היץ, אויסרייבען מיט שטאַרקען עסיג, אַלקאָהאָל,
איז זעהר גוט, עס איז גענומען פון גמרא פון אַמאָל.
חומץ יפה לשרב (לחום). (שבת, י"ג).



20. ניט אַנטוואָרט גיך

דיינע ליפּען צוזאַמען פערבינד זיך,
און דו זאָלסט ניט איילען ענטפערען גיך.
חשוק (קשר) שפתיך זו בזו ואל תבהל להשיב (ע"ש רש"י). (ע"ז, ל"ח).

---

16) When no gentlemen are present, endeavor thou to be a man.

17) The custom of the people takes precedence over the law.

18) Feed thy cattle ere thou thyself eatest.

19) Vinegar helps to relieve one suffering with heat.

20) Do not be hasty to reply.

21. ווי זיך צו פיהרען

עס איז אין אונזער גמרא פעסט-געשטעלט,
מען זאל עסען און טרינקען וועניגער נאך די געלד,
זיך קליידען לויט ווי דער פערמעגען קלעקט.
און די פרוי צו עהרען מעהר ווי ער פערמעגט.
יאכל אדם וילבש פחות ממה שיש לו, וילבש במה שיש לו ויכבד אשתו יותר ממה שיש לו. (חולין, פ"ד).




22. שבת וואָכעדיג

שבת'דיגע שפייזען פאר וואכעדיגע זאלסטו פערבייטען,
זאלסט ניט דארפען אנקומען צו פרעמדע לייטען.
עס פראסט,
פון אייגענע וואס נאר דו האסט.
עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות (ולא יטיל את עצמו על אחרים). (שבת, קי"ח).



23. הער פון מעהר

בעסער צו הערען וואס פיעלע מענשען ריידען,
איידער וואס איין מענש זאגט מען זאל איהם גלויבען.
ווילסטו אַ מענשענ'ס נאַטור גוט וויסען?
אַ גרויסע גלאָז וויין זאָלסטו איהם אַנגיסען.
ווילסטו זיין האַרץ גוט פאַרשטעהן?
בעט אַ צדקה נאָר פון איהם אַליין.
ווילסטו זיין געדולד אָפּמעסטען?
מאַך איהם בייז, דאָס איז אַמבעסטען.
בשלשה דברים אדם ניכר: בכיסו, בכוסו ובכעסו. (עירובין, ס"ה).

---

4) Women are more compassionate than men.

5) Be quick to buy land, but do not hurry to get married.


6) The evil wife is like the dreary, rainy day.

7) A man may be judged by the following characteristics: by his goblet, whether he be temperate or intemperate; by his purse, whether he be generous or greedy; by his temper, whether he be easily angered or not.

8. מען מוז הייראַטען

א מאַן וואָס האָט ניט קיין פרוי
און וויל זיך לעבען פריי אַזוי,
וואוינט ער אָהן פרייד, אָהן לעבען,
ער לעבט אָהן ברכה, אָהן זעגען,
אָהן גוטעס אין אַלע וועגען.


אדם שאין לו אשה שרוי בלא שמחה, בלא ברכה ובלא טובה.
(יבמות, ס"ב).



9. שנעל ניט פאַרליעב זיך

הייראַטען פערשפעטיגט מען ניט,
זאָגט דער אַלטער ווערטעל "גוט
קוק זיך פריהער גוט אָרום,
צי די זאַך איז ניט קרום?
אָט די קלוגע, שעהנע רייז
פיליייכט איז זי שלעכט, בייז,
אַזוי זאָגט די גמרא צו אַ באַי,
איידער ער נעהמט זיך אַ פרוי.

מתון נסיב איתתא (אל תמהר לשא אשה, פן תמצא בה פסול).
(יבמות, ס"ג).



10. פאַרהייראַט דיין טאָכטער

גיב אוים אַ טאָכטער, וועט דיר גוט זיין דאָן
אויב צו אַ קלוגען און געלערענטען מאַן.

תן בתך לבעל וטוב לך, אך לאיש משכיל השיאנה. (ב"ס, ז').

---

8) He who is unmarried often spends his time in loneliness and misery.

9) Do not rush into marriage. Learn to know thy future wife, lest you may regret thy haste.

10) It is well, if thy daughter is married to a wise and intelligent man.

11. עהרע דיין פרוי

דיין פרוי'ם עהרע האַלט טהייער, רעספּעקטיר,
ווייל דיין זעגעז און גליק איז נאָר צוליעב איהר,
וואו שלום איז ברכה —
וואו ליעבע איז הצלחה.


אוקיר לנשייכו כי היכי דתתעתרו (כבד את אשתך כדי שתתעשר).
(ב"מ, נ"ט).



12. הייראַט דיין גלייכען

ביסטו אַן אַלטער מאַן, שוין גרוי געוואָרען,
זוך ניט קיין יונגע מיידעל אין יאָהרען,
דיין רייכקייט וויל זי נאָר קריגען
און האָפט דו זאָלסט שנעל טיעף ליגען.

אוהבת אשת בחור מסכן מזקן עשיר. (ילקוט, רות).



13. אַן אַלמן

אַן אַלמן ר"ל, מיט גרויסע קינדער ביסטו געבליבען,
פערהייראַטענדיג די קינדער, קאַנסטו אַ צווייטע ליעבען.

אם מתה אשתו של אדם ויש לו ממנה בנים גדולים, לא ישא אשה עד שישיא את בניו. (תנחומא, ח"ש).

---

11) Love and cherish thy wife, for it is to her that thou owest thy success and prosperity.

12) When a young woman marries an old man she is often more interested in his money than in himself.

13) A man should not marry a second time until all his children have married.

14. אַ פרוי'ס געוועהר

דער פרוי'ס טרעהר,
איז איהר געווער,
צוליעב איהר בעגעהר.
איז איהר גארניט שווער.
מיט איהר פערשטאנד,
האט זי אַלעס אין האנד.

אשה כלי זיינה עליה (אלו הן דמעותיה או נשיקותיה... גם ביד צר).
(יבמות, קט"ו).

—⟡—⟡—

15. אַ גוטע פרוי

א פרוי וועלכע איז גוט און שטיל,
טהוט אַלעס גלייך וואס דער מאן וויל.

אשה כשרה — זו שעושה את רצון בעלה. (תנא דבי אליהו, פ"ט).

—⟡—⟡—

16. יחום משפחה

ניט נאר שענהייט און געלד,
איז די הופט-זאך אין דער וועלט;
א גוטע פרוי פון א שעהנער משפחה,
איז אַלע מאהל פיעל מעהר ברכה.

בחור, שא עיניך וראה מה אתה בוחר לך. (תענית, כ"ו).

—⟡—⟡—

17. אַ גליקליכע פאַמיליע

ווען צו פערדיענען א פאמיליע העלפען אַלע צוזאמען,
איז א גרויסער גליק פאר'ן טאטען און מאמען.

ברכת הבית ברובה (ברוב הכנסת הבנים ומזלם ברכה לאיש).
(ב"ב, קמ"ד).

---

14) A woman's tear or her caress is her strongest weapon.

15) The pious woman harkens to the voice of her husband.


16) Beauty is but skin deep; a woman with good family connections is always a blessing.

17) Prosperity reigns in that household where all help to make a livelihood.

18. ווען איז קריעג

איז נאר גענוג שפייז אין הויז פארהאן,
וועט קיין קריעג ניט זיין ביי פרוי און מאן.
געהט אוים די שפייז — ווערט קריג דאן.

אין מריבה מצויה בתוך ביתו של אדם אלא על עסקי תבואה — אם אין לה מה לאכול. (תמורה, ט״ז).



19. האַלט דיין פרוי

איז די פרוי בלינד אדער קראנק געווארען,
לעב מיט איהר ביז דיינע לעצטע יאהרען,
ווייל איהר שעהנע יונגענד האט זי ביי דיר פערלארען.


האונס שותה בעציצו . נגד רצונך חיי בטוב עם אשתך — שתח מכוסך (תחת אשר ענה וכו׳). (ספרי תצא).



20. געפין אוים פריהער

ווען איינער וויל א גוטע פרוי, פאר זיך נעהמען,
איהרע ברידער אונטערזוכען זאל ער זיך ניט שעהמען.

הנושא אשה צריך שיבדק באחיה. (ב״ב, ק״י).



21. אַ מיידעל׳ס ענטוויקלונג

א מיידעל ווערט ענטוויקעלט רייף אויף גיך,
אבער א בחור אפט פערשפעטיגט זיך.

האשה ממהרת לבוא לפני האיש (מוכן לנשואין). (נדה, פ״ח).

---

18) Strife does not enter the house of plenty.


19) Should your wife have the misfortune of being maimed or crippled, treat her well unto the end of thy days.

20) If it is your intention to marry, learn to know the brothers and other members of her family.

21) The female matures sooner than the male.


22. אַ פּרוי'ס פּרנסה

אז איינער ווארט אויף אַ פרוי'ס פּרנסה צום לעבען,
וועט עס איהם זעהר ווייניג מזל־ברכה געבען.
המצפה לשכר אשתו, איננו רואה סימן ברכה. (פּסחים, נ').




23. גיב מיט פערגעניגען

אַ מענש זאָל זיין טאָכטער געבען מיט פערגעניגען
אלעס וואס זיין טאָכטער דאַרף פון איהם קריגען.
יהא אדם מצוא לתן לבתו בעין יפה. (כתובות, פ"ד).



24. אַ שעהנע כלה

אַ כלה אהן שמינקע, אָהן פאַרב און האַט חן,
איז אַ בעוויז אז זי איז אליין אויך שעהן.
לא כחל ולא שרק ולא פרכום ויעלת חן — משום צניעות לא תצבע תחת עיניה ולא על שפתותיה לעשותן אדומות. (כתובות, י"ז).



25. אַ דאַטשע

אַ זומער־רעזאָרד, אַ פערגעניגענס־פּלאַץ, מוז מדרבנן זיין,
דערום היטען דאָס רייבע און אָרימע גאַנץ פיין,
כאָטש אליין די פרוי — אויב ניט מיט איהר מאַן,
אויף דעם איז גרעדע אַ גמרא דאַ פאַרהאַן.
ישיבת כרכים קשה (כי הבתים קרובים זו לזו ואין שם אויר. אבל בעיר שיש גנות אוירן יפה). (כתובות ק"י, ברש"י).

---

22) He who depends upon his wife's earnings will never be prosperous.


23) A man should be generous in his gifts to his daughter.

24) The absence of cosmetics shows whether the bride is truly beautiful.

25) It is desirable to go to a resort during the hot weather. If it is impossible for both husband and wife to leave, the wife alone should go.

26. די ערשטע פרוי

זאָל יעדער מענש דאָס וויסען,
אז פערגעניגען קען מען געניסען,
נאָר פון דער יוגענד־ערשטע פרוי,
אבער די צווייטע, איז שוין ניט אזוי.
אין אדם מוצא קורת רוח (עונג) אלא מאשתו ראשונה. (יבמות, ס"ג).




27. שלום בית

ווען מאַן און פרוי לעבען זיך נאָר גוט,
דאַן מיט זיי צוזאַמען די גאָטהייט רוהט,
ווען אבער זיי שעצען זיך ניט טהייער,
ברענט צווישען זיי קריעג ווי א פייער.
זכו שכינה ביניהן וכו׳ לא זכו אש אוכלתן. (סוטה, י"ז).



28. א פאַסיגער שידוך

מען פעראייניגט ניט א מאַן מיט זיין בעשערטע,
נאָר נאָך זיינע טהאַטען און נאָך זיין ווערדע.
אין מזווגין לו לאדם אשה אלא לפי מעשיו. (סוטה ב׳).



29. געזונטע קינדער

א מוטער קען געבוירען געזונטע קינדער,
נאָר ווען דער פאָטער איז א געזונטער.
אין פרי בטנה של אשה מתברך וכו׳. (ברכות, נ"א).

---

26) A man can enjoy genuine pleasure only with his first wife.

27) When husband and wife live happily together, the spirit of God is with them. But when they do not cherish one another, bitter quarrel breaks forth between them.

28) A man is united with his wife, in accordance with his worth and deeds.

29) A child is healthy and normal only if both parents are healthy and normal.

30. ווער עס הייראַט ניט

צוואנציג יאהר ניט געהייראַט צו האָבען אַ קינד,
זיינע אַלע טעג טראַכט ער נאָר וועגען אַ זינד.

בן כ׳ שנה ולא נשא אשה וכו׳ (קדושין, כ״ט).

31. גט׳ן אַ פרוי

ווער עס שייידעט אָפּ די ערשטע פרוי איז אַ צער,
עס פערגיסט טרעהרען, אפילו דער הייליגער אַלטאַר.

כל המגרש את אשתו ראשונה וכו׳ (סנהדרין כ״ב).

32. אַ פרוי׳ס ארבייט

דאָס בעסטע איז אַ פרוי זאָל היטען איהרווירטשאַפט,
ניט אוועקגעבען איהר צייט אויף זייטיגע קלונשאַפט.

אין חכמה לאשה אלא בפלך. (יומא, ס״ו).

33. אַ שלעכטע פרוי

אַ מענש מיט אַ שלאַנג קענען ניט אין איין קאַרב זיין,
אַ מאַן מיט אַשלעכטער פרוי, קענען ניט לעבען פיין.

אין אדם דר עם נחש בכפיפה אחת (בםל אחד — משל לאיש עם אשה רעה). (כתובות, ע״ב).

---

30) He who does not marry at twenty, is constantly tempted to commit a sin.

31) The very altar sheds tears when one divorses his first wife.

32) The chief concern of a housewife should be her housework.

33) Just as man cannot exist together with the poisonous snake in one place, neither can a husband live with an evil wife.


34. אידישע טעכטער

די אידישע טעכטער זיינען שעהנע מיידלאך,
נאר די ארימקייט מאכט זיי אמאהל העסליך,
אבער רייכע אדער גוטע בחורים קלערען,
אז זיי וועלען קוקען נאר אויפ'ן קרן.
בנות ישראל נאות הן אלא שהעניות מנוולתן (ע"י הכסף נעשו יפות).
(נדרים, משנה, סוף פרק ט').




35. א פרוי איז שווער צו איבערבעטען

א מאנספערזאן איז אפטער לייכטער איבערבעטען,
אבער א פרוי איז שטאלץ, עס העלפט ניט קיין גלעטען.
האיש מקבל פיוס ואין האשה מקבלת פיוס. (האיש נח לרצות — ברש"י). (נדה, ל"א).



36. א טאכטער גיב אוים

ווען דיין טאכטער קומט אין עלטער, זאלסטו טרייען,
פערהייראטען כאטש מיט דיין דינער וועלכען וועסט בעפרייען.
בתך בגרה — שחרר עבדך ותן לה. (פסחים, קי"ג).



37. א פוילע ווירטען

ווען די פרוי דערעמעלט פאלט איהר קארב פון האנד ארויס,
און אזוי אויך צו גרונדע פאלט די גאנצע הויז.
היא ניימא ודוקלה שפל (כשמנמנמת הסל ממלאכת ידיה תפול ארצה).
(סנהדרין, ז').

---

34) The daughters of Israel are good to look upon, even though poverty may change their appearance.

35) It is easier to receive forgiveness from a man than from a woman.


36) See that thy daughter marry, even though it be to thy freed slave.

37) The lazy housewife soon neglects her home.

38. די ערשטע פרוי

ווען א מאן האט זיין ערשטע פרוי ר"ל פערלארען,
איז ווי אין זיין צייט דער הייליגער טעמפעל חרוב געווארען.

אדם שמתה עליו אשתו הראשונה, כאילו חרב בית המקדש בימיו.
(סנהדרין, כ"ב).



39. פליכטען פון מאן און פרוי

דער שטייגער פון א פרוי צו היטען די קינדער אין הויז,
און דער מאן מוז פאר געשעפט, אימער געהן ארויס.


דרכה של אשה להיות יושבת בתוך ביתה ודרכו של איש להיות יוצא וכו'. (ב"ר, פ' י"ח).



40. א גוטע פרוי

א גוטע פרוי, ביי וועמען זי איז נאר פארהאן,
איז ווי א גוטער פרעזענט צו איהר מאן.

אשה טובה מתנה טובה בחיק ירא אלהים תנתן. יבמות ס"ג, בשם ב"ס).



41. מאנ'ס און פרוי'ס שכל

מעהר פערשטאנד האט גאט געגעבען צו א פרוי זי זאל געפעלען,
ווי צו א מאנספערזאן, אז ער זאל זי וועלען.

בינה יתירה נתן הקב"ה באשה מבאיש. (נדה, מ"ח).

---

38) He who loses his first wife, is likened to him to witnessed the fall of the Temple.

39) The husband should be the provider, the wife the mistress of the home.


40) The good wife is a like a choice gift to the husband.

41) The female has greater charms to attract the male.

42. דיין פאמיליע ערשט

עס איז זעהר נאבעל צו ארימע צדקה צו געבען,
אבער פריהער זעה צי האסטו פאר זיך צום לעבען.
ניט פערנאכלעסיג דיין פרוי און קינד
ווייל דאס איז שוין גאר א גרויסע זינד.

חייך קודמין לחיי חברך. (ב"מ, ס"ב).



43. ברכה אין הויז

ווער עס וויל האבען אין זיין הויז גליק און זעגען,
זאל ער זיין ליעבע פרוי עהרע און ליעבע געבען.

יהא אדם זהיר בכבוד אשתו שאין ברכה מצויה בתוך ביתו של אדם אלא בשביל אשתו וכו'. (ב"מ, נ"ט).



44. מאך פריילאך יו"ט

יעדען יום טוב מוז א איד זעהען פריילאך צו מאכען,
זיין פרוי און קינדער מיט קליידער און גוטע זאכען.

חייב אדם לשמח בניו וב"ב ברגל. ((פסחים, ק"ט:).



45. עהרע צו פרויען

אום צו פערשאפען צו פרויען אימער פערגעניגען,
אפילו אין הייליגען טעמפעל זאלען זיי עהרע קריגען.

כדי לעשות נחת רוח לנשים. (חגיגה, ט"ז).

---

42) Charity begins at home. It is noble to be charitable, but see that your wife is first taken care of.

43) He who seeks peace and blessing in his home, should cherish and love his wife.

44) The holiday should be a time for rejoicing.

45) If you want to please the women, accord them honor and respect even within the Temple walls.

46. אַ שנור און אַנ׳איידים

ווען דער איידים שרייט אויף דיר, זאָלסטו דאך אריין אין טיהר,
אבער ווען א שלעכטע שנור בייזערט זיך אוים, גיי בעסער ארויס
נאטירליך עהרען דעם שווער און די שוויגער א גוטע שנור און איידים,
אבער ווי הינט זיינען די, וואס ווינשען זיי צו זיין אין גן עדן.
ווען א הונט טהוט אויף דיר בילען — קענסטו איהם שטילען,
אבער א צויג בילט פון ארט — געה בעסער פון איהר פארט.

נבח בך כלבא עול (בא) נבח בך גוריתא פוק (צא). (אם כלב נבח בא הביתה — ואם כלבה נבחה לך הלאה, צא חוצה). (עירובין, פ״ו, ע״ש)

47. מיהען זיך פאַר קינדער

ווי מיינע עלטערען האבען געפלאנצט מיר צו מאכען גרינגער,
אזוי וועל איך זיך מיהען צו פלאנצען פאר מיינע קינדער.

כי היכי דשתלו לי אבהתי אנא נמי אשתיל לבנאי (כשם שיגעו בעדי אבותי, כן גם אני איגע לבני). (תענית, כ״ג).

48. הייראַט צו צוואַנציג יאַהר

ביז צוואנציג יאהר ווארט דער אייבינער,
ווען ער וועט שוין נעהמען א ווייב,
נאך צוואנציג יאהר ווינשט ער איהם
עס זאלען ווערען שוואך זיינע ביינער אין לייב.

עד עשרים שנה יושב הקב״ה ומצפה לאדם מתי ישא אשה, כיון שהגיע לכ׳ ולא נשא אומר תיפח עצמותיו (יכאבו עצמותיו).
(קידושין, כ״ט).

---

46) Should the son-in-law speak disrespectfully, overlook it, and enter his home; but should the daughter-in-law scold, leave her home.

47) Just as my parents strove for me, just so will I strive for my children.

48) It is expected that man should marry at the age of twenty. If he does not do so, his flesh and bone may suffer.

49. פרויען ווילען אַלץ וויסען

פרויען גלייכען פון אַלעם און פון אַלעם צו וויסען,
וואס ביי יענעם אין טאָפּ און וואָס אונטער'ן קישען.
נשים מבקשות להיות יודעות הכל. (ילקוט, אסתר).

50. אַ ערשטע פרוי

אַ מענש קען געפינען צו אַלעם אַ זאַך צו פערבייטען,
אבער ניט דער ערשטער פרוי'ס יוגענטליכע צייטען.
לכל יש תמורה חוץ מאשת נעורים. (סנהדרין, כ"ב).

51. ווען מען מוז גט'ן

ווען אַ פרוי מיט אַ פרעמדען מאַן אויף אַ געוויסע צייט,
האט זיך אין הויז בעהאַלטען פון פרעמדע לייט,
אזא פרוי מוז פון מאַן גלייך ווערען בעפרייט.
נכנסה עמו לבית הסתר ושהתה עמו כדי טומאה אסורה וכו'.
(סוטה, ב').

52. הייראַט אַ בת ת"ח

אַ מאַן זאָל אַלץ פערקויפען און אַ טאָכטער פון יחוס זאָל ער נעהמען,
ער וועט האָבען געלערענטע קינדער און קיינמאָהל זיך ניט שעהמען.
אויך פאַר אַ טאָכטער זאָל ער קריגען אַ געלערענטען מאַן,
וועט ער זיין זיכער, אַז ער וועט זיך ניט שעהמען דאַן,
ווייל אַ ווײַנשטאָק איז אין ווײַנגאַרטען זעהר פיין,
אבער ניט שעהן ווען זי זאָל צווישען דערנער זיין.
לעולם ימכור אדם כל מה שיש לו וישא בת ת"ח, וישיא בתו לת"ח.
(פסחים, מ"ט).

---

49) Women are naturally curious to know everything.

50) It is possible to recall almost everything but a woman's youth.


51) The wife who entertains men secretly in her home, should immediately be divorced from her husband.

52) A man should give all to be able to marry the daughter of a wise man, and should also marry his daughter to a wise man, thus will he never be embarrassed.

53. איבעררײדען אַ פרוי

עס איז גרינג איבערצורײדען אַ פרוי,
אבער אַ מאַנספערזאָן איז ניט אַזוי.

נשים דעתן קלה עליהן. (קידושין, פ׳).



54. אַ פרוי וויל זיין לעבען מאַן

אַ פרוי איז צופריעדען האבען אַ ביסעל שפייז מיט׳ן מאַן אַהיים,
איידער צעהן מאהל אַזוי פיעל שפייז און זיצען גאַר אַליין.


רוצה אשה בקב (מזונות) ותיפלות (בלי מלח) מעשרה ופרישות (ביחידות). (סוטה, כ׳).



55. אַ גוטען מאַן העלפט די פרוי

אויב דער מאַן איז ווירדיג איז די פרוי אַ הילף צו איהם,
און קעגען איהם איז זי און פאַלגט ניט ווען ער איז שלים.

זכה עזרתו, לא זכה — כנגדו. (יבמות, ס״ג).



56. אַ פרוי גלייכט אַלץ וויסען

אַ פרוי גלייכט אַפצודעקען אַ פרעמדען טאָפּ געקעכטס,
צו וויסען אויב אַ שכנה קאָכט עפּעס רעכטס.

אשה מגלה את הקדרה לידע מה שחברתה מבשלת. (תוספות, טהרות פ״ז).

---

53) It is easier to change the opinion of a woman than that of a man.

54) A wife will always prefer a poor morsel of food and eat it with her husband, than ten times the amount and eat it alone.

55) The worthy husband finds his wife a helpmate, the unworthy husband finds his wife a detriment.

56) It is natural for a woman to look into the soup pot of her neighbor.

57. אַ פרוי וויל שעהנע קליידער

א פרוי וויל בעסער שעהנע קליידער און הייזער געפּארבט שעהן,
איידער עסען געשמאַקטע קאַלב־פליייש און אַ הויז וואָס איז פּליין.
רוצה אשה שתהא בבתים מצויירין ובגדים מצויירין מלאכול עגלים
מפוטמין. (ילקוט, אסתר).

58. אַ בייזע פרוי

א שלעכטע און בייזע ווייב,
איז ווי אַ קרעץ אויפ'ן לייב.
אשה רעה צרעת לבעלה. (יבמות, ס"ג, בשם ב"ס).

59. זיהן בעסער

גליקליך איז דער מאַן וואָס האָט זיהן, ניט קיין טעכטער.
קדישים און זיין נאָמען בלייבט — און אויסגעבען זיי איז לייכטער.
אשרי מי שבניו זכרים. (בבא בתרא, ט"ז).

60. פרומע פרויען

דורך ווירדיקייט פון פרומע פרויען זיינען געוואָרען בעפרייט
אַלע אידען פון שקלאַפען אין מצרים פאַר דער ריכטיגער צייט.
בזכות נשים צדקניות שהיו באותו הדור נגאלו ישראל וכו'. (סוטה, י"א).

61. אַ פרוי פון אַנ'אייגענע שטאָט

וואויל איז דעם מאַן וואָס האָט
אַ פרוי גענומען פון זיין שטאָדט.
פון אַ פרעמדען און וויטען אָרט,
ווייסט ער ניט פון וועלכען זי איז סאָרט.
אשרי אדם שאשתו מעירו. (מדרש משלי פ"ח).

---

57) A woman prefers pretty clothes and an attractive home, to good and tempting food in an ordinary house.

58) A nagging wife is like a sore to her husband.

59) The man who has sons is rich.

60) The Israelites were redeemed from Egypt because of the many pious women.

61) Fortunate is the man who marries a woman from his own city.

62. ווי דער פאָטער אזוי דער זוהן

א פאָטער בערעכטיגט זיין זוהן צו געניסען מיט שטאַרקייט,
שעהנהייט, לאַנגע יאָהרען, קלוגשאַפט און רייכקייט.


האב זוכה (מזכה) לבנו בנוי, בכח, בעושר ובחכמה ובשנים.
(עדיות, מ"ט).



63. אוי אַ טאָכטער

א טאָכטער איז אַ פאַלשער שאַץ, געהיים, מיט שרעק און ליידען,
איז זי קליין, איז אַ שרעק, טאָמער וועט איהר אַ מאַן איבעררייידען,
איז זי גרעסער, טאָמער וועט זי אַליין פון גוטען וועג אַראָפּגעהן,
איז זי גאָר גרויס, טאָמער וועט מען ניט קענען זי אויסגעבען,
איז זי פערהייראַט, טאָמער וועט זי קיין קינדער ניט האָבען.

בת לאביה מטמון שוא, מפחדה לא יישן בלילה. בקטנותה שמא תתפתה, בנערותה שמא תזנה. בגרה שמא לא תנשא. נשאת שמא לא יהיו לה בנים. (סנהדרין, ק"ב, בשם ב"ס).



64. אַ פרוי איז שטאָלץ מיט'ן מאַן

ווען איהר מאַן איז אפילו אַ וועכטער פון גרינסען,
נאָר צו זיין מיט איהם וועט זי ניט וועלען לינזען.

דקולא גברא לא בעיר טלפח לקידרא (אף אם אישה הוא שומר קשואים לא תחפוץ לתבשילים טובים אף כעדשים, שהיה מלפנים ביוקר.
(יבמות, קי"ח).

---

62) A father causes his son to inherit strength, wisdom, riches and long life.

63) A daughter is the cause of much fear. When she is small one fears she may be seduced; when she grows older, that she may leave of her own accord; if she grows old perhaps she may not marry; is she married, perhaps she will bear no children.

64) A woman is proud of her husband, even though he is but a watchman. She prefers his company to the best of food obtainable.

65. אַ שלעכטע פרוי

א שלעכטע פרוי — טהוט אזוי — דעם טיש ווער זי גרייטען,
אויך דעם מויל פוצען, גרייטען — צו זידלען ווער זי זיך צושפרייטען,
זי זידעלט מיט א הויכע שטים — און קעהרט זיך אפּ פון איהם.


היכי דמי אשה רעה מקשטא ליה תכא (תערוך השלחן) ומקשטא ליה פומא (ותערוך פיה לקללו) מקשטא וכו׳ ומהדרא לי גבא — (ותתפוך ערפה). (יבמות ס״ג).



66. אַ פרוי וויל פריהער הייראַטען

מעהר ווי א מאן וויל הייראטען זיין בעשערטע כלה,
וויל די פרוי הייראטען פריהער מעהר ווי אלע.

יותר ממה שהאיש רוצה לישא — האשה רוצה להנשא. (יבמות, קי״ג).



67. היט זיך פון פרויען

פון א פרעמדע ליעבליכע פרוי, זאלסטו דיינע אויגען אויסמיידען,
זאלסט נאכהער אין איהר נעץ ניט אריין פאלען צו ליידען,
זאלסט מיט איהר מאן ניט טרינקען קיין ביר קיין וויין,
ווייל דורך א שענהייט קומען פיעלע אומגליקען און פיין.

העלם עיניך מאשת חן פן תלכד במצודתה. אל תט אצל בעלה למסוך עמו יין ושכר כי בתואר אשה יפה רבים הושחתו ועצומים הרוגיה. (יבמות, ס״ג, בשם ב״ס).



68. אַז מען הייראַט

ווען א מענש נעהמט זיך צום לעבען א ווייב,
אזוי ווערט אויפגעלייזט זינד פון זיין לייב.

כיון שנשא אדם אשה עונותיו מתפקקין (נסתמים). (יבמות, ס״ג).

---

65) The evil wife, sets the table but makes preparations also for insult and loud abuse.

66) The woman has a greater desire to marry than the man.

67) Avoid the charms of strange women, nor join in drinking with their husbands.

68) When a man marries, sin leaves him.


69. ניט הייראט צוליעב געלט

ווען איינער הייראט צוליעב געלד אליין,
האט ער קינדער וואס פאר איהם איז ניט שעהן.
הנושא אשה לשם ממון, הויין לו בנים שאינם מהוגנים (לא טובים).
(קדושין, ע׳).




70. נאר א למדן זאל מסדר קידושין זיין

ווער עס ווייסט ניט געזעצען פון קידושין און גיטין,
זאל זיך דערמיט בעסער ניט בעשעפטיגען.
כל מי שאינו יודע בטיב גיטין וקדושין לא יהא לו עסק עמהם.
(קדושין, ו׳).



71. ווען א פרוי ווערט שענער

א פרוי ווערט שעהנער, אז זי געווינט,
ווי פריהער איידער זי האט דאס קינד.
משהאשה מולדת משבחת. (בבא קמא, מ״ט).



72. זי זאל ווערען געליעבט צום מאן

די תורה האט געזאגט, זיבען טעג זאל א פרוי בעזונדער זיין,
אויב ניט רייז,
כדי זי זאל ווערען געזונד און געליעבט צום מאן ווי דער טאג,
צו דער חופה געהן.
כדי שתהא חביבה על בעלה כשעת כניסתה לחופה. (נדה ל״א).

---

69) He who marries for money alone, finds that his children will not be brought up properly.

70) He who is not familiar with the laws of marriage and divorce, should not engage in interpreting them.

71) The mother becomes more beautiful after the child is born.

72) The unclean wife should be away from her husband for seven days.

73. צו לעבען מיט אַ פרוי

באטש פיעל קינדער האט גאט דעם מענשען געגעבען,
אבער מיט א פרוי, מוז דער מענש אימער לעבען.

אעפ"י שיש לו לאדם כמה בנים, אסור לעמוד בלא אשה. (יבמות, ס"א).

74. אַ געבענטשטער איד

געבענשט איז דער אין שטאדט — ווער א הויז לעבען שוהל האט.
געבענשט ביסטו אין פעלד — ווען נאהענט צום שטאדט איז דיין
איינגען געלד.
געבענשט זאלסטו זיין אין דיין קומען —
פון וועג אז דו קומסט, זאל די פרוי דיך ליבליך, ריין צונעהמען.

ברוך אתה בעיר, ברוך אתה בשדה, ברוך אתה בצאתך וברוך אתה
בבואך. (ב"מ, ק"ז).

75. ווען עס איז אַ געפאַר

ווען דער אקס איז שוין געפאלען, שארפט דער שוחט דאס מעסער
א פרוי געהט צו־קינד אדער א קראנקער, בעט גאט ער זאל ווערען
בעסער.

נפל תורא חדד לסכינא (נפל השור יחדדו הסכין). (שבת, ל"ב).

76. אַ קינד זאָל זיין שעהן

ווען איינער וויל זיין טאכטער זאל אויסזעהען וייס, צארט, שעהן,
זאל ער איהר געבען עסען יונגע הינדעלאך, טרינקען מילך ווען זי
איז קליין.

הרוצה שילבין וכו'. (כתובות, נ"ט).

---

73) Man should live with a wife, irrespective of the number of children he may have.


74) Blessed art thou in the city, blessed art thou in the field; blessed be thou in thy coming and going.

75) When the ox is bound, the knife is then sharpened. When serious illness is nigh, pray that you may recover.

76) Give thy young daughter milk to drink and young chicks to eat, so that she may grow more beautiful every day.


77. נעם אַ פרוי פון אַ פרום הויז

א מענש זאָל נעהמען א פרוי, פון א גוטע פאמיליע וואָס איז פרום,
ווייל יהונתן דער זוהן פון גרשם, משה'ס אייניקעל האָט געטהון קרום
און אוים נויט איז ער געוואָרען גאָר ניט פרום.
(כי היה כהן לעובדי ע"ז). (ב"ב, ק"ט).




78. וואָס לויפט מען נאָך איהר

אלע געהען נאָך דער פרוי, זי איז מעהרסטענס אונריין פול מיט בלוט,
נאָר צוליעב דער וועלט, האָט גאָט געשטעלט זי זאָל זיין אזוי גוט.
אשה חמת מלא צואה ופיה מלא דם והכל רצין אחריה. (שבת, קנ"ב).



79. אַבי אַ טענצעל

א מיידעל פון זעקס יאָהר, א פרוי פון זעכציג יאָהר,
איז גרייט צו טאַנצען געהן, ווען שפּיעלען כ"ז זי הערט נאָר.
בת שיתין כבת שית לקל טבלא רהטא — היא תרוץ לקול כלי שיר.
(מועד קטן, ט').



80. ווען אַ פרוי קאָן געבוירען

ווערט א פרוי פערהייראַט פאַר צוואַנציג יאָהר,
קאָן זי געבאָרען ביז זעכציג יאָהר.
הייראַט זי צו צוואַנציג יאָהר ביז פערציג,
נאָך פערציג קאָן זי ניט געבאָרען גאָר.
ניסת פחותה מבת עשרים יולדת עד ששים וכו'. (ב"ב קי"ט).

---

77) Marry the daughter of a pious man, lest ye follow the crooked path.


78) Even though woman is unclean at times, yet nature has ordained that man should seek the woman.

79) The women, young and old, are ever ready to participate in a dance.

80) She who marries at twenty may give birth even to the age of sixty; she who marries after twenty may give birth only until forty; but if she marries after forty, she may bear no children at all.

81. אַ באַשערטע פּאָר

יעדע פּאָרעל וואס פעראייניגט ווערט,
איז דאס נאר פון גאט בעשערט.
אין זווג של איש אלא מן הקב"ה. (ב"ר פס"ח).




82. גוטע קינדער

ריכטיגע קינדער פערדעקען די עלטערנ'ס נידעריגקייט,
און ווילדע קינדער ציהען אראפּ די עלטערנ'ס שעהנהייט.
בנים ישרים יכסו שפלות אבותם ובנים שובבים יפשיטו תפארת אבותם. (ב"ס, כ"ב).



83. אַ פרוי אַ לויפערין

נעוועגליך, אז אַ פרוי ווערט פון מאן זיך אָפּקעהרען,
אונגעזעצליכע קינדער, וועט געבארען ווערען,
איהר דערמאהנונג וועט פערשאָלטען ווערען,
און איהר שאנדע וועט ניט אָפּגעמעקט ווערען.
בזמה הטמאה כל זכרה ישאר למארה וחרפתה לא תמחה. (ב"מ, כ"ג).



84. אַ געשלעכטליכע זינד

ווען אַ געשלעכטליכער פערברעכען ווערט אין אַ הויז געטהון,
איז ווי אַ ווארים פאַלט אריין, פארניכטעט ביז'ן לעצטע מאָן.
זונתא בבית כי קריל לשומשמא (כתולעת בשומשמין) (סוטה, ג').

---

81) Every union is ordained in Heaven.

82) The considerate children hide the mistakes of the parents; the inconsiderate children degrade the good name of their parents.

83) The wife who is not faithful to her husband will ever be recalled with a curse because of her illegitimate children; her shame will never be eradicated.

84) Immorality in a family is like a worm in popy-seed.


85. אַ בייזע ניט אָרענטליכע פרוי

בעסער מיט אַ שלאַנג אָדער מיט אַ לייב צוזאַמען זיין,
איידער וואוינען מיט אַ שלעכטער פרוי, וואָס איז ניט פיין.
טוב שבת עם כפיר ותנין משבת עם אשה רעה. (ב"ס, כ"ה).



86. ווען יחוס טויג ניט

וואָס קומט אַרויס פון יחוס אבות,
אויב דער מענש אַליין איז אויף צרות.
אַז אַ הויך־בעאַמטענ'ס פרוי, האָט דעם מאַן פערלאַזען,
און טהוט פאַרקעהרען נאָר מיט מאַטראָזען!
מסגני ושליטי הוא, אייזן לגברי נגדי — אף כי הוא שר והיא זנתה עם מושך ספינה. (סנהדרין, ק').



87. גט אָפּ אַ שלעכטע

אויב זי פאָלגט דיך ניט, גיב איהר אַ גט
און זאָל זי פון דיר וואָס פריהער אַוועק.
אם לא תשמע לך תן לה ספר כריתות ושלחנה לנפשה. (ב"ס, כ"ה).



88. אַלץ דורך אַ פרוי

דורך אַ פרוי קומט אַלעס שלעכטעס אַרויס,
און דורך איהר געהען מיר פון געזונט אויס.
מיד אשה יצאה הרע ובגללה כולנו גוענו. (ב"ס, כ"ה).

---

85) Better to live with the lion or the serpent, than with an evil wife.

86) Of what value is her claim to good family connections if she has illicit intercourse with the sailor.

87) If your wife cannot agree with you, divorce her and let her go her way.

88) Much evil may come from women, even our very health is lost because of her.

89. פיעלע שווימען

פיעלע לאזען זיך אין ים שווימען,
אבער ניט אלע צוריק קומען,
פיעלע הייראטען און האבען גליק,
אייניגע קויפען זיך א שטריק.
הרבה פרשו לים וכו׳ הרבה נשאו נשים ומצליחין וכו׳. (במדבר רבה פ"ט).




90. עהרע דעם שווער

גיב עהרע צו דיין פרוי׳ס פאטער ווי צו דיין אייגענעם פאטער.
ווייל געזונד, קאסט אויך דיין פרוי געלעגט האט נאר איהר פאטער.
חייב אדם בכבוד חמיו כבכבוד אביו. (מדרש תהלים, ז׳).



91. זוך אונטער א כלה

א מענש וועט ניט פון א גלאז א טרונק פערזוכען,
סיידען ער וועט די ריינקייט פריהער אונטערזוכען;
בפרט צו נעהמען א פרוי, צום אייביגען לעבען,
וועט א מאן צו אונטערזוכען די כלה צייט געבען.
חזקה אין אדם שותה בכום אלא אם כן בודקו. (כתובות, ע"ח).



92. היט די מוטער

פערהיט ערשט דער מוטער׳ס לעבען און יאהרען,
מעהר ווי דאס קינד וואס ווערט געבארען.
חייה קודמין לחיי הולד. (אהלות ספ"ז).

---

89) There are those who marry and are happy, there are some, however, when they marry is as though they bought their own rope.

90) Respect the father of your wife, as though he was your own father.

91) Just as we examine closly the glass of water before we drink it, thus should a man carefully learn all about his future wife.

92) Greater care should be given the mother than the new born babe.

93. א ליעבליכע פרוי

א ליעבליכע פרוי, איז א פריינד פאר'ן מאן ווער עס קען זי קריגען,
איהר קלוגשאפט, מאכט איהם פעט, געזונד, מיט פערגעניגען.
אשת חן משוש בעלה וחכמתה תדשן עצמותיו. (ב"ס כ').




94. א געטרייע פרוי

ווי אין הימעל וואלקענס איז די זון א פראכט,
אזוי איז אין הויז א פרוי, וואס איז טוגענדהאפט.
(אשה) כהדרת שמש במרומי שחק כן אשת חיל בהדרת ביתה.
(ב"ס ס').



95. רעטע זיך פון א שלעכטע פרוי

ווער עס קען זיך פון אן אויסגעלאסענע פרוי ניט רעטען,
אם ענדע מוז ער אמאל קומען צו ברויט בעטען.
כל הבא על אשת זונה וכו' (בא עד ככר לחם). (סוטה, ד').



96. אלץ פון דער פרוי

איז דער מענש גוט און פרום,
דאס ווירקט אויף איהם זיין פרוי,
און עס טרעפט פערקעהרט אויך אזוי,
ווען ער איז שלעכט און טהוט קרום.
הכל מן האשה וכו'. (ב"ר פ' י"ז).

---

93) The loving wife is a joy to her husband, her wisdom gives him great pleasure.

94) A loving, virtuous wife is as the sun shining brightly in the sky.

95) He who cannot avoid the temptations of the lewd woman, will eventually become a beggar.

96) The wife has an influence both for good and for evil.

97. די ענדע פון אַ זונה

אַ גאַסען־פרוי וועלכע פאַר געלד טהוט זינדיגען
אם ענדע וועט זי אויך פיעל טרינקען.
כל זונה שנשכרת לבסוף היא שוכרת. (ע"ז, י"ז).

98. אויב ניטאַ בעסערם

בעסער הייראַטען אַ מיידעל, וואָס מען רעדט אויף איהר ניט שעהן,
איידער אַ טאָכטער, וואָס מען האָט גערעדט, אויף איהר מוטער אליין.
ישא אדם דומה ולא ישא בת דומה (שיש עליה חשד). (סוטה, כ"ז).

99. ערציהה גוט די קינדער

האָסטו קינדער זאָלסטו זיי אַ גוטע ערציהונג געבען,
און געוואוין זיי איין פון דער יוגענד טראָגען ליידען אין לעבען.
אם בנים יש לך חנוך אותם, ומנוער הט שכמם לסבול. (ב"ם ז').

100. הער פון פרעמדע

ניט ווי עס זאָגט די מוטער פון דער ערעלער פרוי,
נאָר הער זיך איין, צו די נאָכבאַרען זאָגען אזוי.
לא כמה דאמרת אמה וכו' אך מה יאמרו הבריות (בשינוי ילקוט ג"ר).

101. היט דער פרוי'ס זאַכען

אַ מענש טאָהר ניט פערקויפען זיין פרוי'ס זאַכען,
אהן איהר צושטימונג, אום געלד צו מאַכען.
אין אדם רשאי למכור את כלי אשתו וכו. בלא רשות אשתו.
(כתובות פ"ו, ירושלמי).

---

97) The street woman soon becomes addicted to drink.

98) Rather marry a girl whose character has been questioned, than the daughter of the mother whose virtue has been challanged.

99) Educate thy children, and prepare them to carry the burdon of sorrow.

100) It is not what the mother of the good woman has to say, but rather what the neighbors have to say.

101) The husband has no right to sell his wife's belongings.

102. געליעבטע ביי גאָט

ברידער צוזאמען זאָלען זיין, און שכנים זאָלען פריינדליך זיין,
מאַן און פרוי זאָלען לעבען אין פערגעניגען,
די וועלען פון גאָט פיעל ליעבע קריעגען.

שבת אחים גם יחד ושכנים ישליו, ואיש ואשתו בנחת ינוחו זה אהבת ה׳. (ב"ס כ"ח).



103. אַ גליקליכער מאַן

ווער עס ליעבט זיין פרוי ווי זיך אליין,
און רעספעקטירט איהר מעהר ווי זיך אליין,
און זיינע טעכטער, אין אַ גוטען וועג טהוט ער ערציהען,
און פערהייראַט זיי נאָהענט אין צייט ווען זיי בליהען,
אויף איהם האָט דער פסוק געזאָגט פאַראויס:
דו וועסט זיין זיכער מיט שלום אין דיין הויז.

האוהב את אשתו כגופו והמכבדה יותר מגופו וכו׳. (סנהדרין, ע"ו).
(וידעת כי שלום אהלך — איוב, ה׳).



104. צו גאַסט

ביי אַן אונטערהאַלטונג מיט פריינד, שטיי אויף דער ערשטער צו גיין,
זעה זאָלסט ניט בלייבען זיצען צו לעצט גאַר אליין.

במושב רעים קום ראשונה ואל תהי ממאחרי שבת. (ב"ס ל"ב).

---

102) Both brothers and neighbors, man and wife, shall live together in harmony.

103) He who loves his wife as himself, and respects her even more than himself; he who educates his children properly, and they marry while they are still in their bloom, is certain to have peace in his home.

104) Be the first and not the last to leave the gathering.

105. מאַן און פרוי

דער מאַן איז די קאָפּ, די פרוי איז די האַלז,
ווי זי וויל דרעהט זי דעם קאָפּ אין אַלץ.
אנשים הולכים אחר דעתם של נשים. (פרק דר. אליעזר, פ' מ"א).

106. ניט שנאָר

מייד אויס מיין זוהן פון שנאָרער ברויט,
איידער אזא לעבען, איז שוין בעסער דער טוידט.
בני, מנע רגלך מנדוד ללחם, כי טוב המות מחיי נדודים. (ב"ס, מ').

107. איין זוהן אַ גוטען

בעסער איין זוהן האבען אַ גוטען און אַ רעכטען,
איידער טויזענד, וואָס געהען אין אַ וועג אַ שלעכטען.
טוב בן אחד ותמים מאלף בנים מרעים. (ב"ס, ט"ז).

108. בעסער גאָר אָהן קינדער

בעסער שטאַרבען גאָר אָהן קינדער,
איידער האבען פיעל קינדער זינדער.
טוב הולך ערירי מרב בנים משחיתים. (ב"ס, שם).

109. מיט אַ גוי ניט הייראַטען

עס איז פערבאָטען צו עסען גוי'אישען ברויט,
צוליעב זייער פעטס פון אַ גוי צוגעגרייט,
און זייער פעטס צוליעב זייער וויין,
און זייער וויין, שידוכים זאָל ניט זיין.
גזרו על פתן ושמנן משום יינם ועל יינם משום בנותיהם. (שבת, י"ז).

---

105) Husbands follow the advice of their wives.

106) My son, avoid the bread of him who begs, for death is more welcome than such a life.

107) Better one son, but righteous, than a thousand who are sinful.

108) Better to die childless, than to have children who are evil.

109) Do not partake of heathen bread, nor drink their wine, nor marry their daughters.

110. זיי אָפּגעשייד

וועז די פרוי איז ניט ריין, און ער איז מיט דער ווייב,
ווערען געבארען קינדער מיט קרעץ אויפ'ן לייב.

כל מי שהולך אצל אשתו (בשעת נדתה נולדים לו בנים מצורעים).
(ויקרא, פ' ט"ו).



111. בעה"ב זיי פריינדליך

ווער עס פיהרט זיך אויף שטרענג אין זיין הויז,
פיהרט ער זיין גאנצע פאמיליע פון געדולד ארויס
און ברענגט זיי אלעמען דריי מאהל צו זינד,
אויך זיך זעלבסט, ווי דאס גאנצע הויז-געזינד.

המטיל אימה יתירה בתוך ביתו אף הוא בא לידי שלש עבירות וכו'.
(גיטין, ו').



112. לײדיג געהן ברענגט צו זינד

א פרוי וואס האט אפילו נעגעבען הונדערט שקלאפען נדן,
מוז זי אליין אויך עפעס טהון אין הויז פאר איהר מאן,
ווייל ליידיג אומגעהן ברענגט צו אויסגעלאסענהייט און זינד
און דאן וועט זי ניט קענען געבען א גוטע ערציהונג צו א קינד.

אפילו הכניסה לו מאה שפחות כופה לעשות בצמר שהבטלה מביאה לידי זימה.
(כתובות, נ"ט).

---

110) Children are healthy, when the associations of parents are clean.


111) He who rules his family with an iron hand, causes them as well as himself to sin.

112) Even though she may have a thousand slaves, the wife should occupy herself, with certain duties; for idleness brings about sin.

113. די מעלות פון אַ שלעכטער פרוי

אבוואהל זי פערזיסט ניט דעם מאנ'ס לעבען,
אבער די קינדער טהוט זי אין ערציהונג געבען
און גיט א מעגליכקייט צו פיהרען א ריינעם לעבען.


אשה רע א"ל דיינו שמגדלות בנינו ומצילות אותנו מן החטא.
(יבמות, ס"ג).



114. וואָס באַשערט דאָס ווערט

פערציג טאג, איידער א מענש ווערט בעשאפען, רופט מען אוים
אין הימעל דאן:
אז די טאכטער פון יענעם, זאל זיין די פרוי פון דעם און דעם מאן,
די אלמנה אדער די גרושה פון יענעם מאן, זאל חתונה האבען
מיט דעם מאן,
יענע פעלד זאל געהערען צו דעם און דעם מאן דאן.

ארבעים יום קודם יצירת הוולד בת קול יוצאת ואומרת בת פלוני לפלוני, שדה פלוני לפלוני וכו'.
(סוטה, ב').



115. אַ ריכטיגער מענש

א איד ווערט אנגערופען אלס מענש דאן,
ווען ער געהערט שוין צו א פרוי אלס מאן.

כל יהודי שאין לו אשה אינו אדם, שנאמר זכר ונקבה בראם, ויקרא את שמם אדם.
(יבמות, ס"ג).

---

113) If the quarrelsome wife educated the children properly, the husband should overlook her other faults, for even he is kept from sin.

114) Forty days before one is born, it is already ordained whom one shall marry, and who shall own that certain field.

115) One is considered a man, only when he is married.

116. אַ שידוך צו פיהרען

עס איז אזוי שווער צוצופּאסען אַ פרוי מיט אַ מאַן,
ווי ס'איז שווער געווען צו שפּאַלטען דעם ים.
קשה לזווג איש ואשה כקריעת ים סוף. (סנהדרין, כ״ב).

117. אַ גוטע פרוי

נאָר די פרוי איז ווערטה צו בעריהמען,
וועלכע וועט זיך אין הויז געפינען.
אך האשה היושבת בביתה היא תתהלל. (ת"י ישעיה).

118. געפין אוים

קיין מאַן זאָל קיינמאָהל אַ פרוי ניט נעהמען,
ביז ער זעהט זי ווי זי טהוט זיך בענעהמען.
אסור לאדם לקדש אשה עד שיראינה. (קידושין, מ״א).

119. אַן איידעלע פרוי

אַ טוגענדהאַפטע פרוי אַהן צאָרען,
פערדאָפּעלט דעם מאַן די יאָהרען.
אשה יפה אשרי בעלה, מספר ימיו כפלים. (יבמות ס"ג, בשם ב"ס).

120. בעסער אַ זוהן

ווערט געבאָרען אַ זוהן, ברענגט ער אין זיין האַנד אַ ברויט,
ווערט געבאָרען אַ טאָכטער ברויכט מען גרייטען איהר אַ קלייד.
בא זכר לעולם בא ככרו בידו (כי הכנסתו מרובה והוצאותיו מועטות).
(נדה, ל"א).

---

116) It is as difficult to match a husband and wife, as it was to cause to sea to split.

117) The home loving wife deserves praise.

118) Never marry until you have observed the actions of your future wife.

119) The pleasant wife adds years of life to her husband.

120) If a son is born, he brings with him a loaf of bread, but if a daughter is born prepare for her a beautiful garment.

121. גיב אוים דיין טאָכטער צו אַן איידעלען מאַן

אז מען גיט אוים א טאכטער צו א גראָביאן אוים נויט,
איז ווי ער וואלט זי לעגען פאר א לייב געבונדענערהייט.
המשיא את בתו לעם הארץ כאילו כופתה ומניחה לפני ארי וכו'.
(פסחים, מ"ט).

122. אַ רייכע פרוי

א פרוי וועז זי מאכט רייך דעם מאן,
איז קיין ענדע ניטא צו קריעג, שאנדע דאן.
אשה מעשרת בעלה אין קץ לזדון, מדון ובזיון. (ב"ס, כ"ה).

123. ווען קומט קריגעריי

אז עס ענדיגט זיך ברויט אין די קריעג,
דאן קלאפט אן אין טיהר פון הויז א קריעג.
אז עס מאהלט זיך ברייט אין מיהל,
איז צו הויז דאן זעהר שטיל.
כד משלם שערי מכדא נקיש ואתי תיגרא בביתא. (ב"מ, נ"ט).

124. אַ קאַץ מאַכט פאַר אַ ווירטע

עס מאכט א מאהלצייט דער ראַץ,
ביי א שלעכטע ווירטהין אויך די קאַץ.
כרכושתא ושונרא וכו'. (סנהדרין, ק"ה).

---

121) He who compells his daughter to marry a ruf fian, is as though he bound her and placed her with the wild beast.

122) The wife who enriches her husband, often resorts to abuse and humiliation.

123) The absence of bread in the house brings about a quarrel between husband and wife.

124) Both the rat and the cat find food in the home of the bad housewife.

125. אַ גוטע פרוי

א ריכטיגע פרוי דערפרעהט דעם מאַן ווער עס וועט איהר קריגען,
ער פערבערענגט זיינע גאַנצע יאהרען אין פערגעניגען.
אשת חייל חדות בעלה. (ב"ס, כ"ו).

126. די טאָכטער ווי די מוטער

ווי איין שעפס די צווייטע יאָגט;
וואס די מוטער דאס די טאכטער זאגט.
ווי די מוטער פיהרט זיך און זי טהוט;
אזוי די טאכטער האט דעם זעלבען מוטה.
כעובדי אמה כך עובדי ברתא. (כתובות, ס"ג).

127. זעה וועמען דו נעמסט

יונגערמאַן, זעה וועמען דו קלייבסט אויס,
דיין געליעבטע זאָל זיין גוט דורכאויס.
בחור שא נא עיניך. (תענית, כ"ו).

128. אַ שלעכטע פרוי

א גוטע פרוי, ברענגט דעם מאַן צו גוטע טהאטען און פרומע,
א שלעכטע פרוי פיהרט דעם מאַן צו שלעכטע וועגען קרומע.
אשה טובה וכו'. (מדרש תהלים).

129. מען ווערט גרוי

פון פיער זאכען ווערט מען גיך אַלט און גרוי:
פון מלחמה, שרעק, פון א שלעכטען קינד אָדער פרוי.
מפני ארבעה דברים הזקנה קופצת. (תנחומא, פ' חיי שרה).

---

125) The worthy wife brings joy to her husband.

126) The daughter is apt to be like the mother.

127) Young man, be very cautious in chosing your life mate.

128) The good wife encourages her husband to do good deeds; an evil wife couses her husband to follow the wrong path.

129) Gray hair may be due to any of the following: war, great fear, evil child, or evil wife.

130. נעם עטוואָם העכער

א נידעריגער מאַן, זאָל ניט נעהמען אַ נידעריגע ווי ער,
עס זאָלען ניט אַרויסקומען פון זיי קינדער ווי פינגער.
ננס לא ישא ננסת וכו'. (בכורות, מ"ה).

131. אַ זוהנ'ס ליעבע

ביז אַ מאַן הייראַט ניט, טהוט ער די עלטערן ליבען,
נאכהער טהוט ער די ליעבע צו זיין פרוי אָפּגעבען.
עד שלא לקח אדם אשה אהבתו להוריו. (פדר"א פ' ל"ב).

132. זיי גוט צו דיין פאַמיליע

אַ מענש זאָל ניט זיין בייז צו זיין פאַמיליע אָדער שטרענג,
ווייל מיט דער צייט, וועט זיין הויז פאַר איהם זיין איינג.
אל יטיל אדם אימה יתירה בתוך ביתו. (גיטין, ו').

133. צופיעל פריינד לאָד ניט איין

זע דו זאָלסט ניט ברענגען פיעל פריינד אין דיין הויז,
עס קאָן נאָך אַמאָהל דורך זיי ווערען די ליעבע פון דיין פרוי אויס.
אל ירבה אדם רעים בתוך ביתו וכו'. (ברכות, ס"ג).

134. שעהמעוודיגע טעכטער

די נעוועהנליכע פיהרונג פון אידישע טעכטער,
איז ניט קיין שרייענד־אויסגעלאַסענער געלעכטער.
דרכן של בנות ישראל לא קולניות ולא פרציות בשחוק. (תנחומא נשא).

---

130) The man of low stature should not marry one shorter than himself.

131) After a man marries, his attentions are paid to his wife, rather than to the parents.

132) Do not be too strict in your home, lest it become too unbearable for you.

133) Too many friends within the home may cause the separation of husband and wife.

134) Young women of Israel do not indulge in boisterous laughter.

135. גיב אויס דיין טאָכטער צו אַ בחור

די וואס פערהייראַטען טעכטער צו אַלטע לייט,
איז ווי מען ברענגט זיי צו אויסגעלאַסענהייט.
„אל תחלל את בתך להזנותה" — זה המשיא בתו לזקן. (סנהדרין, ע"ו).

136. אַ גוטער סימן

ווען דאס ערשטע קינד אַ טאָכטער וועט ער האָבען,
איז אַ בעווייז, ער וועט נאָכהער זיהן פערמאָגען.
בת תחלה — סימן יפה לבנים. (ב"ב קמ"א).

137. ניט קריעג זיך

דורך אַן אומזיסטער קריג ביי אַ פאַמיליע אין הויז,
פאַר דער צייט, טויטע קינדער, גיט די פרוי אַרויס.
בעון שנאת חנם מריבה רבה בתוך ביתו אשתו מפלת. (שבת, ל"ב).

138. בעשיידענהייט

די שעהמעריי וואס ביי פרויען איז פאַרהאַן,
אזא בעשיידענהייט איז ניטאַ ביי אַ מאַן.
בושתה של אשה מרובה משל איש. (כתובות, ט"ז).

139. הער פון לייטען

ניט ווי אַ מוטער טהוט די מיידעל לויבען,
נאָר וואס שכנים זאָגען זאָלסטו גלויבען.
לא כמה דאמרית אמה אלא כמה שאמרו הבריות. (מדרש תהלים, מ"ח).

---

135) He who compells his daughter to marry an old man, is as though he encouraged immorality.

136) If the first child born is a daughter, surely sons will follow.

137) Quarrelling between husband and wife may bring about a miscarriage.

138) Women are more modest than men.

139) It is the praise of the neighbors, rather than the mother that you should believe.

140. זוך פריעדען

עס מעג זיין עסען און טרינקען גענוג אין הויז,
אויב עס איז ניטא קיין פריעדען, געהט אלץ אוים.
הרי מאכל הרי משתה אם אין שלום וכו׳. (ספרא, בחוקותי).

141. א פרומע פרוי

ווער עס הייראט א ריכטיגע כשר׳ע פרוי, לעבט אהן מורא,
ווי ער וואלט ערפילען אלע געזעצען פון דער תורה.
כל הנושא אשה כשרה וכו׳. (ילקוט, רות).

142. קוק אויף דיין פרוי

פון א פרעמדער פרוי זאלסטו ניט דענקען,
ווען דו טהוסט פון איין כוס טרינקען,
זאלסטו צו א צווייטען כוס ניט ווינקען.
אל ישתה בכוס זה ויתן עיניו בכוס אחר. (נדרים, כ׳).

143. א פרוי׳ס פערגעניגען

א פרוי האט פערגעניגען נאר דאן,
ווען זי איז אין הויז פון איהר מאן.
אין קורת רוח לאשה אלא בבית בעלה. (רות רבה, פ״א).

---

140) Though one has food in plenty, if there is no peace, nothing matters.

141) He who marries a worthy woman, is as if he obeyed all the laws of the Torah.

142) Do not wink at another while drinking from your own cup, that is, direct your attention to your own wife.

143) The wife dwelling in the home of her husband enjoys peace and contentment.

144. ווייטאָגען

ווייטאגען און שמערצען ביי א פרוי איז מעהרער,
איידער וועלכע עס האבען אמאהל מענער.

חבלי נקבה מרובין משל איש. (נדה, ל"א).



145. זיהן אָדער טעכטער

גליקליך איז דער מאן וואס האט זיהן קינדער,
איהם איז אין אלע צייטען פיעל גרינגער.
אוי איז דעם, וואס האט נאר מיידלאך,
ער מוז קויפען מארגע העטס און קליידלאך.

אשרי מי שבניו זכרים ואוי לו למי שבניו נקבות. (ב"ב, ט"ז).

---

144) Woman endures greater pain than man.

145) Happy is he whose children are sons; woe is him whose children are daughters.



פרק ששי

על־דבר צדקה ומתן בסתר

כל חומר המאמרים והפתגמים מהתלמודים, מברייתות המפוזרים, נלקטו בעמל רב וביגיעה רבה אחת לאחת, ואח"כ נעתקו ונגזרו במשקל השיר כאוות דור הצעיר, ומסודרים באופן שהקורא ימצא בנקל כל דבר חפץ לדרשה בין הפרקים ע"י המפתח בסדר מסוים כל ענין בפני עצמו כפי מטרת המטיף לפי המקום והזמן בשלש לשונות המדוברות.



הפוך את התיבה ודורשה. (שבת נ"ה).

קער איבער דעם וואָרט,
און זאָג תורה אויפ'ן אָרט.

מים מכבים אש וצדקה תמחה חטאה. (ב"ס ג׳).

וואסער פערלעשט פייער געשווינד,
און צדקה מעקט אָפּ זינד.

גורעין ומוסיפין ודורשין. (זבחים כ"ה).

אַ וואָרט וועניגער, אדער אַ וואָרט זאָלסטו מעהרען,
אבי עס זאָל זיין תורה וואָס צו הערען.

פרק ששי
על־דבר צדקה ומתן בסתר



1. האַלט וואָרט

אז א מענש זאגט צו אין לעבען,
וואוהין ניט איז, עטוואס צו געבען,
מוז ער געדענקען דעם אָרט,
און האַלטען הייליג זיין וואָרט.
אפילו א קינד ניט צו צייגען,
אז מען מעג וועז עס איז לייגען.

לא לימא איניש וכו׳, (לא ישקר אדם אף לילד אך ימלא הבטחתו תמיד).
(סוכה, מ״ו).



2. אַ גוטער אַפּטייקער

רב הונא האט אן אפּטייק געהאט, מיט אן אויפשריפט אויפ׳ן
טיהר דערביי :
יעדערער וואס איז קראנק, קאן נעהמען א רפואה פאר זיך גאר פריי.

לרב הונא היה בית הסמים ועל פתחי הבית היה כתוב, כי כל חולה
יקח ממנו סמים למרפא חנם. (תענית כ׳).


CHAPTER VI. — CHARITY AND SECRET DONATIONS

1) Never speak falsehood to the child; at all times keep your promise.

2) Rabbi Huna dispensed drugs to all needy free of charge.

3. אַ בעצאָהלטער תענית

די בעלוינונג פון פאסטען און ניט עסען,
איז דאָס אפגעשפּארטע צו געבען אָרימע צו עסען.
אגרי דתעניתא צדקתא—(שכר הצום, להרגיש את רעבון העניים ולתן להם צדקה). (ברכות, ו׳).




4. גיב אַליין

ווען דו זעלבסט ווערסט זיך ניט גוט אויפפיהרען,
זאָלסטו מיט די עלטערן ניט שטאָלצירען,
ווען דיינע עלטערען האָבען צדקה געגעבען צו אידען,
זאָלסטו זיך ניט שטעלען מיט דעם צופריעדען.
אם אין אדם עושה טוב אל יבטח במעשה אבותיו, אך הוא בעצמו צריך ללכת בדרך טוב.



5. העלף אַן אָרימאַן

טראָג דעם ארימאַן אנטקעגען דאָס ברויט,
וועט מען העלפען דיינע קינדער אין נויט.
יזהר להקדים את העני בלחם — כי אולי חלילה בניך יצטרכו לזה ויקדימו ג״כ אותם בלחם. (שבת, קנ״א).



6. גלויב אַן אָרימאַן

מען אונטערזוכט דעם אָרימאַן, צי ער דאַרף אַ קלייד,
אבער ניט ווען ער דאַרף און בעט אַ שטיקעל ברויט.
בודקין אחר העני אם הוא רמאי אם יבקש כסות, אך אין בודקין אם יבקש לחם לאכול. (בבא בתרא, ט׳).

---

3) If you fast, allow the poor to enjoy the meal you did not eat.


4) Be not satisfied with the good deeds of your parents, but be charitable yourself also.

5) Hasten to feed the hungry; then should thy children ever need help, they will receive it.

6) Do not suspect one if he merely asks for bread.


7. אַ מענשענס גאָב

זעהר ווייניג צום אָרימאַן איז דעם מענשענ'ס גאָב,
די שאַנדע איז פיעל מעהר ווען מען בעהאַנדעלט איהם גראָב.
בשר ודם מתנתם מעוטה וחרפתם מרובה — אם יתנו לעני צדקה ברבים. (ברכות, פ"ד, ירושלמי).




8. אַ נדר

מען זאָגט־צו, ווען אַ שלעכטע צייט קומט אָן,
ווען עס ווערט גוט, מיט'ן געוואוינהייט געהט מען אָן.
בשעת עקת נדרא — בעת צרה הוא נודר לצדקה ובעת הרוחה הוא חוזר להרגלו. (ב"ר מ"א).



9. צדקה קלויבען

צו מאַכען אַנדערע צו העלפען אָרימע צום לעבען,
איז פיעל גרעסער, איידער אַליין צדקה צו געבען.
גדול המעשה יותר מן העושה — כי לעורר גם לאחרים לתן צדקה מצוה גדולה היא. (בבא בתרא, ט').



10. אַ קאַרגער למדן

ווען איינער וויל לערנען נאָר תורה אַ סך
און וויל ניט טהון קיין אַנדער גוטע זאַך,
איז זיין פיעל לערנען גאַרניט ווערטה,
ווייל פאַר צדקה האָט ער ניט געקעהרט.
האומר אין לי אלא תורה בלבד ולא יקיים שום מצוה או צדקה — אַז גם שכר תורה אין לו. (יבמות, ק"ט).

---

7) Man's gifts are few, his insults many, therefore do not give charity in public.

8) In time of stress one will make his vows, but when relief comes, he forgets about his promises.

9) To cause others to subscribe to charity is of greater import than to give to charity in person.

10) He who avoids charity under the cloak of his interest in the Torah, does not deserve the reward that comes with the knowledge of the Torah.

11. ווי צו געבען צדקה

ווען איינער בעט גאָט מעהר אדער ווענינגער,
אבי ער דאנקט אין הארצען דעם בעשעפער.
בעסער געבען א קליינע נדבה, מיט א גוטען געדאנק,
איידער צוליעב גרויסקייט א גרויסען געשאנק.
אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים. (ברכות, ח').



12. גיב צדקה

ביסטו נאר רייכער פון אנדערע לייט,
טאָ גיב מעהר צדקה צו ארימע לייט.
אסיפת מיא אוסף קמח. (ב"ר, פ"ב, קמ"ח).



13. מיטלייד

ווער עס האט רחמנות אויף ארימע לייט,
העלפט איהם אויך גאָט אין אלע צייט.
כל המרחם על הבריות מרחמין עליו מן השמים. (שבת, קי"ח).



14. ערציהען א יתום

א יתום, א יתומה, וואס האבען די עלטערן פערלאָרען,
ווער עס ערציהט זיי, איז גלייך ווי ער וואלט זיי געבאָרען.
כל המגדל יתום או יתומה בתוך ביתו מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו. (מגילה, י"ג).

---

11) Better to give little but sincerly, than much for the sake of publicity.

12) If your wealth is great, your amount to charity should be in proportion.

13) He who has pity in his heart for the poor, God has compassion with him.

14) He who adopts the orphan is as though he brought him to life.


15. אידען גיבען

אידען גיבען אויף שוהלען זעהר פיעל געלד,
און אויך אמאהל אויף א קלויסטער, ווען עס פעהלט,
ווי נאר אז אויסגעשטרעקטע האנד ער זעהט,
גלייך גיט ער ווער נאר פון איהם עס בעט.
ישראל נתבעין למשכן ונותנין נתבעין לעגל ונותנין. (ילקוט, נ"ב).




16. בעסער גיב צדקה

די טיהר וואס איז פערמאכט פון צדקה געבען,
וועט זיין אפען ר"ל פאר דאקטוירים ביים לעבען.
הפתח שאינו פתוח למצוה של צדקה פתוח לרופא. (ילקוט נ"ד).



17. תורה און צדקה

ווער עס לערענט נאר אימער תורה אליין,
און פון צדקה, גמילות חסדים, וועט ער פון ווייטען שטעהן,
איז א בעוויז, אז זיין גלויבען אין גאט איז קליין.
העוסק בתורה בלבד דומה כמי שאין לו אלוה. (ע"ז, י"ז).



18. שטיין פאַרזיכטיג

שטיצען אז ארימע פרוי בעהאלטענערהייט, בייטאג אדער ביינאכט,
קען דאס ברענגען אויף דער ארימער פרוי א פערדאכט.
הנותן צדקה לאשה בסתר וכו' מביאת לידי חשדא. (חגיגה, ה').

---

15) Israel is liberal, both Jewish and non-Jewish institutions receive her aid.

16) The door that is closed to charity is open to the doctor.

17) To study Torah but to give no charity, shows lack of fear of God.

18) When one gives charity to a woman secretly, she is open to unnecessary suspicion.

19. ווייניג צדקה

די פערשטעלטע ארימע לייט, וועלכע זיינען פערמעגליך,
פערהיטען אונז פון זינד, פאר ניט געבען צדקה טעגליך,
דערום דארפען מיר זיי זיין אלעמען דאנקבאר פיעל מעגליך,
קיינעם ניט ענטזאגען און געבען צו־ביסלאך יעדען טעגליך.

באו ונחזיק טובה לרמאים, כי על ידם אנו מעלימים עין מן העניים — אם לא הם היינו חטאים בכל יום. (כתובות, ס"ח).

20. אויסנארען צדקה

ווער ווי אן ארימער בלינדער קאליקע, האט זיך פערשטעלט,
מוז ווערען אויף ריכטיג א קאליקע, איידער ער געהט פון דער וועלט.

המסמא את עיניו וכו' אינו נפטר מן העולם עד שיהא לו כן.
(כתובות,ס"ח).

21. דורך ווען עם ווערען בעשולדיגט

דורך דעם ארימען הלל'ן, ווערען בעשולדיגט ארימע ניט צדקה־געבער צו ארימע לייט,
דורך דעם רייכען רבי אליעזר, וואס ווילען ניט לערנען, ווייל זיי זיינען רייכע לייט,
דורך יוסף הצדיק, ווערען בעשולדיגט אלע אויסגעלאסענע לייט.

הלל מחייב עניים, רבי אליעזר את העשירים ויוסף את הרשעים.
(יומא, ל"ה).

---

19) We should be grateful to the professional beggars, though they often may be well to do, their begging compels us to give charity every day, thus complying with the law of giving charity daily.

20) He who pretends maleformation (to secure alms) often leaves this world actually crippled.

21) If the poor say they cannot afford to give towards charity, point to Hillel, who although poor himself, gave freely. If the rich maintain they have no time for study, point to the wealthy Rabbi Eliezer. If one cannot avoid temptation, point to the experience of Joseph.


22. ביי אַ פרעמדען טיש

ווען איינער האָט אַז פרעמדע מענשען זאָלען איהם עסען געבען,
איז איהם פינסטער די גאַנצע וועלט אויף זיין לעבען.
המצפה לשלחן אחרים עולם חשך בעדו — כי חרפה לו. (ביצה, ל"ב).



23. צדקה געלט ניט זאָלץ איין

עס וועט ווענינער ווערען פון פערמעגען,
ווען דו זאַלצסט איין דיין געלד פאַר'ן לעבען,
און דו ווילסט קיין צדקה ניט געבען.
מלח ממון — חסר. (כתובות, ס"ו).



24. צדקה בסתר

צו געבען צדקה בסתר בעהאַלטען, איז פיעל בעסער,
דער מענש איז אפילו פון משה רבנו גרעסער.
גדול העושה צדקה בסתר יותר ממשה רבינו. (ב"ב, ט').



25. אידען גיבען צדקה

דער וואָס האָט ניט קיין מיטלייד צו אָרימע איז ער אַ זינדער,
אַזאַ מענש איז זיכער ניט פון אברהם אבינו'ס קינדער.
כל מי שאינו מרחם על הבריות בידוע שאינו מזרעו של א"א.
(ביצה, ל"ב).

---

22) He who depends upon others to support him, endures much humiliation.

23) Even though you refuse to give charity, your fortune will dwindle.

24) He who gives charity in secret is considered to be even greater than Moses.

25) He who has no pity for humanity, surely cannot be a descendent of Abraham.

26. האָב רחמנות

וועסטו מיטלייד האבען אויף דעם ארימאַן,
וועט גאָט אויף דיר רחמנות האָבען אויך דאַן.
כל המרחם על הבריות מרחמין עליו מן השמים וכל שאינו מרחם על הבריות אין מרחמין עליו מן השמים. (שבת, קנ"א).

27. ניט אַנטלויף פון צדקה

ווער פון צדקה טהיילען בעהאַלט זיינע אויגען,
איז גלייך ווי ער וואָלט זיך צו אַן אָפּגאָט בויגען.
כל המעלים עיניו מן הצדקה כאילו עובד עבודת כוכבים. (כתובות, ס"ח).

28. אַבי צדקה

צי די ציג איז ווייס, אָדער זי איז שוואַרץ,
אַבי די מילך איז ווייס און זיס, היילט די האַרץ,
אַלץ איינס ביי וועמען די צדקה איז גענומען,
אַבי דאָס ברויט זאָל דעם ארימאַן וואויל בעקומען.
אם העז שחור או לבן, העיקר כי החלב מתוק לרפואה, כן הצדקה — מי שנתן נתן אך להעני עוזר. (ב"ר ג׳ בשינוי).

29. אַ דאַנק פאַר צדקה

צום ווירטה געהערט גאָר דער ווייַן,
און דעם סאַרווער דאַנקט מען פיין,
צדקה ווערט פון פיעל לייטע געקליבען
די פאַרטיילער טהוען דעם דאַנק קריגען.
חמרא למרא וטיבותא לשקיה — היין של בעל הבית ושותיו יתנו תודה למשקתו. (בני אדם הרגלו לשכות את עושה הטוב, ושכרו יקח אחר). (ב"ק, צ"ב).

---

26) God has pity with those who have compassion for the poor.

27) To avoid charity is to serve the idol.

28) Charity is necessary to the poor, irrespective of its source.

29) Charity is secured from many people, but those who receive the thanks are the actual dispursers thereof.

30. צדקה פון אייגענע

בעסער געבען וועניגער צדקה, נאר כשר פערדיענטע מיט דאנק און לויב,
איידער טהיילען א סך צדקה פון געלט וועלכע איז פון רויב.

טוב מי שהולך ופועל ועושה צדקה מועטת משלו וכו'. (ויקרא פ"ג).



31. ווענן געבען מעהר צדקה

שטיץ פיעל מעהר א שטילען ארימאן, ניט קיין שנארער,
און וועניגער דעם וואס געהט אין די הייזער, אדער אן ארומפאהרער.

עני המחזר על הפתחים אין נזקקין לו. (בבא בתרא, ט').



32. צדקה געבער

איינער וויל טהיילען צדקה, נאר ער האט ניט צו געבען,
אנדערע האבען און ווילען ניט געבען ארימע לייט צו לעבען.

יש רוצה ואין לו ויש מי שיש לו ואינו רוצה. (חולין, ז').



33. צדקה פון רויב

אנגערויבטע געלד אין זיין קעשענע פול,
און טהיילט פיעל צדקה און גיט אויף א שוהל.

מצוה הבאה בעבירה. (ברכות, מ"ז).

---

30) Let thy gift to charity be small, but honestly earned.

31) Give less to him who is bold, or who forces his attention upon you. Give generously to the poor man who is reticent.

32) Some wish to give to charity, but have nothing to offer; others have much but refuse to give anything towards charity.

33) His purses bulge with illicit gains, so he contributes generously to charity and to the synagogue.

34. אַ מענשענס גאָב

די גאָב פון אַ מענשען איז קליין,
און עס איז גאָר ניט שעהן,
די שאַנדע איז זעהר גרויס,
ווייל יעדרער ווייס.
מתנת בשר ודם מועטה וכו' וחרפתו מרובה. (ירושלמי ברכות פ"ב).

---

35. שטיץ דיינע אָרימע

דיינע אייגענע אָרימע לייט, גיב זיי פריהער צום לעבען,
איידער דו וועסט פרעמדע אָרימע לייט צדקה געבען.
זאָלסט געבען פריהער שטיצע דיינע לאַנדס־לייט,
איידער דו גיסט פון אַנדערע שטעדט צו אָרימע לייט.
ענייך ועניי עירך ענייך קודמין. (ב"מ, ע"א).

---

36. גיב אַ צעהנטעל צדקה

גיב אַ צעהנטעל פון דיין פערמעגען צו אייגענע און פרעמדע
אָרימע גלייך,
וועט דיך דערפאַר גאָט בענטשען אין אַלץ, אַז דו וועסט ווערען רייך.
עשר בשביל שתתעשר. (שבת, קי"ט ; תענית, ט').

---

37. וועגען צדקה

זאַמלען און מאַהנען צדקה, איז דורך צוויי,
אָבער דריי מענשען זאָלען זיין ביים טהיילען זיי.
קופה של צדקה נגבית בשנים ומתחלקת בשלשה. (ב"ב, ח').

---

34) The gifts of man are few, his humiliations are many.


35) Thy own poor and the poor of thy community should have your first interest.

36) By giving a tenth of your wealth to the poor, you will surely become rich.

37) Charity is collected by two, but dispursed by three.

38. איילט זיך צו געבען ברויט

רבא האט געזאגט צו לייטע: איך בעט אייך אין א נויט,
איילט זיך אונטער צו העלפען — גיט צו ארימע לייט ברויט,
וועט ביי דער רעגיערונג דאן זיין פריעדען,
אויך דאס זעלבע ביי אלע אידען.
עושו אהדדי כיהיכי דלהוי לכו שלמה במלכתא. (ב"ב, ט').




39. ארימע זאלען געבען

אפילו אן ארימאן וואס פון צדקה וועט לעבען,
דארף ער אויך צו ארימע צדקה געבען.
אפילו עני המתפרנס מן הצדקה יעשה צדקה. (גיטין, ז').



40. שלעכט אן ארימאן

דארף א מענש ר"ל אנקומען צו לייטען,
די ערנידערונג, טהוט זיין געזיכט פערבייטען.
כיון שנצרך אדם לבריות פניו משתנה. (ברכות, ו').



41. צדקה כאטש צו ביסלאך

אויב מען גיט צדקה, איז גוט כאטש מיט א קליינער צאהל,
וועז ניט ר"ל, קומען גוים רויבער און נעהמען צו מיט א מאהל.
אם עושין צדקה מוטב ואם לאו באין עכו"ם ונוטלין בזרוע. (ב"ב, ט').

---

38) Rabbi Rava would say: "Be quick to help those who are in need, thus will the government as well as all the Jewish people enjoy peace."

39) Even the poor, depending upon charity for their livelihood should give charity to those less fortunate.

40) The humiliation that comes with the necessity of dependence upon others, often changes the very face of the person.

41) Give to charity even though a little; otherwise one may lose all to some thief or robber.

42. בעצאָהל דיין נדר

נדרים בגמטריא באטרעפט, ווי רצח דריי הונדערט מיט פיער,
ד"ה ווי א מערדער, עפּענט ער פאַר'ן מלאך המות די טיהר,
ד"מ אויב ער בעצאָהלט ניט זיינעם א נדר צוליעב נאָט,
פעהלט ביי איהם ר"ל די פרוי אָדער א קינד וואס ער האָט.
שהנדר אם לא ישלם חשוב כרצח. (בעל הטורים, מטות).

---

43. גיב מתן בסתר

ווען מען גיט צדקה אָפענטליך וועט מען דעם אָרימאַן פערשעהמען,
עס איז א זינד — דער אָרימאַן איז הונגעריג, ער מוז נעבאך נעהמען.
הנותן צדקה לעני בפרהסיא, העני מתבייש. (חגיגה, ה').

---

44. צו ביסלאך צדקה

ווי א פאָדים צו א פאָדים ווערט פעראייניגט אין א קלייד א גוטע,
אזוי איז צדקה ווערט פעראייניגט א פרוטה צו א פרוטה.
אף צדקת כל פרוטה ופרוטה מצטרפין, כל נימא ונימא מצטרפין.
(בבא בתרא, ט').

---

45. ניט נעם צדקה

אז איינער נעהמט צדקה און ער דארף ניט די געלד,
מוז ער אָנקומען צו לייטען, איידער ער געהט פון דער וועלט.
המקבל צדקה ואינו צריך לכך אינו נפטר מן העולם עד שבא לידי כך.
(כתובות, ס"ח).

---

42) He who avoids paying his vows is likened to a murderer.

43) Do not give charity publicly. The poor man may be compelled to take the gift offered in public, for he may be hungry.

44) Just as many threads when woven together form a garment, in like manner very small gifts added together will form one substantual gift.

45) He who accepts charity at a time when he does not need it, will eventually be compelled to actually beg for help.

46. רייד גוט

אויב דו האסט ניט צו געבען דעם ארימאן א שטיקעל ברויט,
זאלסטו זעהען איהם כאטש טרייסטען מיט גוטע רייד.

אם אין לו מה ליתן ינחמהו בדברים. (ויקרא, פל"ד).



47. גיט אלע צו ביסלאך

א ביסעל צו א ביסעל — ווערט א פולע שיסעל.
יעדער איינער זאל געבען — האבען ארימע לייט צום לעבען.

מטיפה לטיפה נתמלא ההין. (מ' במדבר, פ' ו"ז).



48. שפייז און בעגלייט

זאלסט געבען עסען טרינקען און באגלייט
יעדען ארימען אורח ווען ער איז אין א נויט.

אכלת, השקת, לוית. (סוטה, ל"ח).



49. הארץ און געלט

עפענטליך צו זאגען ניט פערשטעלט,
איז נאר אויף געלד שטעהט די וועלט.
א הארץ איז גוט אויפגעלייגט מיט געלד,
זי קען קלייבען און טהיילען צו וועמען עם פעלט.

לבא בכיסא תליא. (כי על ידי לב טוב יתן האדם צדקה).
(ירושלמי, פ' תרומה).

---

46) If it is utterly impossible to aid the poor man, at least encourage him as much as possible.

47) Little by little, if all should contribute, the poor and needy would have enough to eat.

48) Clothe and feed the poor transient.

49) The heart depends upon the purse. When the purse is full, the heart dictates to dispense charity.

50. פרויען קומען ערשט

וועז מען טהיילט צדקה צו אָרימע מענשען,
דארף מען געבען צו אַ פרוי צום ערשטען.
במקום שחולקין צדקה, מעשר עני, חולקין לאשה תחילה. (יבמות, ק׳).

51. אַן אָרימאַן מוז צדקה געבען

ווער עס לעבט פון שטיצע, דארף אויך העלפען אָרימע לייט,
די לבנה האט ליכט פון דער זון און דאך זי לייכט.
סיהרא לא אית לה נהורא מדילה אלא מה דיהיב לא שמשא — הלבנה תקח אורה מהשמש, בכ״ז היא תתן אורה בלילה. (זוהר קי״ג, בחוקתי).

52. גיב צדקה פון אייגענע

אויב דו וועסט געבען צדקה פון אייגענע קעשענע די געלד,
וועט דיך נאט היטען פון רויבעריי, היזקות און אָנווערען געלד.
כי ד׳ יהיה ׳ב׳כ׳ס׳ל׳ך נוטריקון ב כ י ס ש ל ך. מדרש בראשית, פ״א).

53. פיער סאָרטען זיטען

אַ נעוועהנליכער מאַן זאגט, דיינס איז דיינס, מיינס איז מיינס.
אַ פּראָסטער מאַן זאגט, מיינס איז דיינס, און דיינס איז מיינס.
אַ פרומער זאגט, מיינס איז דיינס, און דיינס איז דיינס.
אַ שלעכטער זאגט, דיינס איז מיינס, און מיינס איז מיינס.
ארבע מדות באדם, האומר שלי שלי ושלך שלך זו מדה בינונית ויש אומרים זו מדת סדום, שלי שלך ושלך שלי עם הארץ, שלי שלך ושלך שלך חסיד, שלך שלי ושלי שלי — רשע. (אבות, פ״ה).

---

50) In distributing charity, give the woman the preference.

51) Even he who depends upon charity for his livelihood, should contribute his share to charity.

52) He who is generous in his gifts toward charity, will have no occasion to lament any losses due to any cause whatsoever.

53) There are four types of individuals: Those who say : "What is mine is mine, that which belongs to you is yours." Those who say: "That which is yours is mine, and mine is yours." Those who say: "Mine is yours, and that which belongs to you is yours." And finally those who say: "That which belongs to me is mine, also yours is mine."

54. פיער סאָרטען צדקה געבער

ער וויל געבען און אנדערע זאָלען ניט געבען,
דער האָט אַ שלעכטע אויג פאַר אַן אַנדערענס וועגען,
אַנדערע זאָלען געבען און ער ניט, קאַרג פאַר זיין פערמעגען,
ער זאָל געבען און אנדערע זאָלען געבען איז אַ גערעכטער.
ער זאָל ניט געבען און אַנדערע אויך ניט, איז אַ שלעכטער.

ארבע מדות בנותני צדקה, הרוצה שיתן ולא יתנו אחרים, עינו רעה בשל אחרים, יתנו אחרים והוא לא יתן עינו רעה בשלו. יתן ויתנו אחרים — חסיד. לא יתן ולא יתנו אחרים — רשע. (פ"א, פ"ח).

55. געדענק דעם אָרימאַן

ביסטו זאַט מיט ברויט, דערמאַהן זיך אַן די הונגעריגהייט.
ביסטו זאַט מיט רייכקייט, דערמאַהן זיך אַן די אָרימקייט.

שבעת לחם זכור הרעב. שבעת עושר — זכור העני. (ב"ס, י"ח).

56. ברויט איז דעם אָרימאַנ׳ס לעבען

דאָס ברויט פאַר דעם אָרימאַן, איז דאָס זיין לעבען.
דער, פערגיסט זיין בלוט, וועד דאָס רייבט און וויל איהם ניט געבען.

לחם עני מחית נפשו וגזלו שופך דמים. (ב"ס ל"ד).

57. שטיץ אַ געלערענטען

ווער קיין שטיצע צו אַ ת"ח וועט ניט געבען,
וועט ער קיין זעגען ניט האבען אין לעבען.

כל שאינו מהנה ת"ח מנכסיו איננו רואה סימן ברכה. (סנהדרין, צ"ב).

---

54) Those who contribute to charity are divided into four groups: He who gives, but denies others to do likewise; He who insists that others contribute, but that he should not do so. He should give and others also. And finally he who refuses to give and denies others the opportunity of giving.

55) Is your hunger satiated, remember the hungry. Is your purse full, remember the poor.

56) Bread to one who is famished is his very life. Therefore he who robs him is as though he sheds his blood.

57) He who refuses to aid the learned will never enjoy any blessing.

58. קויף זיך אַ פערטיידיגער

יעדע צדקה און נענאדע וואס אידען געהען דא טהון,
האבען זיי גוטע פערטהיידינער אין הימעל אויבען-אן.

כל צדקה שישראל עושין שלום גדול ופרקליטין גדולים בין ישראל לאביהם שבשמים. (ב"ב, י').

59. אַ קליינער געבער אַ גרויסער שרייער

מיט אַ קליינעם גאָב צדקה וויל איינער אויסשרייען,
צו אויסרופען אין מארק וויל ער טרייען.

במתן מצער גער יגער וכקורא בשוק פיהו יפער. (ב"ם כ').

60. און פאַר'ן טייוועל געפינט זיך

טהיילען געלד אויף וואס עס איז נויטיג איז ניטא,
נאר אויף פערלירען, ווי פאר'ן טייוועל איז דא.

זוזא לעלא לא שכיחא לתליתא שכיחא. — בעת הזול אין כסף לעני ובשעת היוקר נמצא. (חגיגה, ה').

61. ניט פערשעהם

עס איז אַ שאנדע דיין ברודער צו פערשעהמען,
ווייל דו האסט געעפענט דיין האנד ער זאל נעהמען.

בוש מהכלים פני אחיך כי פתחת לו ידך. (ב"ם מ"א).

---

58) Those who give towards charity, create for themselves champions at the throne of the Almighty.

59) It is usually he who gives but a small sum to charity, who calls everyone's attention to his generosity.

60) There are some who have enough money to gamble and squander, but have no money for worthy purposes.

61) By opening your hand to your brother you have shamed him.

62. היט דיין גוטען נאָמען

דערום מיין זוהן, היט דיין גוטען נאמען אין דער וועלט,
ווייל דער נאמען איז טהייערער פון גאָלדענע געלד.
לכן בני הזהר בשם טוב, כי יקר הוא מאלפי זהב וכסף. (ב"ס, מ"א).



63. באַצאָהל אַ נדר

ווען מען בעצאהלט ניט א צוגעזאגטען נדר,
שטארבט חלילה די ווייב אָדער קינדער.
בעון נדרים בנים מתים כשהם קטנים ובעון נדרים מתה אשתו.
(שבת, ל"ב).



64. צו געזאָגט גיב אָפּ

ווען איז אן אומגליק, ועסטו צדקה־געלד צו זאגען,
ווען דו ווערסט פריי־געהאלפען, זאלסטו די געלט צו טראָגען.
בשעת עקתא נדרא, בשעת רווחא שיטפא — בעת צרה הוא נודר,
וברווחה הוא חוזר להרגלו. (ב"ר, פ"א).



65. חי צום לעבען

ער זאגט צו צדקה צו בלייבען לעבען,
ווערט ער געזונד וויל ער דאן ניט געבען,
ער פערגעסט אז ער איז אין האנד ביי גאט,
ער קען צו נעהמען זיין פערמעגען, וויפיעל ער האט.
בשעת עקתא נדרא, רווחא — שמט. — בשעת צרה ינדב, וברווחה —
יקח לעצמו. (תנחומא ישן, פ' וישלח).

---

62) Guard thy name, my son, for it is more precious than a thousand gold coins.

63) He who does not fulfill his vows, may lose his wife or his children.

64) If in time of distress you have made a vow to give towards charity, when relief comes, hasten to fullfill your promise.

65) When in danger one will promise to give generously towards charity. When the danger is over, he forgets his promise, little realizing that all he has is in God's hands.

66. שבת צו רעכענען

א רעכענונג פון מצוות-זאכען,
מעג מען אויך אום שבת מאכען.
חשבונות של מצוה מותר לחשבן בשבת. (שבת, ק"נ).

67. צדקה העלפט

אז א מאן גיט צדקה צו ארימע לייט,
איז ער ווערטה צו עמפפאנגען די גאטהייט.
אדם נותן צדקה לעני זוכה ומקבל פני שכינה. (ב"ב, י').

68. היט דיין פערמעגען

ווען א בעה"ב האט געשפייזט אן ארימאן, האט ער גוט געטהון,
אז ניט, מאכט גאט דעם רייכען פאר אן ארימאן.
בשעה שהעני הולך אצל בעה"ב ואומר פרנסני וכו' מי שעשה עשיר לזה עושה אותו עני וכו'. (תמורה, ט"ז).

69. א פאלשער שנארער

אז א שנארער, ווי א בלינדער אויף די אויגען, א טיכעל וועט האבען,
וועט ער אויף אז אמת דאס טאקי אמאהל מוזען אזוי טראגען.
המכריך סמרטוט (חתיכת בגד ישן) על עיניו ועל שוקא ואומר תנו לסומא וכו'. (אדר"נ, פ"ג).

70. העלפט ארימעלייט

אייל זיך צו העלפען ארימע לייט אין א נויט,
וועלען דיינע קינדער ניט קומען צו בעטען בעטעל-ברויט.
כי אתי עניא אקדים ליה רופתא כי היכי דליקדמו לבניך. (שבת, קנ"א).

---

66) It is permitted to count even on the Sabbath if it pertains to a good deed.

67) The charitable are worthy of receiving the Shechinah.

68) It is praiseworthy for the rich to feed the poor, but if the rich man refuses to feed the hungry, God will cause him to become poor.

69) He who pretends blindness to receive alms, may become blind.

70) Hasten to aid the poor, then shall your children know no want.

71. צדקה העלפט

אז איינער זאגט, איך וועל צדקה געבען,
כדי מיין קראנק קינד זאל בלייבען לעבען,
אדער כדי גאט זאל מיר עולם הבא בעשעהרען,
דער קען אלס ריכטיגער צדיק גערופען ווערען.


האומר סלע זה לצדקה בשביל שיחיה בני או בשביל שאהיה בן עולם הבא הרי זה צדיק גמור. (בבא בתרא, ג׳).



72. ניט פערשעהמען אַן אָרימאַן

זאלסט ניט פערשעהמען א הונגעריגען מאַן,
און קיין פעררדרוס ניט פערשאַף אַן אָרימאַן.


נפש רעבה אל תבזה ואל תעציב עני בעניו. (ב״ס, ד׳).



74. אַ מצוה קאָסט געלט

א מענש איז צופריעדען צו טהון א מצוה אויף דער וועלט,
ניט נאר מיט׳ן קערפער, נאר אויך אפילו מיט געלד.

ניחה ליה לאינש לקיומי מצוה בממוניה. (פסחים, ד׳).



75. ג״ח איז בעסער ווי אָפּפערען

גמילות חסדים צו מענשען לייען, איז ביי גאט ליעבער פיעל מעהר,
ווי צו ברענגען אויפ׳ן הייליגען אלטאר אן אָפּפער.

חביבה לפני הקב״ה ג״ח מזבחים ועולות על גבי המזבח.

(פרקי דר׳ אליעזר, פט״ז).

---

71) He is a pious man who gives toward charity so that his child may live, or that he may secure entrance into the world to come.

72) Do not embarrass a hungry person, nor shame the poor man.

74) To do a good deed one should spare neither labor nor money.

75) Charitable deeds are more desirable than sacrifices at the altar.

76. די קעשענע גיט

אז דעם הארץ זיינען אפהייננגיג אלע מענשליכע גלידער,
און די הארץ אז דער קעשענע, וועלכע איז ווי א פיהרער,
ווייל צו העלפען ארימע לייט, ווען די הארץ גלוסט,
דארף דערצו אויך די קעשענע ניט זיין גאר פוסט.
האיברים תלוים בלב, והלב תלוי בכים. (ירושלמי, תרומות, פ"ח).

77. אבא יהודה דער בעל צדקה

אבא בן יהודה'ס קוה האט אקערענדיג צובראכען א פוס אין פעלד,
אויפהויבענדיג זי, האט ער געפונען אן אוצר מיט געלד.
צוליעב מיין גליק, האט די בהמה נעהאט איהר אומגליק.
לטובתי נשברה רגל פרתי. (ירושלמי, הוריות, פ"ג).

78. א ג"ח ביז א צייט

א פערלייער קען ניט מאהנען זיין געלד פאר דרייסיג טעג צייט,
אויב ער האט איהם ניט געזאגט אויף וויפיעל צייט ער האט איהם פערלייט.
המלוה את חבירו סתם (בלא זמן) אינו רשאי לתובעו פחות מל' יום. (מכות, ג').

79. העלף מיט ג"ח

לייה דיין פריינד, ווען איהם פעהלט,
האסטו געליהען בעצאהל אים אין צייט זיין געלד.
השה ברעך לעת מחסור, וכי נשית השיבהו ליום מועד. (ב"ס כ"ט).

---

76) The organs depend upon the heart; the heart depends upon the purse.

77) Abba Jehuda's beast of burden broke its leg. "Perhaps it was for my good", said he, "for through this incident have I found a burried treasure."

78) He who loans money cannot collect it before thirty days if the period of the loan has not been specified.

79) Help thy friend in his need; if you have borrowed, be sure to repay on time.

80. ערפיעל דיין וואָרט

ברענגסטו ארוים עטוואס פון דיינע ליפען,
צו ערפיהלען דאס זאלסטו זעהען צו היטען,
וועסטו געפינען אונטערשטיצונג אין שלעכטע צייטען.
מוצא שפתיך תשמור ועשית ותמצא משען בעת צרה. (ב״ס, כ״ט).

81. כשר פערדינט

בעסער געבען א ביסעל צדקה, פערדיענטע געלד מיט שוויים,
איידער געבען א סך צדקה, גערויבטע געלר און זיך מאכען גרויס.
טוב מי שהולך ופועל ועושה צדקת מועטה משלו, ממי שגוזל וחומס ועשה צדקה גדולות משל אחרים. (קה״ר, פ״ד).

82. אַלעס איז גאָט׳ס

ווען דו וועסט נאר צדקה, צו ארימע לייט געבען,
ניסטו פון גאָטעס, ווייל דו געהערסט צו גאָט מיט דיין פערמעגען.
תן לו משלו שאתה ושלך שלו. (פ״א, ג׳).

83. זייט גוט

דער וואס זעהט מענשען צופריעדענשטעלען,
דער איז ביי גאָט אויך וואויל געפעלען.
כל שרוח הבריות נוחה הימנו רוח המקום נוחה הימנו. (פ״א, ג׳).

84. ניט שפּאַס

שפּאַסען און לייכטזיניגקייט,
געוואוינען דעם מענשען צו אויסגעלאַסענהייט.
שחוק וקלות ראש מרגילים את האדם לערוה. (שם).

---

80) Have you promised anything, keep your word, and it will be well with you should you ever be in need.

81) Better to give less towards charity, honestly earned, than to give much, but illicitly gained.

82) Give unto charity, for thou and all thine is Gods.

83) He who satisfies his fellow beings, God is pleased with him.

84) Light-headedness and laughter bring man to shame.

85. ניט האַלט קיין הונט

ווער עס האַלט אַ הונד אַ שלעכטען אין הויז,
דער פערטרייבט גוטעס פון זיין הויז אַרויס.
אַ הונד פערטרייבט די וואָס קומען בעטען אין אַ נויט,
אַ טובה אַדער אַמאָהל כאַטש אַ שטיקעל ברויט.
פון אַ הונד'ס בילען, איז שוין אַמאָהל געשעהען,
אַז אַ פרוי האָט פון גרויס שרעק מפיל געוועהן.

כל המגדל כלב רע בתוך ביתו מונע חסד מתוך ביתו וכו׳ ההיא איתתא דעיילא להוא ביתא וכו׳ ונבח בה כלבא וכו׳. (שבת, ס"ג).

86. גיט וואָס מעהר צדקה

ווער עס טהיילט פון זיין פערמעגען פיעל צדקה־געלד,
רעטעט זיך פון גיהנם אויף יענער וועלט.
צב"ש, צוויי שעפּסען האָבען געדאַרפט אַריבער געהן אַ טייך אַמאָהל,
איינע ניט קיין געשאָרענע, די צווייטע אַ געשאָרענע איהר וואָהל,
די געשאָרענע איז געוועזן לייכט, איז זי די וואַסער אַריבער,
די ניט געשאָרענע איז געוועזן שווער, האָט זי ניט געקענט אַריבער.

משל לשתי רחילות שהיו עוברות במים, אחת גזוזה ואחת אינה גזוזה. גזוזה עברה ושאינה גזוזה לא עברה. (גיטין, ז׳).

87. אַ קלוגער בעל צדקה

אין בוצרה ווען אידען פלעגען מנדר זיין צדקה פלעגט איינער זיין שטיל
ווי ער וויל ניט געבען, נאָכהער פלעגט ער געבען ווי אַלע צוזאַמען אַזוי פיעל.

בבוצרה, כאשר התנדבו כולם צדקה היה אחד שותק, כאילו לא חפין ליתן, ואחר־כך נתן הסכום אשר נתנו כל הקהל בסך־הכל.
(ירושלמי, הוריות, ג׳).

---

85) A vicious dog should not be kept, for it will keep from your door those who may seek your aid. In fact at one time a vicious dog caused a certain woman to miscarry.


86) He who gives to charity will save himself from Gehina.

87) In the city of Butzra lived an individual who would remain in the background when charity would be collected, as though he wished to avoid contributing his share. But when the collection was over, he would give an amount equal to the sum total of all the contributors.

88. אַ פרומער צדקה נעמער

רב זכריה פלעגט, צדקה נעהמען גלייך מיט אַלע אָרימע לייט צוזאַמען,
מען האָט אין שטאָדט געמורמעלט, אַז ער דאַרף קיין צדקה ניט נעהמען,
אָבער נאָך זיין טוידט האָט מען דורך אָרימע לייט אויסגעפונען,
אַז ער פלעגט די צדקה־געלד זיי צוטהיילען, זיך ניט גענומען,
ווייל אַליין געהן בעטען צדקה, פלעגען יחסנים זיך גאָר שעהמען.

רבי זכריה היה לוקח צדקה כעני ואחרי מותו נודע הדבר, כי הצדקה אשר לקח, חלק בין עניי היחסנים. — בשינוי. (ירושלמי, פאה, ח׳).



89. העלפט אַ פּאַרמער

ווילסטו האָבען עוה״ב פון דיין געלד
און די פערדינסטען עסען אויף דער וועלט
זאָלסטו לייהען צו אַ פּאַרמער דיין געלד,
און אויף חוב זאָלסטו נעהמען ברויט פון זיין פעלד,
וועט דיך קאָסטען דיין ברויט גאָר ניט טהייער
און דעם פּאַרמער וועסטו העלפען ווי אַ פריינד אַ געטרייער.

הלוה חבירך מעות על הקרקע ואכול פירות בזול. — זה ריוח ומצוה.
(פסחים, קי״ב, עיין ברש״י).

---

88) Rabbi Zechariah would solicit alms as though he were poor. Upon his death it became known that all he collected in alms he distributed among the poor.

89) Aid him who cultivates the soil, thus will you be enabled to secure his produce cheaper, and at the same time be of assistance to him.

90. מתן בסתר צדקה

מר עוקבא פלעגט אוועקלעגעז אין א שפּאַלט פון טיהר,
צו אַן אָרימאַן אַלע טאָג פון געלט, גילדענס פיער.
איינמאַהל האָט זיך דעם אָרימאַן געוואָלט וויסען,
דעם גוטען מאַן פון וועמען ער טהוט געניסען,
האָט ער דערזעהען מר עוקבא לעגענדיג געלד אין די שפּאַלטען,
איז ער איהם נאָכגעלאָפען צו דאַנקען, אָבער מר עוקבא האָט זיך
בעהאַלטען.

מר עוקבא נתן לעני בחור המפתן בכל יום בבקר ארבעה זוזים כסף. פעם אחת חפץ העני לדעת את איש מטיבו, למען יוכל להודות לו, וירא את מר עוקבא כי הוא נותן את הכסף בחור, וירץ אליו העני להודות לו, אך מר עוקבא נס ויתחבא מפני העני. — בשינוי מעט.
(כתובות, ס"ז).

91. אַ קלוגער בעל צדקה

רבי יונה האָט געהאַלטען פון דעם פסוק אשרי משכיל אל דל,
(תהלים מ"א.)
ד"מ וואויל איז צו דעם וואָס העלפט דעם אָרימאַן מיט שכל אַמאָהל.
ער פלעגט זעהען אַ מאַן פון פיינע משפחה איז אָרים געוואָרען,
פלעגט ער איהם געבען אַ סומע געלד און זאָגען ביזט אַ גביר געוואָרען,
דיין געשטאָרבענעם פריינד'ס אַ ירושה וועט מען דיר איבערגעבען,
אַז דו ווערסט די ירושה קריגען וועסטו מיר צוריק געבען.
נאָכהער פלעגט ער איהם זאָגען, אַלס פּרעזענט קענסטו דאָס האָבען.

רבי יונה היה מקיים הפסוק אשרי משכיל אל דל, כי אם ראה איש מיוחס ירד מנכסיו ויהי לעני ורש אז נתן לו סכום כסף ויאמר לו התעשרת, כי אחד מקרוביך, איש עשיר, מת, וכל כספו ימסרו לך בירושה ואז תשלם לי את כל הכסף, ולאחר זמן אמר לו, הנה הכסף אשר נתתי יהיה לך למתנה. (ירושלמי, פאה, ח').

---


90) A certain Ukba would place secretly and very early in the morning four coins at the door of a poor man. The poor man was curious to learn who his benefactor was. He watched for him one morning, saw him and ran to thank him, but Ukba ran and disappeared.

91) When a man of means and high standing would lose his fortune Rabbi Jonah would come to him with the following story. "Take this money, for one of your relatives has left you his fortune, when you will get rich you will repay me." Later he would meet him and say: "The money that I gave you, is a gift from me."

92. צדקה מיט פערשטאַנד

אז אַ אָרימאַן וויל קיין צדקה ניט נעהמען,
זאָל מען איהם לייען, ער זאָל זיך ניט שעהמען.

אין לו ולא רצה להתפרנס (מצדקה) נותנין לו (לשלם) הלואה וכו׳ כדי שלא להתבייש. (ב״מ, ל״א).



93. אַ פערזאָרגער

רב הונא פלעגט אַרומפאָהרען אין די אָרומיגע גאַסען פון שטאָדט,
און פלעגט אונטערזוכען וועלכע אָרימע הויז לעבער האָט,
פלעגט ער גלייך די שפּאַלטען פעררירכטען אבע״מ לאָזען
עס זאָל אין די הייזער קיין שום קעלט ניט אריין בלאָזען,
אדער ער פלעגט אַ נייע הויז פאר זיין געלד בילדען לאָזען.

רב הונא סבב ברחובות העיר של עניים לדרוש ולבדק אם בתיהם נשמרים מרוחות המנשבות בימי הקור ע״י החורים, אז תקן הבדק או צוה ובנו לו בית חדש מכספו. (תענית, ב׳).



94. מתן בסתר

רבי חנינא בר פפא פלעגט צדקה טהיילען צו אָרימע ביינאַכט,
מען זאָל ניט זעהען,
ער האט ליעב געהאט מען זאָל ניט וויסען ווער דער מתן בסתר
געבער איז געוועהן.

רבי חנינא בר פפא חלק צדקה לעניים בלילה, כי אהב לתת מתן בסתר, לבל יראהו איש. (ירושלמי, סוף פאה).

---


92) If a poor man refuses money, give it to him in the form of a loan.

93) Rabbi Huna would visit the homes of the poor, see that their houses would be repaired, and if beyond repair, he would build a new one for them.

94) Rabbi Chanina b. Pappa distributed his alms at night, so that no one should recognize him.

95. צדקה פאָראוים

רבי יונתן פלעגט שעהנע געשאנקע צו נייע הערשער אימער געבען,
ער פלעגט זאגען, טאָמער מאכט זיך א משפט, קען מען רעטען
א לעבען. ירושלמי, שבת א.



96. וועגען וואָהלטעטיגקייט

בעסער צו לייען צו אָרימע גמילות חסדים געלד,
איידער טהיילען צדקה גלאט אין דער וועלט,
ווייל צדקה גיט מען נאר צו אָרימע לייט,
אבער ג"ח איז צו אָרימע און צו רייכע לייט.
גדול ג"ח יותר מן הצדקה וכו', צדקה לעניים וג"ח בין לעניים ובין
לעשירים, וכו'. (סוכה, מ"ט).



97. עפען א טיהר פאַר ג"ח

די טיהר וואס איז פאר וואהלטהעטיגקייט פערמאכט,
ווערט די טיהר פאר דאָקטוירים אפען געמאכט.
הפתח שאינו פתוח למצוה פתוח לרופא. (שה"ש, פ"ו).



98. פאַר גוטעס בעצאָהלט

ווער עס טהוט געגאדע, געפינט ווער עס זאל איהם בעצאהלען,
ווען ער גליטשט זיך אוים, לאזט מען איהם ניט פאלען.
גומל חסד ימצא תגמול, ובמוט רגליו יתמכו אשוריו. (כ"ס, ג').

---

95) Rabbi Jonathan would send gifts to every new ruler, so that in event he would have to intercede for anyone, the King would favor his request.

96) Charitable loans do more good than mere gifts to charity, for by charitable loans both rich and poor may benefit.

97) That door which is closed to the poor, is open for the doctor.

98) He who is charitable will always find someone to help him when he is in need.

99. אַ פרומער מאַן

ווער עס קאָן נאָר זיינע שכנים אימער ליבען,
און פריינד איז ער מקרב, שטעלט צופרידען
און לייעט געלד אין אַ נויט צו אַן אָרימאַן,
ווען ער וועט רופען גאָט, וועט ער איהם ענטפערען דאָן,
אַזוי איז אַ פּסוק אין ישעיה קאַפּיטעל נ״ח פאַרהאַן.
הלא פרס לרעב לחמך ועניים תביא בית וכו׳ ומבשרך לא תתעלם.
(סנהדרין, ע״ו).

100. די גרעסטע מצוה

קעניגען איפּרא, האָט געשיקט אַ בייטעל רענדלאַך צו רבי יוסף
פאַר גוטע טהאַטען,
צו אויסגעבען אויף פּדיון שבוים, איז די גרעסטע מצוה
האָט איהם אביי געראַטהען.
די געפאַנגענע צו בעפרייען, איז בעסער ווי געלד פערלייען.
איפרא המלכה שלחה כים דינרין לצדקה, יעץ אביי להוציא את הכסף לפדיון שבויים.
(בבא בתרא, ח׳).

101. אַ חסד צו געשטאָרבענע

רבי עקיבא זעהענדיג אַ מאַן וואַנדערען לאַנג אַהן אַ בעשטימטען אָרט,
דער פערשטאָרבענער האָט רבי עקיבא׳ן געבעטען
ער זאָל אים פון גרויסע שטראָפען רעטען,
האָט ער דעם פערשטאָרבענעמס זוהן אויסגעלערענט גאָטעס וואָרט.
פון דאָן אָן טהוען מיר אַלע אידען אַ דין האָבען,
אַז נאָך אַ געשטאָרבענעם זאָל מען קדיש זאָגען.
רבי עקיבא אשכח להההוא גברא שהיה נע ונד, כי בעל חטא היה, ורבי עקיבא למד לבן הרשע לאמר קדיש, ומני אז כל יתום יאמר קדיש.
(מס׳ כלה רבתי פ״ב, באריכות).

---


99) He who loves his neighbors, welcomes friends, aids the poor to marry, and loans money to those in distress, receives his reward in the Glory of God.

100) Eapro, the Queen, sent a large sum of money to Rabbi Joseph to distribute among the poor. He was advised by Rabbi Abaya to redeem prisoners with that money, for their need was the most urgent.

101) Rabbi Akbia saw the spirit of a departed wandering aimlessly. He taught the son of the deceased to repeat the Kaddish, thus putting to rest the wandering spirit.


102. גאָט׳ס גנאַדע

פאר יעדען אָטהעם־צוג וואס א מענש טהוט,
דארף ער דאנקען גאָט וואס ער פיהלט גוט.
על כל נשימה ונשימה וכו׳ (צריך אדם להודות לד׳). (ב״ר, פ׳ י״ד).




103. אַ חסד צו צער בעלי חיים

לעבעדיגע בעשעפענישען ניט צו מאטערען און שווער ארבייטען
ניט צו צווינגען,
זאגט די גמרא, איז פון אונזער הייליגע תורה דאס געדרונגען.
צער בעלי חיים דאורייתא. (שבת, קכ״ח).



104. אַ מענשענס טובה

א מאל נעהמט א מאן געצאהלט פאר׳ן שווייגען,
און אמאהל נעהמט ער געלד פאר׳ן ריידען.
פעמים שאדם שותק ומקבל שכר על שתיקתו ופעמים שאָדם מדבר
ומקבל שכר על דבורו. (זבחים, קט״ו).



105. אַ חסד צו טויטע

רבן גמליאל האָט געהייסען בעערדיגען אין לייוועגד א מענשען,
ער האט געהייסען זיך דעם ערשטען אזוי טהון, דערום קומט איהם
בענטשען,
אום ניט צו בעלעסטיגען מיט גרויסע אויסגאבען די פריינד,
בעסער טהיילען צדקה צו ארימע, און ניט לעגען בלומען ווי גוים היינט.
בא רבן גמליאל ונהג קלות ראש בעצמו ויצא בכלי פשתן, וכן צוה
לנהג כן בכל אדם. (מועד קטן, כ״ז).

---

102) Man should be thankful to his Creator at every breath.

103) Do not tax nor abuse the dumb animal.

104) Man will at times be paid for silence, sometimes he will be paid for talking.

105) Rabban Gamaliel instituted the custom of burying the dead in white shrouds, so that more money can be distributed among the poor.

106. גוט זאָגען פאַר איינעם

האסטו פאַר איינעם געזאָגט צו זיין גוט,
צו בעצאהלען פאַר איהם זאָלסטו האָבען דעם מוטה,
ווייל יענער האָט געגלויבט נאָר דיר,
מוזטו איהם בעצאהלען ריכטיג דאָפיר.

אם ערבת על מנת לשלם. (דא"ז, פ"ג).



107. בעסער אַ גמילות חסד

צו געבען גמילות חסדים איז ליעבער ביי גאָט דעם האַר,
מעהר ווי אָפּפערען קרבנות אויף אַן אַלטאַר.

חביבה גמילות חסדים לפני הקב"ה מזבחים ועולות על גבי המזבח וכו'.
(פדר"א, רפ"ט).



108. אַ נדר

ווען איינער זאָגט צו אַ נדר, אַ געשאַנק צוליב גאָט,
זאָל ער ניט פערזאַמען צו בעצאהלען, אַזוי איז די געבאָט.

שנאמר כאשר תדור נדר לד׳, לא תאחר לשלמו (קהלת). (עי׳ בנדרים ט׳).



109. העלף איהר

איין אָרימע פרוי האָט ניט קיין געלד צו הייראַטען ווער מען דיר זאָגען,
זאָלסטו איהר געבען, אויב מעגליך, פיעל זי דאַרף האָבען.

אשה עניה שבא להנשא נותנין לה כפי הראוי לה כל הצטרכות.
(ש"ך סק"ג).

---

106) If you have endorsed someone's note, upon failure of payment, you are in duty bound to make payment.

107) Charitable loans are more desirable than sacrifices at the altar.

108) Hasten to fulfil the vows of the Lord.

109) The poor woman about to be married should receive as much help as she needs.


110. די גרעסטע מצוה

ביי א פערוואלטער פון צדקה אין פאַנד אויב געלט איז דאָ,
זאָל ער העלפען אָרימע מיידלאך הייראטען, א גרעסערע מצוה פון
דעם איז ניטאָ.


גבאי צדקה שיש בידם מעות צדקה ישיאו בהם בתולות עניות שאין
צדקה גדולה מזו. (רמ"א ס' ט"ו).

---

110) There is no greater good a guardian of a charity fund can accomplish, than by helping poor girls to marry.




פרק שביעי
הכנסת אורחים



נאספו ונעתקו לשפות המדוברות
למען יבינו הכל
ע"י העורך ומסדר הנ"ל.

בעסער ארימע לייט מיט עסען צו פערזארגען,
ווי לערנען, דאוונען אין א שוהל פון פריהמארגען.
גדולה הכנסת אורחים מהשכמת ביה"מ. (שבת, קכ"ז).




פעהלערען ווער קען מערקען אויף זיך,
פון געהיימע פעהלען רייניג מיך.

שגיאות מי יבין מנסתרות נקני. (תהלים, י"ט).




והישר בעיניו אלו אגדות משובחות הנשמעות באזני כל האדם.
(מכילתא, בשלח).

פרק שביעי
הכנסת אורחים



1. דער טיש ווי א מזבח

דער טיש אנשטאט אן אלטאר, ווי אמאל האט עס פארגעבען זינד,
ווען עס ווערט איינגעלאדען אויך אן ארימאן צום הויזגעזונד.
שלחנו של אדם מכפר עליו בהכנסת אורחים. (חגיגה, כ"ז, עיין ברש"י).



2. גיב עסען ארימע לייט

צו געבען ארימע לייט עסען ביים טיש, עדעל און שעהן,
איז פיעל בעסער ווי עמפפאנגען די גאטהייט אליין.
גדולה הכנסת אורחים מקבלת פני השכינה. (שבת קכ"ז).



3. נעם אויף פריינדליך

בעסער בעגעגנען א גאסט מיט א שמייכעל בעווייזען די צייהן,
איידער געבען מילך טרינקען ניט פריינדליך אהן חן.
טוב המלבין שינים לחבירו יותר ממשקהו חלב. (כתובות, קי"א).

CHAPTER VII. — HOSPITALITY

1) By inviting a hungry stranger to partake of your table, your sins will be forgiven, even as the sins were forgiven at the altar of the Temple.

2) To feed the trancient poor, is better than to receive the Shechina.

3) Better to greet one cheerfully, than to give him food, in anger.

4. ווי מען בעגלייט א גאַסט

פאר'ן גאַסט, געהט אריין פריהער דער בעל הבית אין הויז,
צוריק געהט דער גאַסט פריהער, נאכהער געהט דער בעל הבית ארויס.

בעל הבית נכנס תחילה ואחר כך האורח, וכשהם יוצאים אורח יוצא תחילה ובעה"ב יוצא אחרון. (ד"א רבה, פ"ד).



5. צוויי גוטע זאַכען

דיין הויז זאל זיין אפען פריי צו אויפנעהמען יעדען איינעם פיין,
און ארימע לייט זאלען נאר דיינע הויז לייט זיין.

יהי ביתך פתוח לרוחה ויהי עניים ב"ב. (פ"א, א').



6. גיב עסען א פער'חלש'טען

ווען איינער ווערט הונגעריג, פער'חלש'ט, מוז מען אויף גיך
איהם געבען, כאטש טריפה שפייז, ביז ער קומט צו זיך.

מי שאחזו בולמוס מאכילין אותו אפילו דברים טמאים. (יומא, פ"ג).



7. ווי צו ערוואַרטען אורחים

אויב דו ווילסט רופען צוואנציג מענשען צו עסען ברויט,
זאלסטו פאר פינף־און־צוואנציג זיין צוגעגרייט.

איבעי למקרא עשרים וכו' (יהא מוכן לעשרים וחמישה).
(אסתר רבה, פ"ב).

---

4) It is customary that one precede the guest into the house, but upon leaving the guest goes first followed by the host.

5) Open thy door wide, and let all poor be as of thy household.

6) If one is famished, it is permitted to feed him even ritually unclean food to revive him.

7) If you expect to feed twenty, have enough for twenty five.

8. צום לעצטען

צום לעצט — צום לעצט —
קומט דאס בעסט.
אחרון אחרון חביב. (מדרש לקח טוב, וברש"י פ' וישב).

9. בעסער אייגענע

עס איז בעסער אז ארימער מאהלצייט, אונטער אז איינענעם דאך,
איידער זיסע שפייז, אין א פרעמדע הויז א סך.
טוב ארוחת מסכן בצל קורתו ממטעמים בבית נכר. (ב"ס, כ"ט).

10. בעט ניט צופיעל א גאַסט

זאלסט ניט שטארק בעטען איינעם, ער זאל עסען מיט דיר צוזאמען,
אדער נעהמען פון דיר פרעזענטען, אז דו ווייסט ער וועט ניט נעהמען.
אל יסרהב (יפציר) אדם בחברו לסעוד אצלו ויודע בו שאינו סועד וכו'.
(חולין, צ"ד).

11. א שלעכטער בעה"ב

אפגעגעסען, געה! געה! שוין גאסט פון דאנען גיך ארויס,
פאר א געעהרטערען מאן האב איך גערייניגט מיין הויז.
צא! צא! אורח! כי לאיש נכבד פניתי הבית. (מב"ם).

12. עסען כשר'ים

זאלסט טהון אלעס, וואס דער בעל הבית הייסט טהון אין הויז,
אויסער ווען ער הייסט עסען טריפה אדער געהען ארויס.
כל מה שיאמר בעל הבית עשה חוץ מצ"א — (מצא איז א ר"ת. עס מאכט: חוץ מצד איסור. די ערשטע בוכשטאבען — זאגען קיין טריפה ניט כאפען). (פסחים, פ"ו).

---

8) The last is the best.

9) Better little in one's own home, than much in one that is not thy own.

10) Do not insist that thy friend eat with thee, nor force thy gifts upon him.

11) "Go forth," says the host lacking hospitality, "for I have prepared my table for a worthy guest."

12) The guest should respect the wish of the host, unless he is expected to partake of unclean food.

13. אַ גוטער אורח

א גוטער אורח זאגט דער ווירטה, האָט זיך בעמיהט צוליעב מיר
זעהר שעהן,
א שלעכטער גאסט זאגט דער בעל הבית, האָט זיך באמיהט פאר
זיך אליין,
אורח טוב מה הוא אומר, כל מה שטרח בעה״ב לא טרח אלא בשבילי,
אורח רע מה הוא אומר וכו׳ כל מה שטרח לא טרח אלא בשביל אשתו
ובניו. (ברכות, נ״ח).

14. בעגלייט אַן אורח

האָט אַן אורח געגעסען, געטרונקען ביי דיר,
בעגלייט זשע דעם גאסט אויף פון טיהר.
האכלת, השקית, לוית — פירש״י : אכילה, שתיה, לויה. ב״ר סוף פמ״ח).

15. דאַנק דעם אורח

מעהר געפעליגקייט, טהוט אַן אָרימאַן צום בעה״ב וואָס ער עסט,
איידער דער בעל הבית גיט עסען צו אָרימע געסט.
יותר ממה שבעה״ב עושה עם העני — העני עושה עם בעה״ב.
(ויק״ר, פל״ד).

16. אורח בעדאַנק דעם בעה״ב

אפילו, אַז איינער עסט ביי אַ צווייטען ברויט מיט זאַלץ,
דאַרף ער אבער דעם בעל הבית בעדאַנקען פאַר אַלץ.
כל הסועד עם חבירו (צריך להודות לו). (ד״א רבה פ׳ י״ח).

---

13) The grateful guest says: "My host has been very kind, he has done all he could for me." The ungrateful guest says : "All the trouble my host went to was for himself and his family alone."


14) If thy guest has eaten and drunk, see him safely on his journey.

15) The guest pleases the host by eating, more than the host is pleased by waiting on the table.

16) No matter what food is placed before you, be gratefull to your host.

17. גיב עסען אַ פרומען

ווער עס גיט נאָר אַ פרומען אורח אָפּצועסען,
איז ווי ער וואָלט ערפילט, ווי ער האָט די תורה געלערנט.
מי שמאכיל פרוסה לצדיק וכו׳. (ב״ר פ׳ נח).




18. ביי אַ פרעמדען טיש

ווער עס איז געצוואונגען צו זיצען ביי פרעמדע טישען,
איז זיין לעבען קיין לעבען ניט פון גוטעס צו געניסען.
חיי איש שוקד על דלתי אחרים אינם חיים. (ב״ס מ׳).



19. אַ וואָרט צום אורח

עס נעלאָסען וואָס איז צו דיר נעגעבען געוואָרען,
שלינג ניט איין גיך, זאָלסט ניט מיאוס ווערען.
אכל בנחת את הנתון לפניך ואל תבלע לבל תמאס. (ב״ס, ל״א).



20. גיב פון דאָס בעסט

פון דאָס בעסטע גיב צום אָרימאַן
צו עסען, טרינקען ביים טיש,
אויך אַ קלייד פון דאָס שענסטע,
אַ שוך אויף זיינע פיס.
יאכילנו מהטוב והמתוק שבשלחנו וכו׳, יכסנו מהיפה שבכסותו וכו׳
שנאמר כל חלב לד׳. (ח״א כ״ל קמ״ד).

---

17) He who feeds the learned poor, complies with the commandment of the Torah.


18) He who is compelled to sit at the table of others never enjoys life.

19) The host should say to his guest. "Eat slowly and enjoy your food."

20) The poor man should be served of the best of your table, and receive the best of clothing.



פרק שמיני
ביקור חולים



אַ קראַנקען באַזוך


כל מי שאינו מבקר חולים כאילו שופך דמים. (נדרים, מ׳).

ווער עס בעזוכט ניט אָפט אַ קראַנקען גוט,
איז ווי ער וואָלט פערגיסען בלוט.



הלומד אגדה מתוך הספר לא במהרה משכח. (ירושלמי ברכות פ״ה).

ווער פון אַ ספר ועט לערנען אָדער לעזען
וועט ער די ערצעהלונג גיך ניט פאַרגעסען.



כל שאפשר לו לבקש רחמים על חבירו ואינו מבקש וכו׳. (ברכות, י״ב).


דער וואָס קען בעטען נאָט פאַר אַ קראַנקענס געזונד
און ער בעט ניט, באַגעהט ער דערמיט אַ זינד.

פרק שמיני
ביקור חולים.



1. ביקור חולים

רבי עקיבא׳ס א תלמיד איז אמאל קראנק געווען,
זיינע חברים זיינען איהם ניט געגאנגען זעהן,
איז רבי עקיבא אליין אוועק צו דעם חולה אויפ׳ן ארט,
און האט איהם אויפגעפאסט מיט אלץ, איהם גוט בעזארגט.
האט דער קראנקער געזאגט: רבי! האסט מיך געראטעוועט פארט,
האט רבי עקיבא נאכהער צו די חכמים געזאגט:
אז ווער עס בעזוכט ניט א קראנקען גוט,
איז ריכטיג ווי ער פערגיסט זיין בלוט.
כל מי שאינו מבקר חולים כאילו שופך דמים. (נדרים, מ׳).



2. האב מיטלייד

ווער עס האט מיטלייד מיט אלע מענשען,
וועט מען פון הימעל, דערפאר איהם בענטשען.
המרחם על הבריות מרחמים עליו מן השמים. (שבת, קנ״א).


CHAPTER VIII. — VISITING THE SICK

1) One of Rabbi Akiba's pupils became ill. His companions would not visit him, so Rabbi Akiba himself took care of the sick man. Upon his return from the sick bed he said to his followers: "He who does not visit the sick is as though he spilled their blood."

2) He who has pity for his fellow beings, the Almighty has compassion for him.

3. בעזוך אַ חולה

עס איז אַ מצוה בעזוכען אַ קראַנקען בעקאַנטען אין שטאַרט,
ווייל אברהם אבינו האָט בעזוכט אויך אפילו גאָט.
וירא אליו וכו׳ מלמד שבא אליו לבקר את החולה. (ב״מ פ״ו).



4. ניט זאָג אוים

אז עס שטאַרבט אַ קראַנקענ׳ס פריינד, זאָלסטו איהם ניט זאָגען,
ער וועט זיך ערגערען און ניט קענען איבערטראָגען.
חולה שמת לו מת אין מודיעין לו וכו׳. (מועד קטן, כ׳).



5. מבקר חולה זיין אַ ת״ח

אז די חכמים האבען רב טרפון׳ען בעזוכט ווען ער איז קראַנק געווען,
האָט זיין מוטער געזאָגט צו די חכמים, בעט גאָט, ער זאָל
בלייבען לעבען,
ווייל ער האָט מיר מעהר ווי אַ זוהן דאַרף, פיעל מעהר כבוד געגעבען,
און רבי טרפון׳ס מוטער האָט פאַר די חכמים דאַמאָלס דערצעהלט:
שבת האָט זיך צוריסען מיין שוך־שנירעל האָט ער זיינע הענט
אונטערגעלעגט.
און איך האָב אויף זיינע הענד געטראָטען, ביז איך האָב זיך אין בעט
געלעגט.
כאשר באו זקני ישראל לבקר את רבי טרפון בחליו, אז ספרה אמו לחכמים ותאמר להם, התפללו נא בעד בני לד׳ שיחיה, כי כבדני יותר מדאי, ותספר להם, כי ביום השבת הנתק שרוך נעלה מעל רגלה, אז הניח את כפיו תחת רגליה לבלי תטנפן ותדרוך על כפיו עד שכבה על מטתה. (ירושלמי פ״א).

---

3) Visit the sick at all times, for Abraham was visited by God's messenger when he was ill.

4) Do not break any death news to him who lies on the sick bed.

5) When Rabbi Tarphon became ill, his mother begged that prayer should be recited so that he would soon become well. "For", she said, "he is more than a son to me. When my sandal straps tore one Saturday he insisted that I walk on the palms of his hands until I reached my bed."

6. ווערמען צו בעזוכען

עס איז א מצוה צו באזוכען א קראנקען צו יעדער צייט,
אבער פון אן אנשטעקענדיקען קראנקען איז מען באפרייט.
מצוה לבקר חולים חוץ מחולי המתדבקת כבעלי ראתן.
(עי׳ רמב״ן פ׳ וירא).

7. קראנקער! בעווארען זיך!

געזונטערהייט א ראטה זאלסטו הערען
אויך ווען שוואך ר״ל ועסטו ווערען
זאלסט מאראל לעהרע צוהערען,
ווענען דיין פארמעגען זאלסטו באקלעהרען
פון ווערמען צו מאהנען און ווערמען צו אפגעבען.
ביי קלוגע אן עצה זאלסטו דאן פרעגען
ווענען ירושה און צדקה פון דיין פארמעגען,
זאלסט פאר מענשען אפזאגען ביים לעבען,
וויפיעל יעדערער זאל זיך נעהמען, און צדקה געבען.
ווען דו דענקסט זיך שיידען זאלסטו ניט גלויבען,
שלמה המלך האט געזאגט דעם קלוגען ווארט.
שמע עצה וקבל מוסר למען תחכם באחריתך. — שמע עצת בחיים וקבל עצה מאחרים, שהרבה ראיתי שציוו בחלים ובני ביתם לא עשו מצותם, וזהו שנאמר למען תחכם באחריתך, כשיקרבו ימי אדם למות יצוה לפני עדים, ואפילו לאביו לא יאמין, כ״ש לבניו ולאשתו.
(מס׳ חסידים).

8. דאקטאר, הייל דעם שוואכען

ווען א דאקטאר היילט א קראנקען ניט גוט,
איז גלייך ווי ער פארגיסט איהם זיין בלוט.
מצוה על הרופא לרפאות את החולה, ואם מונע את עצמו הרי זה שופך דמים, כי בכלל פיקוח נפש הוא. (משלחן ערוך).

---

6) One should always visit the sick, unless it be a contageous case.

7) When one feels that the end of his days is nigh he should be careful to see that his will is written in the presence of witnesses so that his wishes should be carried out implicitely.

8) A physician who does not treat his patient properly, is as though he shed his blood.


9. ווען צו באַזוכען

צו באַזוכען גלייך א קראַנקען פריינד איז א פאַרזאַג,
אבער א ווייטען פריינד זאָלסטו באַזוכען נאָך דריי טאָג.
מצוה לבקר חולים, הקרובים והחברים נכנסים לבקר מיד, אבל הרחוקים
אינם נכנסים אלא אחר ג׳ ימים. (מס׳ חכמת אדם).




10. אַ דאָקטאָר בעצאָהל

א דאָקטאָר וואס היילט אומזיסט
איז טאַקע ווערט א גאָרנישט.
אסיא דמגן מגן שוי. (ב״ק פ״ה).



11. אַלץ פון די בלוטען

דער הויפט פון אלע קראַנקהייטען איז פון צופיעל שלעכטע בלוט
דארום דארף א מענש די בלוט צירקולירען און רייניגען זי גוט.
בראש כל מרעין אנא דם. (ב׳ב׳ נ״ח).



12. יונגע בלוט

א קלאַפּ אדער א וואונד ביי א קינד
פאַרהיילט זיך געשווינד.
אבער ביי אן אלטען מאַן אין יאָהרען
מוז פיעל מעהר געווערען.
קטן סלוק בישרא הייא, גדול וכו׳. (מכה או פצע בקטן מהר להתרפאות
אבל באדם זקן לא יתרפא מהר). (שבת, קל״ד).

---

9) If your close friend is ill, he must be visited immediately, but a distant friend may be visited even on the third day.


10) A doctor who gives his services gratis is usually worth but little.

11) Impure blood is as a rule the basis of many diseases.

12) It takes more time for a wound to heal for an aged person than for a young person.

12. צוליעב אַ קראַנקען

דו מעגסט אום שבת אַלץ טאָן אַבי אַ קראַנקער זאָל בלייבען לעבען
צו היטען א סך שבתים וועסטו איהם די מעגליכקייט געבען.
חלל עליו שבת אחת כדי שישמור שבתות הרבה. (יומה, פ״ח).




14. ווען ווערט מען געזונד

ווער אויף שנעל וועט קראַנק ווערען,
ביז ער ווערט געזונד מוז לענגער געווערען
שלעכטעס קומט גיך, ווי אויף אַ פערד געריטען,
אַבער גוטעס קומט מיט לאַנגזאַמע שריטען.
כל המריעין לו, לא במהרה מטיבין לו. (ב״ק פ׳).



15. בעסער געזונד

בעסער א געזונטער אָרימאַן
פון אַ קראַנקען רייכען מאַן.
טוב מסכן בבריאת בשר מאיש עשיר וחולה. (ב״ם ל׳).



16. זיי מונטער

דאַרום ליעב דיין זעעלע, מאַך גוט פיהלען דיין הערץ
יעדען טרויער דערווייטער און אויך שמערץ.
לכן אהב נפשך והיטיב לבך וכל תוגה הרחק מעליך. (שם).

---

13) One is permitted to do anything on a Sabbath to save a life for thus you enable him to observe many Sabbaths in the future.

14) Those who become ill suddenly recuperate very slowly. Evil rides upon fast horses, goodness makes but slow progress.


15) Better to be poor but to enjoy good health, than to have riches and be ill.

16) Therefore be careful with your health and make your heart be glad, and avoid all heart ache or worry.

17. יעדערער האָט זיינם

ניטאָ איין מענש וואָס זאָל קיין יסורים ניט טראָגען.
איז רייכער דער מענש, מוז ער נאָך מעהר זאָרג האָבען.

אין לך אדם בלא יסורין. (ב״ר פ׳ ל״א).



18. א געזונדער עסט אַלץ


זא לאַנג א מענש איז געזונד, וואָס ער קריגט עסט ער מיט פאַרגעניגען,
אָבער קראַנקערהייט מוז ער די לייכסטע איידעלסטע שפייז קריגען.

16) The Jewish people should avoid attracting unnecessary attention by wearing much jewelry or in other ways make themselves noticeable.

17) Do not fool any one — Jew or non-Jew.

18. ליעב דיין פרוי

ווען דו טרינקסט דיין גלאז ווייז,
אין א צווייטענס קוק ניט אריין.
אל ישתה אדם כוס זה ויתן עינו בכוס אחר (אם יש לך אשה אל תראה בלבך דמות אשה אחרת). (נדרים, כ"ו).

19. א נאר

א נאר איז אז אייביגער צער,
עס אז א גרויסע געפאהר,
צו פריינדלען זיך מיט א נאר.
חברת השוטה סכנה. (מבחר פנינים, שער פ').

20. היט דיין סוד

ניט אלע געהיימנים צו דיין פריינד זאג אויס,
ווייל פון זיינעם א פריינד קען דאס אפען ארויס.
חברך חברא אית ליה. (בבא בתרא, כ"ח).

21. רייד וועהניג

ווער עס שווייגט און רעדט ניט גענוג,
אט דער איז געוועהנליך באמת קלוג.
הוי פקח ושתוק. (יומא, כ').
שתיקתך יפה מדיבורך. (יבמות, ס"ה, ירושלמי).

22. בעסער א ביסעל יעצט

בעסער איין פויגעל א געבונדענע,
איידער הונדערט פליהענדע.
טב חדא צפרתא כפותא (טוב צפור אחת קשורה בידך ממאת פורחות באויר). (קה"ר, פ"ד).

---

18) While you are drinking your own wine, do not watch your neighbor.

19) It is dangerous to become friendly with a fool.

20) Even thy closest friend should not know thy innermost secrets.

21) Silence is more desirable than speech.

22) A bird in the hand is worth two in the bush.


23. זיי דו א מענש

דא וואו עס פעהלט א מענש צו זיין טיכטיג,
שטרעב צו זיין ניצליך, נאר ריכטיג.
במקום שאין אנשים השתדל להיות איש. (אבות, פ"ב).



24. שפאר געלט

דורך צו־גוט עסען און צופיעל טרינקען,
וועט דעם מענשענ'ס פערמעגען זינקען,
ווער עס טרינקט דאס בעסטע פון דער וועלט,
דער פערשוועגדעט פיעל פון זיין געלד.
גרגרת מכלה את הזהב וכו'. (ויקרא, פ' י"ח).



25. גרייט צו אין דער יוגענד

ווער עס האט צוגעגרייט פרייטאג א הון און פיש,
יענער האט שבת גוטע שפייז ביי זיין טיש.
ווען מיט תורה און בילדונג זיך אפגעבען,
וועסטו צו דער עלטער האבען צום לעבען.
מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת. (ע"ז, ג').



26. היט זיך פון א קרענק

אז עפידעמיע אין שטאדט עקזיסטירט,
זיץ אין דיין הויז אזוי ווי ארעסטירט,
וואו פיעלע מענשען זיינען פארהאנען,
זאלסטו מיט זיי ניט זיין צוזאמען.
דבר בעיר כנס רגליך, ושב בביתך. (ב"ק, ס').

---

23) In the place where there are no men, endeavor thou to be a man.

24) Excess in rich food diminishes one's pocketbook.

25) He who takes pains to prepare for the Sabbath, has ample food for that day. He who prepares in his youth, will have enough for old age.

26) If a pestilence breaks out, remain within your home.


27. פּאַס זיך אויף

ווען דו קענסט האָבען אַ שאַדען אויף זיכער,
ניט וואַרט אויף אַ נס, פערהיט וואָס גיכער.
היכא דקביע הזיקא לא סמכינן אניסא (אם יהיה בטוח כי יהיה היזק בעסקו — אל יסמוך על הנס). (קידושין, ל"ט).




28. היט דיין פערמעגען

אַז איינער שרייבט אָפּ צו קינדער זיין פערמעגען ביי זיין לעבען,
קויפט ער זיך אַ ווירט מיט זיין אָפּגעבען.
הכותב נכסיו לבניו בחייו כקונה אדון לעצמו. (ב"מ ע"ח).



29. ניט געזאָרגט

לאָז ניט צו קיינמאָהל קיין זאָרג אין דיין הערץ,
ווייל דעם שטאַרקסטען פון שטאַרקע האָט געטוידט שמערץ.
גברא גוברין קטיל וכו'. (סנהדרין, ב').



30. ווייסט די אַלע זאַכען

דערווייטער זיך פון אַ שלעכטען,
חבר זיך ניט מיט אַן אומרעכטען,
און דו זאָלסט ניט צווייפלען אַז צום סוף,
וועט דער שלעכטער בעקומען זיין שטראָף.
הרחק משכן רע ואל תתחבר לרשע ואל תתיאש מן הפורעניות.
(פרקי אבות, א').

---

27) If you know that danger is nigh, do not depend upon a miracle to save you.

28) He who bequeathes his possessions to his children during his lifetime, acquires a lord over himself.

29) Worry has killed the strongest of the strong.

30) Avoid the evil neighbor, and do not become friendly with the evil person, nor believe that he will avoid punishment.

31. זיי בעשיידען

דער וואס זוכט זיין נאמען מאכען שעהן,
וועט זיין נאמען פערלארען געהן.

נגיד שמיה אבד שמיה, (מי שמושך את עצמו לשררה ולגדולה מקצר ימיו בזה, כי הרבנות מקברת בעליה, כי אין לו פנאי לאכול ולנוח).
(פרקי אבות, א׳).

32. לערען גוט

ווער צו לערנען וועט זיך ניט אפגעבען,
פערדיענט ער גאר ניט צו לעבען,
דער וואס זיינע קענטעניש וועט ניט פערמעהרען,
דער וועט זיין קענטעניש פערצעהרען.

ודלא מוסיף יסף — מי שאינו מוסיף על למודו, למודו משתכח. ודלא יליף קטלא חיב — איש כזה איננו ראוי (לחיים טובים) להיות בין החיים (פ״א א׳).

33. לערען מיט א ציעל

בעשטימט צייט צו לערנען מיט א ציעל,
רייד וועניג און בעסער טוה פיעל,
און נעהם אויף יעדען מיט פריינדליכען געפיהל.

עשה תורתך קבע, אמור מעט ועשה הרבה והוי מקבל את כל אדם בסבר פנים יפות. (פ״א, פ״א).

34. זוך ניט פיעל

קלייבסטו זיך פלייש וואס מעהר,
ועסטו מעהרען ווערים אין קבר,
וואס מעהר דו האסט רייכטימער,
האסטו אויך פיעל זארג מעהר.

מרבה בשר מרבה רמה — מרבה נכסים מרבה דאגה. (פ״א, ב׳).

---

31) He who seeks fame, will lose his name.


32) He who refuses to study will not be able to make a living. He who does not review forgets that which he has learned.

33) Speak little, do much, and greet all pleasantly.

34) He who adds flesh, merely multiplies worms; he who adds to his business, multiplies his worries.


35. מעהר געלעבט

וואס מעהר תורה, איז מעהר לעבען,
מעהר לערנען, וועט מעהר חכמה געבען,
מעהר ראטה, מעהר פערנונפט וועסטו קריגען,
מעהר וואהלטהאט, מעהר פריעדען.
מרבה תורה מרבה חיים, מרבה ישיבה מרבה חכמה.
מרבה עצה מרבה תבונה ; מרבה צדקה מרבה שלום. (פ״א, ב׳).



36. א גוטען נאָמען

ווער עס קויפט זיך א גוטען נאָמען איז שעהן,
און ער געניסט פון דעם גאנץ אליין.
קויפט ער גאָט׳ס לעהרע פאר געלד,
קויפט ער זיך די צוקונפטיגע וועלט.
קנה שם טוב קנה לעצמו.
קנה לו דברי תורה קנה לו חיי העולם הבא. (שם).



37. וועמען צו פאָלגען

ווען יונגע הייסען דיר בויען,
און אלטע הייסען צושטערען,
זאלסטו ניט בויען, ווען קליינע הייסען.
ברעד! ווען דו הערסט פון א גרויסען,
א ביישפיעל פאר יונגע און פרייע,
האבען מיר פון תנ״ך, גמרא, א ראיה,
ווען יונגע־לייט׳ס עצה האט רחבעם געטהון,
איז צושפאלטען געווארען זיין מלוכה־טראָן.
אם יאמרו לך ילדים בנה וזקנים סתור — סתור ואל תבנה. (מגילה, ל״א).

---


35) He who increases in the study of the law, increases in his appreciation of life; he who increases his stay in the places of learning, increases in wisdom.

36) He who purchases for himself a good name, he himself enjoys it; he who purchases the words of the law, purchases for himself life in the world to come.

37) If youth tells you to build, but old age tells you to destroy, then destroy and do not build.

38. צום מוסר זאָגער

פריהער פוץ זיך אויס גוט אַליין,
נאָכהער וועסטו אַן אַנדערען מאַכען ריין.
קשוט עצמך ואחר קשוט אחרים (התיפה את עצמך ואחר־כך תיפה את אחרים). (ב"ב, ס').



39. ריידען ווירקט

בעסער איין גוטער שלאַג־וואָרט, צו אויסבעסערען דאָס הערץ,
איידער געבען דעם מענשען פיעל שמיץ צו מאַכען איהם שמערץ.
טובה מרדות אחת בלבו של אדם יותר מכמה מלקיות. (ברכות, ז').



40. שעץ יעדענ'ס ברכה

זאָלסט ניט גרינג שעצען ווען מען ווינט דיר בענטשען,
פּראָסטע לייטע אָדער אונגעבילדעטע מענשען.
אל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך (כי טובה ברכת כל אדם).
(מגילה, ט"ו).



41. שלעכטעס דערווייטער

אַ שלעכטען זאָל אַ מענש דערווייטערען מיט דער לינקער האַנד גיך,
אָבער מיט דער רעכטער איהם נעהענטער מאַכען צו זיך.
יהא אדם דוחה בשמאלו ובימינו מקרב. (מכלתא, פ' בשלח).



42. דער יצר הרע

דער שלעכטער געדאַנק, איז ביי אַ מענשען ווי אַ גאַסט אין אָנפאַנג,
און נאָכהער ווערט דער מענש ביי איהם אַ שקלאַף, פאָלגט אַ גאַנג.
בתחילה יצר הרע אורח ואחר כך נעשה בעל הבית (על האיש).
(ב"ר פכ"ט).

---

38) Be clean yourself before you try to censure others.

39) A word of rebuke may be more effective than a severe lashing.

40) Do not hold in contempt the blessing of the poor.

41) Hold the evil one at a distance with your left hand but call to him with your right hand.

42) The evil thought enters the mind merely as a guest, but soon it becomes the host.

43. עהרט רייכע

רבי פלעגט געבען פיעל עהרע צו רייכע לייט,
ווייל זיי גיבען צום לעבען צו די ארימע לייט.
רבי מכבד עשירים (לפי שנותנים מזונות לעניים). (עירובין, פ"ו).

44. ניט זיי אָפּענהערציג

ניט זיי עפענטליך וואס דו ווייסט צו א פיינד,
אויך ניט פעלש דיין געוויסען עפענטליך צו א פריינד.
גם לאהוב גם לשנא אל תגלה — אם לא תמעט ביושר לבך. (ב"ס, י"ט).

45. אַן עצה געבער

יעדער ראטהגעבער זיין עצה וועט דיר געבען,
עס גיט אמאהל א ראטהגעבער צוליעב זיין גוטען לעבען.
כל יועץ מרים עצתו, ויש יועץ אך לטובת נפשו. (ב"ס, ל"ז).

46. אַ גוטע עצה

אייל זיך ניט צו ריידען מיט'ן מויל,
איז דיין ארבייט זאָלסטו ניט זיין פויל.
אל תבהל על פיך (לדבר) ואל תעצל במלאכתך. (ב"ס, ג').

47. די בעסטע רפואה

דער הויפּט פון מעדיצין בין איך דער וויין
און וואו איך בין ניטאָ מוז אַ מעדיצין זיין.
בראש כל אסון אנא חמר — באתר דלית חמרא סמנין מתבעין.
(ב"ב, נ"ח).
(ראשית מכל הרפואות אני היין — ובמקום שאין יין מסי-הרופאה יבוקש בארצות הקרות נכונים האנשים למחלה, כי אין שם פרי היין צריכין לצרי).

---

43) Rabbi would respect the rich for they gave generously to the poor.

44) Show neither love nor hate, to thy friend or foe.


45) Those who are generous with their advise often are interested chiefly in themselves.

46) Do not be hasty to speak, nor slow to do thy work.

47) Wherever medicines cannot be easily procured, wine is used as a substitute.


48. בעזוך א קלוגען

זעסטו א קלוגען מענשען, אויב מעגליך,
בעזוך זיין וואוינונג, כאָטש טעגליך.
חזית איש תבונות שחר פניו ופקד נוהו יום יום. (ב"ס, ו׳).




49. היט דיין געזונד

פארשאַף זיך ניט קיין אומזיסטע שמערץ,
פון נאַרישע געדאַנקען, זאָל ניט וועה טהון דיין הערץ.
אל תתן לתוגה נפשך ואל תכאיב לבבך ברעיוני הבל. (ב"ס, ל׳).



50. ווען ווערט מען גלויביגער

ווען עס קומען אויף דער וועלט שלעכטע שטראָפען,
דאַן שטארקט זיך דער גלויבען און דער האָפען.
כל זמן שתוכחות בעולם, יחזיק באמונה יתירה. (תמיד, כ"ח ברש"י).



51. קלער וואָס ערלויבט

טראַכטען מעגסטו וואָס דיר איז ערלויבט נאָר,
פערבאָרגענע זאכען זאָל דיך ניט אַרען גאָר.
במה שהרשית התבונן ואין לך עסק בנסתרות. (בשם ב"ס).



52. ניט נעם פרעמדס

אויב דו נעהמסט פרעמדעס, וואָס ניט צו דיר געהער,
וועט מען צונעהמען דיינע פערדיענטע ביז אהער.
אם נטלת את שאינו שלך, את שלך יטלו ממך. (ד"א זוטא, פ"ג).

---

48) Visit the man of wisdom daily.

49) Do not cause thyself any unnecessary pain; nor let thy heart feel the pang of foolish thoughts.

50) Calamity strengthens one's belief in God.

51) Concern yourself only with that which you are permitted to do, and do not pry into the mysterious.

52) When one appropriates that which does not belong to him, his own will be taken from him.

53. ווי צו זיין פרום

ווער עס וויל זיין א מאראליש פרומער מאן,
אלץ וואס אין אבות שטעהט געשריבען זאל ער טהון.
האי מאן דבעי למהוי חסידא, לקיים מילי דאבות. (מי שרוצה להיות חסיד יקיים דברי חז״ל מפרקי דאבות). (ב״ק, ל׳).

---

54. זוך ניט א קריעג

עס וועט ניט ארויסקומען קיין גוטעס, קיין פריעדען,
ווען צווישען זיך וועלען זיך קריגען אמאהל אידען.
אין דבר טוב, אין שלום, יוצא מתוך מריבה. (שמות רבה, פ׳ ל׳).

---

55. עס ניט צופיעל

ווער עס עסט מיט א מאס איז זיין שלאף זיס,
אין פריהמארגען שטעהט ער אויף פריילאך אויף די פיס.
אוכל במדה ערבה שנתו ולאור בוקר יקום שמח. (ב״ס, ל״א).

---

56. ווי צו דאוונען

ווען איהר דאוונט, זאלט איהר וויסען פאר וועמען איהר טהוט שטעהן,
אומגעהן איבער׳ן שוהל ביים דאוונען, איז זעהר ניט שעהן.
כשאתם מתפללים דעו לפני מי אתם עומדים. (ברכות, כ״ח).

---

57. דאוונט מיט הארץ

דער וואס דאוונט, זאל ער האבען אין הארצען גאט,
אבער ניט דענקען פון געשעפט וועלכען ער האט.
המתפלל צריך שיכוין לבו לשמים. (ברכות, ל״א).

---

53) He who complies with all that is found in Avoth, will surely be pious.

54) Quarrel brings neither happiness nor peace.


55) He who eats moderately enjoys his sleep and rises with a cheerful disposition.

56) When you are at prayer know before whom you are standing.

57) When at prayer, erase from your mind all other thoughts.


58. פריהער בעטראַכט

וואס דו האַסט צו זאגען, זאָלסטו קלוג בעטראַכטען בעצייטען,
און שפּרעך זיך אוים מיט ווייניג ווערטער, זאָל פיעל בעדייטען.
השכל תשכיל על דבריך ואמר הרבה במלים מצער. (ב"ס, י"א).




59. ניט געאיילט

זאָלסט ניט ענטפערען, ווען דו האַסט ניט אויסגעהערט פון איינעם,
און זאָלסט ניט שטערען די רייד צוזאַמענשטעלען קיינעם.
טרם שמעת אל תענה ואל תפריע איש מכלכל דבריו. (ב"ס י"א).



60. ניט ערגער זיך

ווען דיין איייניקעל, זאָל אפילו א וואקס-הענדלער ווערען,
זאָל דיך ניט ארען און דו זאָלסט זיך ניט ערגערען.
בר ברך קורא ליזבן וכו׳ — אם בן בנך ימכור שעוה לא תצטער.
(סנהדרין, צ"ה).



61. ניט רייד צופיעל מיט א פרוי

מיט א שעהנער פרוי זאָלסטו צופיעל ניט ריידען,
ווייל אם ענדע אהן א זינד וועסטו זיך ניט שיידען.
אל תרבה שיחה עם האשה, שסופך לבוא לידי ניאוף. (נדרים, כ׳).

---

58) Weigh carefully thy words, and say much with few words.

59) Ere you have heard all, do not reply, nor should you disturb another when he speaks.


60) The occupation of thy grand-child should not disturb thee.

61) Do not become too friendly with a woman lest temptation enter your mind.

62. ניט פערשעהם

ניט איהר עטוואס שטיצע צו אן ארימאן,
ניט! ניט פערשעהמט איהם פאר מענשען דאן,
רבי ינאי זאגט: בעסער דעם ארימאן ניט געבען,
איידער עפענטליך פערמיאוס'ן איהם זיין לעבען.


מוטב דלא יהבת ליה וכו' (טוב שלא תתן לו בפרהסיא, שלא תבייש את העני). (חגיגה, ה').



63. זיי ניט קארג

ווער עס מעהרט געלד, אפשפארענדיג פון זיין לעבען,
דער זאמעלט געלד פרעמדע זאלען פערנוצען זיין פערמעגען.

מרבה הונו לחסר נפשו, יאסף לזרים מאבדו חילו. (ב"ס י"ד).



64. טהו גוטעס

דערום טהו גוטעס צו דיין ברודער ביים לעבען,
טהו געגארע, וויפיעל דו קענסט נאר צו געבען,

לכן הטיבה לאחיך בטרם תמות ומשוך חסדך כפי מסת ידך. (בן סירא, שם).

---

62) To aid the poor is commendable, but in doing so do not disgrace him, said Rabbi Jona. Better not give (to the poor) at all, than to give and openly disgrace him by doing so.


63) He who saves money at the expense of his comfort, merely hoards his wealth for others to enjoy.

64) Therefore be generous to thy brethern during your life time, do all that is in thy power.

65. בעדענק זיך גוט

אויב איך וועל ניט טאָן אליין פאר זיך,
טא ווער זשע וועט זאָרגען פאר מיר,
אבער איך אליין נאר פאר זיך,
וואס פאר א בעטרעף אליין האָב איך,
און אויב ניט טהון יעצט, טא ווען קאָן איך,
ווייל די צייט פון יוגענד געהט אוועק גיך.


אם אין אני לי, מי לי? וכשאני לעצמי — מה אני? ואם לא עכשיו — אימתי? (פרקי אבות, א׳).



66. אַ גוטער מענש

מיט וועמען מענשען זיינען צופריעדען, איז גאָט אויך מיט איהם צופריעדען,
און מיט וועמען מענשען זיינען ניט צופריעדען, איז גאָט אויך ניט צופריעדען.

כל שרוח הבריות נוחה הימנו רוח המקום נוחה הימנו, וכל שאין רוח הבריות נוחה הימנו אין רוח המקום נוחה הימנו. (פרקי אבות, ג׳).



67. רעכען איבער דיין פערמעגען

ווער עס בעקוקט זיין פערמעגען, א פעהלער אויסצוגעפינען,
יענער וועט דערפון אָפט זעהר פיעל געווינען.

מאן דסייר נכסיה כל יומא משכח אסתרא. — כל הרואה נכסיו בכל יום מוצא סלע, כי אינו סומך על משרתו ומתקן מה שצריך תיקון. (חולין, ק״ה).

---

65) If I am not for myself, who shall be for me? If I am only for myself, of what use am I. And if not now, when shall I accomplish anything ?

66) If man is satisfied with your conduct, then God too is satisfied with thee.

67) He who supervises in person his business affairs, will gain much thereof.

68. היט דאָס לעבען

בעסער זאָל דיין לעבען נעהמען דער וואָס האָט געגעבען,
איידער פעראומגליקען זיך אַליין צו נעהמען דאָס לעבען,
ווייל האָפענונג אין לעבען קען אַלעס גוטעס געבען.

מוטב שיטלנה (הנשמה) מי שנתנה ואל יחבל בעצמו למות, כי טובה תקוה מחיים, החיים יביאו מרפא לכל שברי לב. (ע"ז, י"ח).




69. גאָט גיט צום לעבען

ווער עס גיט דעם טאָג צו לעבען, דער וועט פרנסה אויך געבען.

מי שברא יום ברא פרנסתו, ע"כ אל יתיאש אדם בעת רעה.

(מכילתא, בשלח).




70. דעם מענשענ'ס געדאַנק

א מענש האָט ביי זיך צוויי בעזונדערע נירען,
איינע ראַטה שלעכטעס, א צווייטע זיך גוט צו פיהרען.

שתי כליות יש באדם, אחת יעצתו לטובה ואחת יעצתו לרע.

(ברכות, ס"א).



71. בעסער פערשוויג

ווען איינער פערשוויגט הערענדיג א זידעלוואָרט,
פערהיט ער זיך פון הונדערט דעם זעלבען סאָרט,
און ווער עס ענטפערט צום מאָן, הערט ער ערגערס דאָן.

טובה דשמע ואדיש חלפוה בישתא מאה. טוב לאיש השומע חרפתו ולא יענה דבר, אז מאה רעות ימנע מנפשו. (סנהדרין, ז').

---

68) Do not take thy life. It is better that the one who has given it to thee, take from thee.

69) He who daily creates life, will also give us sustenance.

70) Every man is governed by two spirits, the good and the evil.

71) He who overlooks the slanderous remark, avoids more trouble of a similar nature.

72. זוך דיינע פעלערן

יעדענ׳ס פעהלער, זעהט א מענש מיט די אויגען.
קריטיקירט א פרעמדענ׳ס, אבער ניט זיין אייגען.
כל הנגעים אדם רואה, חוץ מנגעי עצמו. (נגעים, פ״ב).

73. א חלום

מען ווייזט א מענשען אין חלום ביינאכט,
נאר דאס וואס ער האט ביי׳טאג אמאהל געטראכט.
אין מראין לו לאדם אלא מהרהורי לבו. (ברכות, נ״ה).

74. קריעג זיך ניט

מיט א רייכען זאלסטו זיך ניט קריגען אין געריכט,
ווייל דו וועסט קענען איהם זיין גרינגער אין געוויכט.
עם עשיר אל תריב כי תשקל במשקלו. (ב״ס ח׳).

75. זאג ניט צו

זאלסט ניט זיין גוט פאר א צווייטען קיינמאל.
ביסטו שוין געווען גוט? דאן זעה, באצאהל.
אל תערב לרעך וכו׳ וכי ערבת שלום. (ב״ס, ח׳).

76. זיי פארזיכטיג

זיי פארזיכטיג פון א פרעמדענס א ראטה,
מיינט ער ניט פאר זיך זעלבסט א גוטען טהאט.
הוי זהיר מן היועצים לפי דרכו, (פן עצתו לטובתו), (סנהדרין ע״ו).

---

72) We recognize readily our neighbor's faults, but ovelook our own.

73) We dream at night that which we think of during the day.

74) Do not quarrel with the rich man, for the odds are against you.

75) Do not pledge for your friend, but having done so, you must pay.

76) Be wary of a stranger's advice lest he have his own interests at heart.

77. געה נאָכ'ן עסען

נאָכ'ן עסען איז גוט וואס מעהר צו געהן א שפּאַציר,
אבער ניט זיצען, כאָטש א ביסעלע דורכגעהן פאַר'ן טיר.
אכל ולא הלך ארבע אמות, אכילתו מרקבת, (הקבה לא יוכל
לבשל את האכילה), (שבת מ"א).

78. נעם זיך דאָס בעסט

גוטע זיטען לערען זיך, שלעכטע וואַרף אוועק גיך.
דאָס בעסטע קלויב אויס, דאָס שלעכטע וואַרף ארויס.
תוכו אכל וקליפתו זרק, (כן עשה רבי מאיר כאשר למד מאחר),
(חגיגה, ט"ו).

79. זיי רוהיג

זיי ניט פאַרצווייפעלט פון אַן אומגליק, זיי ניט שטאָלץ פון א
גרויסען גליק,
האב אימער דעם זעלבען מוטה אַזוי זאָגט אונז דער ילקוט.
כשאדם בטובה אל יתיאש מן הרע, כו' (ילקוט נ"ד).

80. פערטיידיג זיך

זיך זעלבסט פאַרטיידיגען איז דאָס בעסט, אייל זיך צו, און גיב ערשט.
אם בא להרגך השכם והרגו, (סנהדרין ע"ב).

81. היט דעם געזונד

בעסער האָבען וויניגער הייזער און וויניגער מיט א צימער,
איידער אָפּשפּאָרען פון זיך און ווערען מאָגערער און שלימער.
כחשא ארעא ולא לכחוש מרה, (תכחש השדה ולא האדם,
והבע"ב יהי' בריא). (ב"מ קמ"ד).

---

77) It is desirable that one should take a walk after a meal.

78) Master the good habits but discard the evil.

79) Do not become despondent when calamity overtakes you, nor be haughty when fortune smiles on you.


80) Self preservation is the first law.

81) Better that you deny yourself the luxury of a large home, than deny yourself the strength that comes with wholesome food.

82. דער צונג

דער צונג האט צוויי שלעסער, צו היטען איהם וואס בעסער,
ליפען פון פלייש ציין פון ביינער.


שתי חומות (לשמור את הלשון) אחת של עצם (השניים) ואחת
של בשר (השפתיים), (ערכין ט"ו).



83. לערען פון א רבי

עס איז שווער צו פארשטעהן, ווען מען לערענט זיך אליין,
ווען דו לערענסט פון א לערער, וועסטו קענען פיעל מעהרער,

אינו דומה לומד מעצמו ללומד מרבו, (נקל להבין מרב אף דבר
קשה), (כתובות קי"א).



84. לעבט רוהיג

עס איז בעסער רוהיג צו עסען קליינע אלטע פיש,
איידער קריגען זיך אין א הויז לעבען זיסע שפייז אויפ'ן טיש.

טב גילדנא סריא מכותחה דרמי כיפי, (טוב לאכול דג קטן
מוסרח, ממאכלים טובים בארמון יפה מלא ריב), (כריתות ו').



85. פערלאנג ניט פיעל

ווער נאר ווייניג וויל, דער דערגרייכט זיין ציעל,
ווער צו פיעל באגערט, דער איינגאנצען פארצערט.

תפשת מרובה לא תפשת, תפשת מועט תפשת (לא תחפוץ הרבה).
(ר"ה, ד').

---

82) The tongue is guarded by a double lock, the lips and the teeth.

83) One can learn much more by studying with a teacher than alone.

84) Be satisfied to partake even of small foul-smelling fish if there is peace in your home, than to partake of the best meal if quarreling reigns in your home.

85) He whose ambition is not too great will surely realize it, but he whose ambition is too high will never realize it.


86. ווי צו געדענקען דאָס געלערנטע

וועז איינער וויל לערנען און געדענקען פיעל,
דאן זאל ער באצייכענען יעדע זאך מיט א ביישפיעל.
סימנים עשה בתורה וקנה אותה, (שבת ק"ד).




87. ווי צו עסען

האסטו צו עסען שפייז, א געריכט,
עס דאס בעסער אימער ביי א ליכט,
די אויגען זעטיגען פיעל ביי א שיין,
וועז זויבער איז צוגעגרייט, אלעס פיין.
דאית לי׳ סעודתא לא למיכלה אלא בימ[מא] (לאור הנר כמו ביום), (יומא ע"ד).



88. בעסער פערשווייג

פון א פונק ווערט א פלאם פייער, וועלכער קאסט נאכהער טייער,
פון א קליין שטאך־ווארט, ווערט א קריג אויפ׳ן ארט.
דבר גדול נתלה בדבר קטן (הריב בתחילה כדבר קטן ולסוף יצא לרעה גדולה). (ילקוט תורה תקמ"ב).



89. לעבט לאנג

ווער עס לייגט אויף זיין קאפ תפלין,
לעבט לאנג נאך זיין גוטען ווילען,
ווייל דער נאמען פון גאט איז אין תפילין.
כל המניח תפילין מאריך ימים (כיהודי נאמן באמנותו), (מנחות מ"ד).

---

86) Illustrations help one to remember that which one studies.

87) Food should be eaten during the day time, or at a light.

88) A spark may grow into a blaze, a sarcastic remark may cause a quarrel.

89) He who prays with phylacteries will surely reach a ripe old age.

90. היט דיין געשעפט

ווער זיין פארמעגען אונטערזוכט אפט צו עס פעלט?
דער געווינט אלע טאג דורך דעם גוטע געלט.
דסייר נכסיה כל יומא משכח אסתירא (הבודק נכסיו ישכור
תמיד אם לא יסמוך על משרתו), (חולין ק"ח).

91. כאפט אריין

כאפט אריין עסען און טרינקען פון אייער געלד,
וייל ווי פון א חתונה געהט איהר פלינק אוועק פון דער וועלט,
דער לעבען איז קורץ, איילט זיך צו טיילען צדקה געלט.
חטוף אכול ושתי דעלמא דאזלינן מינה כהלולה דמיא (העולם
דומה לחופה שחולפת והולכת מהר), (עירובין נ"ד עיין ברש"י).

92. ווען צו זארגען

איינער פון ברידער איז געשטארבען, זאלען ברידער דאן זארגען,
איינער פון א פאראיין איז געשטארבען, זאלען אלע די זארג
ניט פארבארגען.
אחד מן האחים שמת ידאגו כל האחים, אחד מבני החבורה
שמת תדאג כל החבורה, (שבת ק"ו).

93. פורים טרינקט

פורים איז א מצוה אז א איד זאל טרינקען פיעל שנאפס און וויין,
ער זאל ניט וויסען פון בענשען מרדכי, ביז שילטען אין המן'ען אריין.
חייב אינש לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך
מרדכי, (צריך איש לשתות ולשכור ביום הפורים), (מגילה ז).

---

90) He who carefully guards his property thus earns money every day.


91) Let us hurry, and partake of food and drink, for our sojourn is as brief as our stay is at a wedding. In other words let us hurry to distribute alms, for our life in this world is very brief.

92) All brothers mourn the loss of a brother, all members of a fraternal association should mourn the loss of one of their members.

93) On the feast of Purim one should partake freely of wine.


94. אַ פיהרער מוז זיין גוט

נאָך דעם קאָפּ געהען אַלע גלידער, נאָך דעם פיהרער אַלע מיטברידער,
דארום מוז דער עלטסטער זיין פרום, כדי זיינע נאָכפאָלגער
זאלען ניט אוועק קרום.
הגוף ילך אחר הראש (והקהל אחר הפרנס והעומד בראש).
(עירובין, מ״א).



95. חי געלעבט

ווילסטו האבען פאַרגעניגען פון דער וועלט,
זאָלסטו ניט קאַרגען אויף דעם קיין געלד.
אין עניות במקום עשירות (לא נאוה לעשיר להיות קמצן). (כתובות ק״ו).



96. בייט די שטאָדט

גליקט דיר ניט די פרנסה אין דעם אָרט,
געה אין אַן אנדער שטאָדט, וועסטו באַגליקען דאָרט.
דלא זכי בהאי אתר ילך לאתר אחרא ויזכי ביה. (אם אין לו פרנסה
במקום זה ילך למקום אחר). (זוהר, וישב).



97. ווילסטו זיך אָנוואָרימען?

ארבייט צוזאמען מיט אַ רייכען,
וועסטו ווערען דאַן זיין גלייכען.
הדבק לשחון וישחן לך (ויחם לך) דבק לעשיר ותתעשר גם
עתה, (ב״ר פ׳ ט״ז).

---

94) The head leads the rest of the body; the leader leads the followers, therefore should the leader be good and pious.

95) Do you wish to enjoy this world? Then do not be stingy with your money.

96) If you find you cannot make a livelihood in one place, go then elsewhere, for you may surely find it there.

97) Labor together with the rich and you surely will become wealthy.

98. רעליגיע שעץ

דייז אלט רעליגיעזע נאציאָן זאָלסטו ניט פאַרשעהמען,
אונ צו קיין נייע רעפאָרם זאָלסטו זיך ניט נעמען.
אם נזדקנה אומתך אל תבוז, (ממנהגים ישנים אל תשוג), (ילקוט נ"ד).

99. היט אַ מנהג

די מנהגים און טראַדיציעס פון עלטערען האַלט אָן,
עס וועט אויך איין רעליגיאָן פיעל גוטעס טאָהן.
הזהרו במנהג אבותיכם (כי מנהג הוא כדין), (ביצה ד').

100. באַמערק אַ חבר זיין זינד

ווען איינער זעהט זיין פריינד טוט ניט גוטע זאַכען,
דאַרף ער זעהר איידעל אַ באַמערקונג איהם מאַכען.
הרואה בחבירו דבר שאינו הגון צריך להוכיחו, (ברכות ל"א).

101. עס גוט לכבוד שבת

ווער לכבוד שבת פאַרגינט זיך מעהר פאַרגעניגען,
וועט מען איהם מיט דער צייט זיינע פאַרלאַנגען גיבען.
המענג את השבת נותנין לו משאלת לבו, (שבת קי"ח).

102. די זון היילט

עס היילען דעם מענשען די שטוב זונען־שטראַלען,
וועלכע איז אַ פינסטער הויז קאָנען אריין פאַלען,
די וואַרימע שטראַלען פון זון מיט זייער שיין,
היילט און מאַכט דעם מענשען געזונד און פיין.
חירגא דיומא מסי (כאבק נראה ע"י החמה מחור החלון מרפה הוא), (נדרים ח').

---

98) Do not put to shame thy religion, nor forsake it for new ideas.

99) Guard the traditions of your parents for they will be of great help to you.

100) Should one see his friend do aught which was evil, he should surely call his attention to it.

101) He who enjoys the Sabbath to the fullest extent will have all his wishes fulfilled.

102) The sun's rays penetrating even the dark room will have a healing effect upon a person.

103. א שיטערע איי

געזינטער איין איי א שיטער געקאכטע געראטען,
איידער פיר אייער און הארט געבראטען.
טבא ביע מגולגלת משיתא מטויתא מארבע (טובה ביצה אחת
מבושלה מארבע ביצים צלויות), (ברכות מ״ד).

104. ריייניג זיך יום טוב

יעדער מוז זיך רייניגען גייסטיג און קערפערליך שעהן,
ער זאל דעם יום טוב קענען עמפפאנגען זויבער און ריין.
חייב אדם לטהר עצמו ברגל, (ראש השנה ט״ז).

105. געלט האלט מיט זיך

א מענש זאל זיין געלד אנווייזונגס בוד האבען ביי זיך,
ער זאל קענען איינהאנדלען ביליג אמאל אויף גיך.
יהא כספו של אדם מצוי בידו (כי במזומן יוכל לקנות סחורה
בזול. ב״מ, מ״ב).

106. אפעטיט פון וויין

צום עסען א טרונק וויין —
ערוועקט אפעטיט זאל זיין.
חמרא מגרר גריר (היין מעורר רגש רעבון לאכילה). (פסחים, ק״ז).

107. שלעכטע פיהרער

וועה איז צו דעם דור, ווען זייערע שטארקע פיהרער זיינען בלינד,
און דאס פאלק קאן זיי אויפווייזען זייערע זינד.
וי לדור שגבוריו יורדין כו׳, (ילקוט רות).

---

103) It's better to eat one soft boiled egg than four hard boiled ones.

104) It is incumbent upon man to cleanse himself in body and soul before all holidays.


105) It is very desirable to have ready cash for thus can one often purchase things at a bargain.

106) Wine before a meal creates an appetite.

107) Woe to the generation whose leaders are blind; when the very people readily point out their sins.

108. גליק און מוטה

א מענש טאר קיינמאל ניט פארלירען זיין מוטה,
ווייל דאן ווערט זיין גליק ערגער און ניט גוט.
חלשה דעתיה ויתרע מזליה (אם יפיל ברוחו אז גם מזלו יורד מטה), (הוריות י"ב).



109. אן עם הארץ מייד אויס

מיט א פראסטען מאן וואס איז אויך פרום,
צוזאמען וואוינען, איז א זאך וואס איז קרום.
אם עם הארץ הוא חסיד אל תדור בשכנותו, (פסחים קי"ב).




110. האָב מיט זיך ברויט

עס הונגערט פיעל וויינינגער דער מאגען,
ווען אין קארב וועט מען ברויט האבען.
אינו דומה מי שיש לו פת בסלו למי שאין לו (הנמצא בדרך) (יבמות ל"ז).



111. וויין שטארקט

וויין שטארקט און ערקוויקט דאס הערץ,
מאכט פריילאך צו פארגעסען אלע שמערץ.
חמרא סעיד ומשמח (היין ישמח לבב איש ויסעד לבו), (ברכות ל"ה).



112. היט זיך פון א פריינד

געה פון וויטען פון דיינעם א פיינד,
אויך זאלסטו זיך היטען פון א פריינד.
לך מנגד לאיש משנאך וגם מפני אהבוך השמר, (ב"ס ו').

---

108) One should never lose courage, for then his luck will become even worse.

109) Even though the ignorant person may be pious, one should still avoid his company.

110) One's hunger is not as severe with the knowledge that food is obtainable.

111) Wine strengthens, and drives away cares.

112) Avoid thine enemy, guard thyself against your friend.

113. פאַרשלים

לאַז ניט אָפען אַ טיר פאַר אַ פרומען, אַ גערעכטען,
איבערהויבט פאַר אַ דיב, אַ גנב אַ שלעכטען.
אין נותנין פרצה לפני הכשר וכ"ש לפני הגנב. (תנחומא וישלח).

114. ערקוויקענדע שפייז

יעדער עסען שפייז וואס קומט פון אַ לעבעדיגע קוועלע,
מאכט ערקוויקען און געזונד דעם עסער'ס זעלע.
כל נפש משיב נפש. (כל דבר היוצא מנפש חיה מחזק נפש חיה).
(ברכות, מ"ד).

115. ניט נעם פראַצענט

ניט גענוג וואס דער ארימאַן מוז אָנקומען צו לייען,
גרויסע פראַצענטען פון אים נעהמען ווילסטו טרייען.
לא די לעני עניותא אלא שאתה נוטל הימנו ריבית, (שמות רבה פ' ל"א).

116. אַן אַנטיסעמיט ווי אַ שלאַנג

דעם בעסטען פון די שלאַנגען צושפּאַלט זיין קאָפּ,
דער בעסטער אַנטיסעמי'ט האָט ניט קיין גוטעס אין קאָפּ.
טוב שבנחשים רצוץ את מוחו, (מכילתא בשלח פ"א).

117. זוך אַ גוטען שותף

מיט גוטע מענשען זאלסטו זיך באהעפטען,
ביים הייראַטען און איבערהויפּט אין געשעפטען.
לעולם ידבק אדם בטובים. (בבא בתרא, ק"ט).

---

113) Do not open the doors wide even for the pious; be sure to close it against the wicked.

114) Food which comes from living beings refreshes the soul.


115) Is it not enough that the poor must come to the rich for a loan that they must be charged usurous rates of interest?

116) Crush the head of even the most gentle of serpents.

117) Associate thyself with good people.

118. היט זיך פון אַ גנב

אויב דיך האָט געקושט אַ באַבילאָנער אָדער אַ גנב אַזוינער —
ניט נאָר דיין געלט, נאָר צעהל אויך פון מויל די ציינער.
נרשאה נשקיך מני כבוך (אם נשקך אחד מעיר נרש מבבל, מנה
את שיניך בפיך אם תמצאם כי גנב הוא), (חולין קכ״ז).



119. עסט רוהיג

זיי ניט צו שטריינג ביים טיש ווען דו עסט,
נאָר פריינדליך זיי צו אַלעמען ווי מיט געסט.
לא יהא אדם קפדן בתוך סעודתו. (ד״א רבה).



120. ווען צו פאַרקויפען

פאַרקויף בעסער פריהער דיינע דיימאַנדס אום געשעפט צו מאַכען,
איידער אָרים ווערען, אָהן געשעפט, צו עסען פון פאַרקויפטע זאַכען.
זבין ולא תדול (מכור כלי כסף וזהב ועסוק במסחר ולא תצטרך
למכור כלי בית מעניות ללחם). (יבמות, ס״ז).



121. ניט האַלט קיין שלעכטען לייטער

אַ שלעכטען הונד זאָלסטו ביי זיך אין הויז ניט האַלטען,
אויך ניט שטעלען לעבען הויז אַ שוואַכען לייטער אַן אַלטען.
לא יגדל אדם כלב רע בתוך ביתו ולא יעמוד סולם רעוע בביתו,
(כתובות מ״א).

---

118) If a thief of Babylon has embraced thee, count not only the money, but thy teeth as well.


119) One should never be stern at the dinner table.

120) Sell thy gold ornaments and thy precious stones in order to establish thyself in a business, rather than to be compelled later to sell thy fine things in order to have bread.

121) Do not own a vicious dog, nor place an old ladder against your house.

122. גוטע פלעגע

די ווארימס און בוימעל וואס מיין מוטער האט מיר געשמירט
איז יונגע יאהרען,
האלט מיך נאך שטארק יעצט ווען איך בין שוין אלט געווארען.
חמין ושמן שסכתני אמי בילדותי הן עמדו לי לעת זקנתי. (חולין, כ״ד).



123. היט זיך פון א טויבען נאר

מיט א טויבען, מיט א קליינעם קינד, אדער מיט א נאר,
איז דער צוזאמען־טרעפען זיך מיט זיי א געפאהר.
חרש שוטה וקטן פגיעתן רעה. (ב״ק פ״ח מ״ד).



124. היט זיך פון א קללה

דער פלוך פון א גרויסען צדיק און פרומען מאן,
אפילו פאר גארנישט, קומט עם אייך אן דאן.
קללת חכם אפילו בחנם היא באה. (ברכות, נ״ו).



125. ווען זיך צו הערען

א קלוגען דארף מען הערען וואס ער רעדט,
און א נאר דארף מען צו הערען וואס ער בעט.
שומעים לשוטה מה שהוא מבקש (ולחכם תמיד שומעים),
(שמות רבה פ׳ מ״א).

---

122) The warm baths and the oil massages given to me by my mother in my youth, strengthen me in my old age.


123) Avoid contact with the deaf, the minor and the fool.

124) The curse of the pious, even though it be for naught, will be fulfilled.

125) Listen to the wise when he speaks and to the fool if he begs.


126. אַרבייט אויף דיין אָרט

עס איז בעסער פאַרדינען וויינינגער ניט ווייט פון הויז,
איידער פאַרדינען מעהרער און פון שטאָדט ווייט אַרויס.
קבא מ'ארעא ולא כורא מאיגרא (טוב להשתכר קרוב לביתו
מעט כסף מהשתכר הרבה במקום רחוק). (פסחים, קי״ג).




127. האַלט אַ געהיימניס

פיעלע גוטע פריינד אין דיין הויז קאָנסטו אימער האָבען,
אָבער דיינע געהיימניסע צו איינעם פון טויזענד זאָלסטו זאָגען.
רבים יהי׳ דורשי שלומך גלה סודך לאחד מאלף (בשם ב״ס)
(יבמות ס״ג).



128. געה אין אַ שוהל

פון פריה און אוועגד אין שוהל אַ געבעט צו גאָט געבען,
אויב דו וועסט געהן, וועסטו דערפאַר לאַנגע יאָהר לעבען.
קדימו וחשוכא לבי כנישתא כי היכי דתורכו חיי, (ברכות ח׳).
ערב ובקר לך לבהכ״נ כדי שתאריך ימים.



129. דאַווען אין העברעאיש

עס איז בעסער צו בעטען גאָט אין העברעאיש,
איידער אין אַ גוי׳אישער שפּראַך ווי אַראַמעאיש.
לעולם אל ישאל אדם צרכיו בלשון ארמי (אל יתפלל אדם בלשון
ארמי), (שבת י״ב).

---

126) Rather to earn less nearer to home, than to earn more away from home.

127) You may have many friends come to your home but confide but in one of a thousand.

128) If you pray early in the morning, you will surely have long life.

129) It is very desirable that one should pray in Hebrew.

130. פאַרשליס די טיהר

לאָז ניט קיינמאָל אָן אָפענע טיר,
ווייל דאָס רופט אַ גנב צו דיר.
פרצה קוראה לגנב (פתח פתוח קורא לגנב לעשות מלאכתו).
(סוכה כ"ו).

131. שטודיר צו די ריך

צו דער הויפט־גאַס הויך, זאָל ניט זיין דיין שטודיר־צימער,
ווייל די פאַרבייגעהער וועלען שטערען דיין לערנען אימער.
אל תשב בגובה של עיר ותשנה (על העליה נראה בני אדם
עוברים ושבים ויבטלוך מלמודך) (פסחים קי"ב עיין רשב"ם).

132. היט זיך פון אַ צבוע

היט זיך ניט פון פרומע אידען געטרייע,
אדער גאָר פון מענשען די פרייע,
נאָר פון דעם מאַסקירטען וואָס איז פרום,
און טהוט אַלעס אין דערשטיל וואָס עס איז קרום.
אל תתיראי מן הפרושים ולא ממי שאינם פרושים, אלא מן
הצבעין שדומין לפרושים, שמעשיהם כמעשי זמרי
ומבקשין שכר כפנחס, (סוטה כ"ב).

133. בעדויער די לעבענדע

וויינען דאַרף מען אויף די וואָס בלייבען עלענד צו טרויערען,
דער פערשטאָרבענער געהט צו רוהע, אָבער די לעבעדיגע דאַרף
מען באַדויערען.
בכו לאבלים ולא לאבדה, שהוא למנוחה ואנו לאנחה, (מ"ק כ"ה).

---

130) Do not leave thy door open lest you invite the thief to enter thy house.


131) Let not thy window face the main street, lest ye be disturbed from thy study.

132) Avoid neither the very pious nor the heretic, but avoid him whose face is masked while pretending piety.

133) Let us not mourn the dead, for they have gone to their rest. Let us rather sympathise with those who are left to mourn.


134. זוך א רייכען

פאר דעם מאן וואס האט רייכקייט און פארמעגען,
זאלסטו פאר איהם אפילו שפענער נאכטראגען.
בתר מרי נכסי ציבא משוך (אחר העשיר תשא גם כפיסי עצים).
(בבא קמא צ"ג).



135. אליין ניט שלאף אין א הויז

מען טאר ניט בלייבען שלאפען אין א הויז גאר אליין,
אויב מען ווערט קראנק איז ניטא ווער נאך א דאקטאר זאל געהן.
אסור לישן בבית יחידי (פן תבוא עליו מחלה ואין מי שיחוש לעזרתו).
(שבת קנ"א).



136. פארליי געלט פאר עדות

ווער עס פארלייט אהן צייגעניש זיין געלד,
וועט איהם קיינער אויף זיין קלאגע ענטפערען אין דער וועלט.
המלוה מעותיו שלא בעדים יהיה מן הצועקים ואינם נענין, (ב"מ ע"ה).



137. זוך אונטער דיינע טהאטען

אויב א מענש קריגט וועהטאגען און אויך א שלעכטע צייט,
זאל ער אונטערזוכען זיינע האנדלונגען מיט אלע לייט.
אם רואה אדם שיסורין באים עליו יפשפש במעשיו (יהרהר במעשיו), (ברכות ה').

---

134) If the man be rich and influential attend to his wishes, even though it be to do such menial work as carrying wood.

135) Do not spend the night alone, lest you become ill and no one will be there to help you.

136) He who lends his money without a note should expect no help when payment is refused.

137) If one experiences pain or bad times, let him search his memory lest he has wronged anyone.


138. מאך געשעפט מיט א גביר

זאלסט זוכען צוזאמען מיט א גליקלאכען צו שטעהן,
וועלען דיינע געשעפטען אויך דעמאלט בעסער געהן.
הוי משתדל עם מי שהשעה משחקת לו (ואז תצליח גם אתה)„
(פסחים קי"ב).




139. באדענק וואס דו רעדסט

זאלסט ריכטען איידער דו רעדסט, גוט צו בעקלערען,
ווייל אויסגערעדטע ווערטער קענסטו ניט אומקערען.
הוי דן דבריך עד שלא תוציאם מפיך (אח"כ לא תוכל להשיבם),
(ד"א זוטא, פ"ג).



140. ווען ביליג קויף

זעהסטו אז דער פרייז איז געפאלען, קען ביליגער ניט זיין,
קויף שנעל די סחורה, קענסטו פארדינען גאנץ פיין.
זלת קפוץ קנה מינה. (אם הסחורה נפלה במקח ממה עסוק בה ותשתכר),
(ברכות ס").



141. א שלעכטען טהו ניט קיין גוטעס

טהו ניט צו קיין שלעכטען קיין גוטעס, וועט דיר ניט טרעפען קיין בייזעס,
ווען צוויי הינט זיך נאר רייסען, ניט צענעם זיי; זיי וועלען דיך בייסען.
טב לביש לא תעביד, ובישא לא ימטא לך (לאיש רע אל תעשה טובה, ולא תבוא אליך רעה),
(ב"ר פ' כ"ב).

---

138) Associate thyself with those who are successful, then thou too wilt succeed.


139) Consider before you speak, for words once spoken cannot be recalled.

140) If an article has been priced very low, buy it.

141) Do not part fighting dogs, lest they attack you. Attempt to do no good for those who are evil, lest evil befall you.


142. האָב איין געשעפט

ווילסטו פיעל געשעפטען אליין פיהרען, קענסטו דערביי פיעל פערלירען,
דינגסטו א גארטען, קאנסטו דאן פייגעלאך עסען,
דינגסטו פיעל גערטנער וועלען פייגעלאך דיינע אויפרעסען.
דאגר גינא אכול צפרין, דאגר גינין צפרין אכלין ליה, (השוכר גנה אחת יכול לשמרה ולשכור לאכול צפרים, והשוכר גנות הרבה, אז הצפרים אוכלים פרנסתו מגנתו) (קה"ר פ"ד).




143. ניט שטויס אָפּ אינגאַנצען

א קינד, א פרוי, און דעם יצר הרע האלט צו ביי א זייט,
מיט דער רעכטער האנד נאָהענט, מיט דער לינקער האנד האלט ווייט.
יהא אדם דוחה בשמאל ובימין מקרב, (סוטה מ"ז).



144. זוך דיינע פעלערען

אלע פרעמדע פעלערען, זעהט א מענש גיך,
אבער ניט זיינע אייגענע אויף זיך.
כל הנגעים אדם רואה חוץ מנגעי עצמו, (נגעים פ"ב מ"ד).



145. עס גוט

לייג אריין גוט אין מאגען, וועט דער בויך די פיס טראָגען.
כריסא טעין רגליא (המאכלים הטובים נותנים כח ללכת ברגלים). (ב"ר פ"ע).

---

142) Do not attempt to carry on too much business lest you lose all in the transaction.

143) The child, the wife and the evil inclination should be encouraged with the one hand, but discouraged with the other.

144) Man sees the mistakes of others, but not his own.

145) Eat well, then will thy stomach support thy feet.

146. אַ הונט אויפ'ן קייט

א איד זאָל ניט האַלטען אַ הונט, סיידען אין אַ נויט,
אויך דאַן מוז מען דעם הונט האַלטען אויף אַ קייט.
לא יגדל אדם את כלב אלא אם כן הוא קשור בשלשלת. (ב"ק ע"ט).

147. צוויי זאַכען

שטרעב אַ לייכט געבאָט צו ערפילען,
און אַנטלויף פון אַ זינד מיט'ן גוטען ווילען,
ווייל אַ געבאָט ציהט זיך צו אַ צווייטע,
און אַ זינד שלעפּט נאָך אַ גרייטע.
הוי רץ למצוה קלה שמצוה גוררת מצוה ועברה גוררת עברה.
(פ"א ד').

148. היט זיך פון אַ שלעכטען

זעהסטו אַ שלעכטען און די צייט גליקט איהם, ער איז אויבען אָן,
קריג זיך ניט מיט איהם און האָב ניט מיט איהם צו טהאָן.
אם ראית רשע שהשעה משחקת לו אל תתגרה בו. (ברכות, ז').

149. זיי ניט רעוואָלוציאָנעריש

גאָט האָט באַשוואָרען די אידען, זיי זאָלען ניט מאַכען
קיין רעוואָלוציאָן,
וואו זיי וועלען זיין געגען די רעגירונג פון אַן אַנדער נאַציאָן.
השביע הקב"ה את ישראל שלא ימרדו במלכות אומ"ה, (כתובות קי"א).

---

146) Do not own a vicious dog unless it is absolutely necessary, but even then see to it that he is chained.


147) Be quick to fulfill an easy commandment, for one good deed calls for another good deed, while one sin encourages another sin.

148) If an evil person meets with success, neither quarrel with him nor fraternize with him.

149) God has ordained that wherever the Jew may live he should be loyal to the land of his adoption.


150. ניט פעראַכטע

זאלסט קיין מענשען גרינג ניט שעצען,
און קיין זאַך זאלסטו ניט פארלעצען,
עס גיט ניט אַ מענש וואָס האָט ניט זיין צייט,
אויך אַ זאַך וואָס האָט ניט זיין אָרט נאָהענט אָדער ווייט.
אל תהי בז לכל אדם ואל תהי מפליג לכל דבר שאין לך אדם
שאין לו שעה ואין לך דבר שאין לו מקום, (פ"א ד').




151. מייד אוים אַ פרעמדע פרוי

מייד אוים דיין אויג פון אַ פרעמדער פרוי,
און פון אַ פרעמדע שעהנהייט אויך אַזוי.
העלם עינך מאשת חן ואל תביט ליפי זרה, (ב"ס ח').



152. מענש, באַטראַכט זיך

דו מענש באטראכט די דריי זאכען, וועסטו ניט זינדיגען אין לעבען:
וויים פון וואנען דו קומסט, וואוהין דו געהסט, וועמען מוזטו
רעכענונג געבען.
דע מאין באת ולאן אתה הולך ולפני מי אתה עתיד ליתן דין
וחשבון, (פ"א ג').



153. ניט טראַכט וואָס פון דיר איז פאַרבאָרגען

וואס קומט דיר ארוים פאַרבאָרגענע זאכען צו פאַרשען, צו יאָגען,
אז דאס וואס דו זעהסט, קענסטו ניט פארשטעהן און ניט זאָגען.
מה בצע לחקור נסתרות ולרדוף זרות אם את אשר הראת נלאת
להבין, (ב"ס ג').

---

150) Do not hold lightly of anyone or anything, for everyone and everything has its place in this universe.

151) Do not pay attention to strange women.

152) Know thou whence thou comest, whither thou goest and to whom thou must give account.

153) Why shouldst thou seek to learn the forbidden when that which thou canst see, thou dost not undersand.

154. זיי ניט מל

אזוי לאנג ווי ביי א קינד איז די הויט נאך רויט,
זאל מען ניט מל זיין, עס איז א געפאהר פון טויט.
האי ינוקא דסומק כו׳ (כל בשרו אדום ימתינו מלמולו), (שבת קל״ד).

155. שטראף ניט ביים עסען

שטראף ניט דיין פריינד ביי זיין מאהלצייט,
און דו זאלסט זיך ניט קריגען אין זיין פרעהליכע צייט.
אל תוכיח רעיך עת משתה, ואל תריב אתו בשמחתו, (ב״ס ל״א).

156. א געפאלענעם הויב אויף

ווען איינער נידעריג פאלט,ווארף איהם ניט קיין שטיין,
העלף, ערמונטער איהם, אויב ער קען ניט אויפשטעהן אליין.
לידחי אבן אחר הנופל ? (לא יאות כן אלא לעזור לו), (קידושין כ׳).

157. עהרע א דאקטאר

באשעהן א דאקטאר, גיב איהם עהרע,
ער וועט דיר שטעהן אין א צייט א שווערע.
הדר פני רופא וכבדהו כי יקום לך בעת צרה, (ב״ס ל״ח).

158. א קראנקהייט ניט פערלאז

טוט דיר נאר עפעס וועה, צום דאקטאר גלייך געה.
דכאיב ליה כאיבא אזל לבי אסיא (אם יש לך כאב, לך אל הרופא מיד).
(ב״מ ל״ה).

---

154) Circumcision should not take place as long as the infant's skin is still red.

155) Do not punish thy friend during his meal time, nor seek to quarrel with him when he is enjoying himself.

156) When thy friend has fallen, do not cast a stone against him, but rather help him to get on his feet.

157) Respect the physician, honor him, for he will help thee in time of need.

158) Do not neglegt any illness, see a doctor.

159. ניט געטרויערט

פון די זייטען פון גרוב, קען מען זיך ניט אומקעהרען,
טרויער העלפט ניט, דיין לעבען וועט ערגער ווערען.
מירכתי שאול אין השיב, תוגתך לא להועיל ואתה תרע לנפשך.
(ב"ם ל"ח).

—◇—◇—

160. אַ גוטע עצה

רייכקייט שטארקט די טריט אין מענשענס וועגען,
נאר אַ גוטע עצה איז בעסער פון זיינעטוועגען.
הון ועושר יעודדו מצעדי איש ועצה טובה נבחרה מהם, (ב"ם מ').

—◇—◇—

161. אַ נייער אָרט—אַ נייער מזל

ווען מען ענדערט דעם נאָמען אָדער אָרט,
אין אַ נייעם פּלאַץ ווערט דער מזל בעסער דאָרט.
משנה מקום ומשנה שם משנה מזל, (שבת ירושלמי ו' וכן בזהר פ' וישב,
וכן דביש ליה בהאי מתא וכו', ב"מ ע"ה).

—◇—◇—

162. ניט געזאָרגט

פאַרקויפט אַ זאַך, מעגליך זאָלסטו חרטה האָבען און ווען צוריקקערען,
אויסער ווייז ניט,— ווייל עס קען גאָר זויער ווערען.
זבין ותהרט לבר מחמרא (אם מכרת יין לא תצטער פן יהיה
לחומץ), (פסחים קי"ב).

---

159) No one returns from the grave, therefore do not grieve lest it be worse with thee.

160) While wealth may strengthen a man's position, good advice is still more desirable.

161) One's fortune may change with the change of name and place.

162) If you have sold something and regret its sale, it is possible for you to get it back, except in the case of wine, for it is possible that it become sour.

163. טראָג גוטע קליידער

שפּאר אָפּ פון דיין מאגען,
און גוטע קליידער זאלסטו טראגען.
עשוק לגביך ושוי לכריסך (ביוקר קנה בגד לגופך ומאכלך קנה בשוויו), (ב"מ נ"ב).

164. זיי אָרענטליך

ניט רייד מיט'ן מויל איינס,
און אין הארצען טראכטען ניט אזוינס.
שלא לדבר אחד בפה ואחד בלב, (ב"ם ס').

165. זאָרג ניט פאר'ן מאָרגען

דו זאלסט ניט האבען קיין אנגסט פאר מארגען,
ווייל דו ווייסט ניט נעקסטער טאָג וועלכער וועט דיר ברייננגען זאָרגען.
אל תצר צרת מחר כי לא תדע מה ילד יום, (יבמות ס"ג בשם ב"ם).

166. דריי סאָרטען גרים

דריי סאָרטען גוים ווערען אידען; איינער ווערט א איד א שעהנע פרוי צו קריגען,
א צווייטער ווערט א איד, ער זאָל האבען צום לעבען, א דריטער נאר פון גאט'ס וועגען.
שלשה גרים הן גר שנתגייר לשם אשה, להיות מתפרנס, ולשם שמים, (יבמות ס"ג).

---

163) Wear good clothes even though you must deny yourself certain foods.

164) Do not say one thing with thy mouth when thy heart speaks otherwise.


165) Do not worry for the morrow, for you know not what it has in store for you.

166) Some become converts because of a beautiful woman, others because of a livelihood, while still others because of their love of God.

167. פאַרזיכטיגקייט

פיער הונדערט גילדען איז ווערט געלאַסענהייט,
און נאָך מעהר איז ווערטה גוטע פאַרזיכטיגקייט.

מתון מתון ארבע מאה זוזי שויא, (המתנהל לאטו), (ברכות כ׳ עיין שם).



168. צו שפּעט אַן עצה

פאַרשפּעטיגטע עצות, ווי פוילע קערנער,
נעהם ווארף זיי אויף דערנער.
שקילא טיבותך ושדיא אחיזרי (קח טובתך והשלך על הקוצים),
(שבת ס״ג, עיין ברש״י).



169. פריהער גרייט שפּייז

מען טאָר ניט קויפען א בהמה, ביז מען גרייט ניט צו א שטאַל
און שטרוי,
אזוי ווי מען דאַרף צוגרייטען א הויז און א גאָרטען און נעמען
א פרוי.

אין אדם רשאי ליקח בהמה אא״כ התקין להם מזונות,
(ירושלמי יבמות פ׳ ט״ו).



170. ניט זיי צו גוט

זאָלסט ניט זיין פאַר לייטען צו ווייך און צו זיס,
מען וועט דיך איינשלינגען פון קאָפּ ביז די פיס.

אל תהי מתוק פן יבלאך, (במבחר הפנינים).

---

167) Patience is worth four hundred gulden, but carefulness is worth still more.

168) Late advice is like spoiled corn, throw it away.

169) Do not buy a cow ere you have a stall and straw ready; do not marry ere you have a house and garden ready.

170) Do not be too easy with strangers lest they swallow you.


171. ניט זוך גרויסקייט

יאג זיך ניט צו לויפען, פאר אן אמט א הויכען,
אל תהי רץ אחר שררה, (פסיקתא רבתי פ' כ"ב).




172. היט זיך פון פרעמדע

דיינע געהיימנישען פון א פרעמדען זאלסטו באהאלטען,
פיללייכט פאלשקייט אין הארצען קען ער האלטען.
העלם סודך מזר אולי נכלים בלבבו, (ב"ס ח').




173. היט זיך פון א כעסן

מיט אן אויפגערעגטען כעסן זאלסטו זיך ניט קריגען.
זאלסט ניט געהן אין זיין וועג, דו וועסט ניט האבען קיין פארגעניגען.
את בעל אף אל תשעשע ואל תלך בדרך אתו. (ב"ס ח').



174. זיי זיך מתודה

אז א מענש פיהלט אז ער וועט די קראנקהייט ניט איבערטראגען,
דארף ער זיך מתודה זיין, זיינע זינד אויסזאגען,
ער זאל חרטה האבען, וועט ער דאן יענע וועלט האבען.
שכל המתודה (בחרטה) יש לו חלק לעולם הבא, (מס' שמחות פ"ב).



175. ניט אלץ זאל די פרוי וויסען

פאר דיין פרוי, זאלסטו איינגאנצען ניט ענטדעקען דיין הארץ פאר איהר,
פיללייכט וועט זי קענען איהר האנד שווער לייגען אויף דיר.
אל תגלה לבבך אליה (לאשה) פן תכבד ידה עליך ועל כספך. (ב"ס ט').

---

171) Do not seek high office.

172) Do not divulge thy innermost secrets to the stranger, lest he have falsehood in his heart.


173) Do not quarrel with one easily angered nor go in his way.

174) Those who confess their sins at the death bed, will surely have a portion in the world to come.

175) Do not reveal all to thy wife, lest her hand be heavy upon thee and thy purse.

176. האלט מויל

וועז א מענש איז צו דיר גוט, שוויג שטיל,
כדי באלעסטיגער זאלען איהם ניט שאדען צופיעל.
אל יספר אדם בטובתו של חבירו שמתוך טובתו בא לידי רעתו,
(ב"ב קס"ד).



177. מיש זיך ניט צו פרעמדע

זאל דער בעל הבית אליין די דערנער אויסשניידען,
פון פרעמדע געשעפטען זאלסטו אויסמיידען.
יבוא בעל הכרם ויכלה את קוציו, (ב"מ פ"ג).



178. היט דיין פערמעגען

דו זאלסט דיין זעלע צו אויסגעלאסענע פרויען ניט איבערגעבען,
זיי וועלען גאר אין גיכען צו רייבען דיין פארמעגען.
אל תתן נפשך לקדשות כי תבזנה מהר חילך, (ב"ס ט').



179. ניט טרינק מיט פרויען

מיט א פרעמדער פרוי זאלסטו ניט טרינקען אליין,
זי וועט דיין זעלע פאנגען און וועסט אין גרוב געהן.
אל תשת ואל תשכר עמה (עם האשה) פן תצוד נפשך ותרד שחת,
(ב"ס ט').

---

176) If one does you a favor do not publish it lest others should annoy him.

177) Let the owner himself rid his garden of thorns.

178) Do not give thy soul to the harlot, lest she rob you of your wealth.

179) Do not drink with a strange woman lest she take thy soul and your end will be death.


180. אַ געבעט פון אַ קראַנקען

וואס אַ קראנק ליגענדער מאַן בעט ביי זיין לעבען,
איז גלייך ווי ער וואלט געשריבען און איבערגעבען,
ווי ער האט אויסגעדריקט אין בעט זיין ווילען,
מוזען זיינע נאהענטע זיין פארלאַנג ערפילען.
דברי שכיב מרע ככתובין וכמסורין דמי (דברי החולה ככתובין
לקיים דבריו), (גיטין י"ג).



181. שרעק ניט אַ קראַנקען

ווען אַ קראַנקענ'ס אַ פריינד שטארבט, זאָל מען איהם ניט אויסזאָגען,
ווייל ער קען פון זינען זיך ריהרען און דעם צער ניט איבערטראָגען.
חולה שמת לו מת (קרוב) אין מודיעין אותו שמת, שמא תטרף
דעתו עליו. (מועד קטן, כ"ז).



182. זיי קלוג

דורך קלוגשאַפט, קען אַ אַרימאַן דערהויבען ווערען,
מען זאָל איהם זעצען גלייך מיט גרויסע הערען.
חכמת מסכן תרוממנהו להושיבו עם נגידים. (ב"ס י"א).



183. ניט וויין צופיעל

ווייניגער טרעהרען אויף אַ טויטען לאַז רינען,
ווייל ער האט שוין זיין רוהע געפונען.
המעט דמעה על מת יען כי מצא מנוח, (ב"ס כ"ב).

---

180) The wish of the sick person must be immediately fulfilled by those near to him.

181) Do not disclose to the sick person that someone dear to him has passed away lest he lose his mind.


182) Through wisdom can even the most humble be raised to a high position.

183) Let few tears fall for the dead, for he has already found his rest.

184. אַ מענשענס פּרואוו

גאָלד ווערט דורך פייער געפּרואווט,
און גאָט׳ס געליבטער, ווען ער צרות פאַרזוכט.


כי הזהב באש יבחן וידיד אל בכור העני. (ב״ס כ׳).



185. גיי ניט גיך

געה ניט גיך, נאָר מיט קליינע טריט, שטיל.
טרינק ניט קיין מעדיצינס צו פיעל,
רייס ניט קיין צאָן, אז מען קאָן איהם מאַכען שטיל.


לא תשתי סמא ולא תשוור ניגרא ולא תעקר כרא וכו׳. (לא תשתה סממנים, לא תלך פסיעה גסה, לא תעקר שן שסופו להתרפאות).
(פסחים קי״ג פי׳ רשב״ם).



186. ניט טהו קיינעם וויי

ניט לאַך פון אַ מאַן, צו מאַכען איהם שמערצען,
ווען יענעם איז ביטער אויף דעם הערצען.

אל מר נפש לא תלעג (ב״ס ז׳).



187. ניט פערשווייג

ווער עס וויל דיך פאַרשעהמען, ניט שווייג יענעם,
און ווען דו פאַלסט, זאָלסטו זיך ניט פאַרשעהמען.

אל תשא פני איש לבשתך ולא תבוש כי נפלת. (ב״ס ד׳).

---

184) Gold is tested by fire, and God's loved ones through trouble.

185) Walk slowly, avoid the use of medicines and do not extract a tooth if it can be fixed.

186) If one experiences trouble, do not laugh at him.

187) If one wishes to cause you shame, do not allow it. If misfortune is your experience, do not lose courage.


188. זאָלסט זיך קענען

ביזטו קלוג זאָלסטו דעם אנטוואָרט ריידען,
און אויב ניט זאָלסטו דיין האנד צום מויל לייגען.
אם חכמת תן מענה ואם אין, שים ידך למו פיך, (ב"ס ה').




189. פיהל מיט

זאָלסט טרייסטען, די וואס פארגיסען טרעהרען,
און מיט אונמוטהיגע זאָלסטו טרויעריג ווערען.
הוי מנחם למורידי דמעה, ועם אבלים התאבל, (ב"ס ז').



190. אַ נפטר ניט קריטיקיר

ניט קריטיקיר איינעמס שרייבען אָדער ריידען קרום,
ווען ער איז שוין טויט, איז ער סיי ווי סיי שטום,
לעבענדיג וואָלט ער איבערגעצייגט ווי ער איז פרום.
אין משיבין את הארי לאחר מיתה (לו היה בין החיים, אז
החזיר לך תשובה), (גיטין פ"ה).



191. עס — ניט רייד

ניט רייד ווען דו עסט, צו־קיי גוט די שפייז וואס מעהר,
ווייל עס איז אַ געפאהר, די שפייז זאָל ניט אריין אין לופט־רער,
עס איז געזונטער פאר'ן מאגען, אזוי אַלע דאקטוירים זאגען.
אין מסיחין בסעודה שמא יקדים קנה לושט ויבוא לידי סכנה,
(תענית ה').

---

188) If you are wise then you may answer, but otherwise place your hand over your mouth.


189) Console those who mourn and sympathise with those who are sad.

190) One should not criticize the person who has passed away, for he is as though he were dumb.

191) Do not converse while eating lest food enter your wind pipe.


192. פאַס זיך אויף

פאַר אַ פרעמדען ניט אַנדעק דיין האַרץ,
ער קען דיר נאָך אַמאָל באַצאָהלען מיט שלעכטס.
לבך לאחר אל תגל פן רעה יגמלך, (ב"ס ז׳).



193. ליעבע פאַרדעקט

אויף אַ געליעבטענעם אַ שולד פרעגט מען ניט קיין שאלה,
אויף אַ פיינד אַבער, זעהט מען ניט קיין גוטע מעלה.
דרחים לי לא חזי לי חובה, (על כל פשעים תכסה אהבה), (כתובות ק"ה).



194. ווערסט געבען רעכענונג

אז אַ מענש וועט געבען רעכענונג, זאָל ער ניט פאַרגעסען,
וואָס זיין אויג האָט געזעהן, און ער האָט דאָס ניט געגעסען.
עתיד אדם ליתן דין וחשבון על מה שראתה עינו ולא אכל,
(ירושלמי סוף קידושין).



195. עס מיט אַ מאָס

ווער עס עסט מיט אַ מאָס, איז זיין שלאָף צימליך זיס,
איז פריהמאָרגען שטעהט ער אויף פריילי‍ך אויף די פיס.
אכל במדה ערבה שנתו ולאור בוקר יקום שמח, (ב"ס ל"א).

---

192) Do not reveal thy heart to the stranger lest he repay you with evil.


193) If our loved one does wrong we often ask no questions, but if our enemy does wrong, we see in that no good purpose.

194) When it be time for man to give account and reckoning let him also recall that certain things he has seen but has not tasted thereof.

195) He who eats moderately sleeps well and finds that he feels fine when rising.

196. ניט לאַך פון אַן אַלטען

פון אַן אַלטען זאָלסטו ניט לאַכען,
די יאָהרען וועלען אונז אויך אַלט מאַכען.
אל תלעג לזקן כי נזקן גם אנחנו, (ב"ס ח׳).



197. ניט לויף צו אַ פריינד

אַ נאַר לויפט צו זיין פריינד'ס הויז אָפט שנעל,
אַ קלוגער זעט צו באַטראַכטען, צי איבערטרעטען דעם שוועל.
רוץ ירוץ פתי אל בית רעהו, וחכם כמעט ישקיף מתבושש, (ב"ס כ"ו).



198. אַ פייער לעש

ווען אום שבת אַ פייער ברעכט אויס,
געלויבט איז דער פערלעשער פון הויז.
מכבין ומפסיקין מפני הדליקה בשבת והזהיר ה"ז משובח, (יומא פ"ד).



199. ווען צוויי קריגען זיך

ווען צוויי קריגען זיך פאַר אַ ביסען,
זאָלסטו זיך בעסער גאָרנישט מישען,
אויב דו קענסט ניט ביי זיי שלום שליסען,
ווייל אנשטאָט פריינד, וועסטו קריגען פיינד.
מפני מה אתם מכניסין ראשיכם בין שני הרים גדולים. (יבמות, ט׳).

---

196) Do not laugh at the aged, for years will age us also.

197) The fool pays visits promiscuously, the wise man bethinks himself ere he crosses the threshold.

198) In event of a fire on a Sabbath, those who help to put it out are worthy of praise.

199) When two are quarreling because of a matter of a livelihood, unless you can bring peace between them, do not interfere lest you earn their enmity.

200. אַן אַלטע פרוי

אז אַלטע פרוי איז אַ הויז, איז אַ ברכה און אַ זעגען,
ווייל זי היט און קאַן אויף אַלעם גוט אכטונג געבען.
סבתא בביתא סומא בביתא (אשה זקינה היא ברכה בבית שיכולה לשום עין על כל דבר שלא יאונה שום רעה). (ערכין, י״ט).

—◇—◇—

201. אַן אַלטער מאַן

אויב אכטונג געבען קען ניט אַן אַלטער מאַן,
איז ער אין הויז שווער ווי אַ לאַסט דאַן.
סבא בביתא פאחא בביתא (אם לא משגיח בצרכי בית), (שם).

—◇—◇—

202. בעסער גמילות חסדים

בעסער לייען אַ ג״ח אויף געצייג צו אַן ארבייטס־מאַן,
אדער לייען אַ ג״ח פאַר אַ געשעפטס־פלאַן,
ווי צו געבען צדקה צו אַן אָרימאַן.
גדול המלוה יותר מן העושה צדקה (שבת ס״ג).

—◇—◇—

203. פעראייניג זיך

עס איז אַ פליכט אַז יעדער איד,
זאָל זיין מיט'ן עולם אַ מיטגליעד.
לישתף אינש נפשיה בהדי ציבורא (כמ״ש אל תפרוש מן הצבור פ״א), (ברכות ל׳).

---

200) The presence of an old woman in ones home is a blessing.

201) If an old man cannot even watch the home, then surely is he a burden.


202) To loan money to get started in business is preferable to giving charity.

203) It is the duty of every Jew to consider himself a part of the congregation.

204. ניט ווער שנעל אין צאָרן

א געלערטער מאַן, ווען ער איז אויך קלוג,
פון כעס ווערט ער נאַריש גענוג.

הכועס משכח תלמודו ומוסיף טפשות, (נדרים כ"ב).



205. ניט קריגט זיך

פאַר א דין, אָדער פאַר א נוסח אין דאַווגען, ניט קריגט זיך
אין קיין אָרט,
ווייל ווי מען זאָל ניט טהאָן, אָדער ווי מען זאָל ניט דאַוונען,
איז אַלעס גאָט'ס וואָרט.

אלו ואלו דברי אלהים חיים הן, (עירובין י"ג).

204) He who becomes angry forgets all that he has learned and seems ever so foolish.

205) Why quarrel as to the order of prayer, when everything is from God.



פרק שנים עשר
על־דבר פועלים ושכר שכיר
מרגליות על דבר שכר שכיר ופועלים
על פי דיני חז"ל

בריליאנטען און פערל געגומען פון תלמוד וועגען
אַרבייטער און גערונגענע לויט די דינים פון חז"ל.

מן הפרק הזה על דבר שכר שכיר ופועלים נראה, כי בעיני חז"ל הכל שוים —
אדונים ומיוחסים אין בתבל; אין הם חפצים שהעשיר ישתרר
על הפועל העני, אלא יכבדהו כיאות, כי בצלם אלהים
עשה את כל האדם, על כן בסדר נכון וישר
יתנהגו כל בני חלוף.

—⟡—⟡—

הפרק הזה יעיר את לב הקורא לאהוב את המלאכה
ולא להתבייש במלאכה ולשנוא את העצלות
כי היא אם כל זמה ופשע.

—⟡—⟡—

הולך תמים ופועל צדק ודבר אמת בלבבו וכו'. (תהלים, ט"ו).

דער וואס געהט אין אונשולדיגקייט,
וואס טוט מיט גערעכטיגקייט,
און רעדט ארויס פון הארצען די וואהרהייט,
דער לעבט לאַנג אויף דער וועלט,
און קען רוהען אין גאָטעס געצעהלט.

אַרבייטער רעספעקטירט די תורה מעהר!
וועלכע רעספעקטירט די אַרבייטער!

שטאָלץ מעגט איהר זיין מיט אונזער תורה און רעליגיאָן
וועלכע האָט אייך באַשיצט מיט איהר טראַדיציאָן,
לעזט נאָר די ציילען מיט אַ קלאָהרען געדאַנק,
דאַן וועט איהר געווים געבען די תלמודיסטען אַ דאַנק.

—⟡—⟡—

ביי די תלמודיסטען זיינען געוועזן אימער אַלע גלייך,
אַז אָרימער אַרבייטער, ווי אַ מאַן וואס איז רייך.
דער אַרבייטסגעבער, דער רייכער מאַן,
זאָל ניט הערשען איבער דעם אָרימאַן.
נאָר רעספעקט זאָל ער איהם געבען,
ווי אויך גענוג צום לעבען.

פרק שנים עשר
על־דבר פועלים ושכר שכיר



1. אַרבעטער

וועז איהר וועט נאָר גוט שטודירען,
וועט איהר זעהען ווי די וועלט טהוט זיך פיהרען,
אויב נאָר אַ מענש אַרבייט צו מאַכען אַ לעבען,
דאַן וועט איהם גאָט זעגען און פרנסה געבען.
זהו דרך ארץ, אדם עושה בידיו והקב״ה מברך מעשי ידיו,
(מדרש תהלים קל״ו).



2. אַ מלאכה איז ברכה

ליבערשט צו זיין באַזאָרגט מיט אַ מלאכה,
מעהר ווי פון עלטערנס געלד און ברכה.
חביבה מלאכה מזכות אבות, (ב״ר פ׳ ע״ד).
גוט איז לערנען תורה, און פאַר מלאכה ניט האָבען קיין מורא.
יפה תורה עם דרך ארץ. (פ״א, ב׳).



3. לערענט און אַרבייט

ווער עס וועט פון עלטערע מענשען אַן עצה הערען,
דער וועט קיין מאָל ניט געשטרויכעלט ווערען.
כל מי שנוטל עצה מזקנים לא יכשל לעולם. (ש״ר פ״ג).

CHAPTER XII. — CONCERNING LABOR

1) Man labors with his hands and God blesses his achievements.

2) Cherish your trade more than the wealth of your parents.

3) Knowledge goes well with a trade.

4. אַן איידעל מאַן

אבי דער בעל מלאכה אליין איז ניט אויף צרות,
ווייל מען זאגט א ווערטעל: יחוס על בית הקברות,
ווארום פיעלע בעלי מלאכות לעבען ווי די שררות.
און ווינד־געשעפט טויג אויף כפרות.
אמאל פלעגט מען זיך שעהמען, א חתן א בעל מלאכה צו נעהמען,
א געשעפטס־מאן א בן־תורה, איז געווען אמאל נאר א סחורה,
היינט א פראפעסיאנאל־מאן, רעדט שוין ניט וועגען נדן.

5. תורה און אַרבייט

האב בילדונג און ארבייט, די צוויי, דער תלמוד זאגט אייך אזוי,
ווייל זיי זיינען אליין ארבייטער געווען, די נעמען פון זיי זיינען
מעהר ווי צעהן:
לעזט ווייטער וועט איהר זעהען, 1) רבי חנינה, איז געווען א שוסטער,
2)רבי הושיע א וועשער, 3) הלל הזקן א האלץ־העקער,
4) רבי יהושע, א שמיד, א קוילען־מאכער, 5) רבי יוסי א פעל־גארבער,
6)רבי יוחנן א שוסטער, 7) רבי יצחק א שמיד,
8) רבי אבין א סטאליאר, 9) רבי ששת א האלץ־טרעגער.
10) רבי אבהו פלעגט פלעכטען פרויענשע קאפ־שלייערס
11) אבא חלקיה איז געווען א גרעבער
12) אבא שאול איז געווען א באגרעבער
13) מר שמואל איז געווען א דאקטאר
14) רב פפא איז געווען א ביער־ברויער א. ז. וו.

6. אַרבייט איז געזונט

רבי ששת האט געזאגט: ארבעט ערווארעמט די בלוט מיט שוויים,
און די ארבעט מאכט דעם מענשען געזונד און גריים.
גדולה מלאכה שמחממת את בעלה, (גיטין ס"ז).

---

4) Look not with disdain upon manual labor, for many of our Rabbis of old occupied themselves with such manual work as that of carpenters, shoemakers, woodchoppers, blacksmiths, tanners and mill workers.

5) Possess knowledge and work for a living, so says the Talmud.

6) Rabbi Shasheth said: "Work is good, for it warms up the blood and makes one strong."

7. לעב פון אַרבייט

ליעב ארבעט צו מאַכען א לעבען,
מיט רבנות זאָלסטו זיך ניט אבגעבען
אהוב את המלאכה ושנא את הרבנות, (פ"א א').

8. גלייך באַצאָל

דיין נאַכט־ארבעטער זאָלסטו באַצאָהלען אין דער נאַכט,
ווי־נאָר ער האַט זיין ארבעט שוין אָפּגעמאַכט.
מנין לשכיר יום שגובה כל הלילה, ת"ל לא תלין פעולת שכיר.
(ב"מ ק"י).

9. אַרבייט וועט אימער זיין

קיין סאָרט אַרבעט וועט פון דער וועלט ניט אונטער געהן,
סיי זי איז שווער אָדער סיי איז גרינג, מיאוס אָדער שעהן.
אין לך אומנות שעוברת מן העולם, (סוף קידושין פ"ב).

10. אַ קינדס פאַרגעניגען

פאַר קינדער איז א גליק און א פאַרגעניגען,
ווען זייערע עלטערען אַן איידעלע ארבעט קריגען.
אשרי שרואה את הוריו באומנות מעולה, (קידושין פ"ב).

11. פון האַנט אין מויל

ווען דו עסט פון דיין אייגענע פאַרהאַרעוועטע געלט,
אזוי, וואויל איז צו דיר און גוט אויף דער וועלט.
יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך, אשריך בעולם הזה וטוב לך
לעולם הבא. (ברכות ח').

---

7) Love your work, and avoid high office.

8) Don't hold out your employee's pay till the next day.

9) Work will never get out of season.


10) Happy is he whose parents have an honorable profession.

11) Happy is he who eats by the sweat of his brow.

12. אַרבעט איז געשעצט

פיעל געשעצטער איז דער וואָס לעבט פון אַרבייט,
איידער די ניט־אַרבייטענדע גאָר פרומע לייט.


גדול הנהנה מיגיעו יותר מירא שמים. (ברכות ח׳).



13. אָרענטליכקייט

ווי עס איז נויטיג א נאָגעל צו האַלטען שטאַרק א וואַנד,
אַזוי מוז זיין שווינדעל ביים קויפען און פאַרקויפען לאַנד,
אָרענטליך פאַרדיענט נאָר אַן אַרבעטער מיט זיין האַנד.


כיתד נטוגע בין אבני קיר כן העול בין מקנה וממכר. (ב״ס, כ״ז).



14. א זיסער שלאָף

זיס איז דעם אַרבעטערס שלאָף צי ער עסט ווייניג צי פיעל,
אַבער געשעפט, איבערזעטיגונג, לאָזט דעם רייכען ניט שלאָפען שטיל.

מתוקה שנת העובד אם מעט אם הרבה יאכל, (מנחות ק״ו).



15. אַרבייט איז געשעצט

דער וואָס לעבט פון אַרבעט איז מעהר געשעצט,
ווי איינער וואָס עסט פון גרייטען ביז׳ן לעצט.

גדולה מלאכה שמכבדת את בעליה. (גיטין ס״ז).

---

12) Better is he who labors for his pay; than the pious man who idles all day.


13) Trade necessitates exaggeration while he who labors by the sweat of his brow earns his daily bread honestly.

14) The sleep of the laborer is sweet, whether he eats little or much.

15) He who earns his daily bread from day to day, is held in greater esteem than he who consumes his savings without replenishing it.


16. אמאָל העלפט ניט קיין חכמה

עס גיט מענשען וואָס וויסען פיעל טראָפּען וואסער אין ים צו ערקלערען,
און האָבען ניט גענוג קליידער און שפּייז אום זיך צו ערנערען.
אז ארבעטער איז אימער גרייט, צו האָבען גענוג אויף ברייט.
יודעין לשער כמה טפות בים ואין להם פת לאכול ולא בגד ללבוש,
(הוריות י׳).




17. אַרבייט בעצאָהלט זיך

ווער עס ארבעט שווער און האָט שלעכטע צייטען,
וועט דאָס אָם ענדע זיך אויף גוטעס פארבייטען
המצטער בתחלתו נוח לו בסופו, (ילקוט איוב).



18. כשר פערדינט

בעסער א מענש זאָל האָבען פאַרדיענט איין זאך כשר, שווער,
איידער ניט פאַרדיענט הונדערט זאכען און אפילו מעהר.
טוב לו לאדם דבר אחד בצער, ממאה בריוח (שלא עמל בהם),
(אדר״נ פ״ג).



19. אַרבייט אין דער יוגענד

אַלטער! האָסטו אין דער יוגענד געאַרבעט נאָך,
דאַרפסטו צו דער עלטער ניט ארבעטען גאָר.
סבא! אי קרצת לא חשכת (אם בילדותך עמלת אז בזקנתך לא
תעמל), (ויקרא פ׳ כ״ח).

---

16) There are some who can measure the seas and yet cannot earn enough for bread.

17) He who works hard during a time of stress, will surely enjoy the fruits of his labors at a later time.

18) Better to have little, but honesly earned, than much from questionable sources.

19) If in thy youth thou hast labored, when old age comes thou wilt not have to labor.


20. לויט דער ווערטה

ווי דיין ארבעט איז שוין,
אזוי קריגסטו דיין לוין.
לפום צערא אגרא, (אבות פ"ה).




21. ארבייט איז גלייך און מעסיג

אז ארבעטער קאן ניט זיין ארים אדער רייך,
נאר ער האטביידע זאכען אימער צו־גלייך.
אין עניות מן האומנות ואין עשירות מן האומנות כו', (סו קידושין).



22. ניט האלט זיך גרויס

אויב דו האסט זיך פארדונגען צו ארבעטען אמאל,
זאלסטו זיך ניט שעהמען צו ארבעטען, אפילו קלאפען וואל.
אי תגרת ליה כו' פוץ עמריה (אם נשכרת למלאכה אז תעשה
אף מלאכת נשים כניפוץ צמר), (יומא כ' עיין ברש"י).



23. צו א בילדער

באשעפטיגסטו זיך מיט בילדען הייזער, מאך זשע א גוטען פלאן,
עס קאן ווערען ביליגער הייזער דו זאלסט ווערען אן ארימאן.
העוסק בבנין מתמסכן, (יבמות ס"ג).



24. זיין אן ארבייטער

ווילסטו לעבען אהן קאפ־דרייעניש, רוהיג און פריי,
דאן נעם זיך צו אן איידעלע ארבייט האנדווערקעריי.
ובחרת בחיים זו אומנת (ירושלמי פאה פ"א).

---

20) Thy recompense is measured by the thoroughness of thy work.

21) A laborer can neither be rich nor poor.

22) If you have once worked, never fear the most menial labor.

23) If you build, build well, lest you lose all.

24) To avoid worry, choose a good trade.


25. ניט שעם זיך צו פערדינען

שינד אפ אין אפענעם מארק א טויטע פיה פאר געלט,
זאג ניט איך בין א גרויסער מאן איך שעם זיך פאר דער וועלט.
פשוט נבילתא בשוק ושקיל אגרא (וקח תשלומין) ולא תימא גברא רבה אנא. (פסחים, קי״ג).




26. לערן די קינדער ארבייטען

לערן דיין זוהן אן ארבעט א ריינע,
אויך א גרינגע און א שיינע.
לעולם ילמד אדם את בנו אומנות נקיה וקלה כו׳, (סוף קידושין).




27. זאג א דאנק דעם ארבייטער

ווען אן ארבעטער, זיין ארבעט ריכטיג טוט,
זאגט מען איהם דיין כח זאל זיין גוט.
ישר כחך לפעלי טבא, (שמות רבה).



28. ועסט רייך ווערען

קויף און פארקויף קליידער און זאכען,
ועסטו מעהר פארדינען ווי אליין זיי מאכען.
זבן ולא תיזיל (קנה בגדים ולא תארג ותרויח יותר). (יבמות, ס״ג).



29. זאלסט ארבייטען שווער

בעסער צו פארדינגען זיך צו פרעמדע ארבעטען,
איידער אנקומען פון פרעמדע ברויט צו בעטען.
לעולם ישכר אדם לעבודה שזרה לו, (ברכות ירושלמי פ״ט).

---

25) If it is your livelihood, do not hesitate to skin a carcass even though it be in the open market place.

26) Teach thy son a clean and honorable trade.


27) Appreciate the efforts of those who do their work well.

28) Buying and selling clothes pays better than making them.

29) It is better to serve others than to beg bread from others.


30. גאָט בענשט אַן אַרבייטער

וועז אַ מענש אַרבעט נאָך מיט די הענט,
ווערט ער דאַן פון גאָט געבענשט.
אדם עושה בידיו והקב"ה מברך מעשה ידיו, (מדרש תהלים קל"ו).




31. דעם באַדינער גלייך מיט דיר

דיין אַרבעטער זאָלסטו ניט געבען עסען טרינקען וואָס ביליג קאָסט,
נאָר אַלע שפייזען, אויך שלאָפען איהם געבען ווי פאַר זיך דו האָסט.
לא ישנה אדם לעבדו מאכלו ומשקהו והסבו משלו, (מכילתא משפטים).



32. מען געוויינט זיך צו

יעדער אַרבעט איז אין אָנפאַנג שווער,
אָבער עס ווערט גרינגער נאָכהער.
כל התחלות קשות, (ילקוט יתרו).



33. אַן אַרבייטער איז זאַט

אַ הונגער קאָן זיבען יאָהר עקזיסטירען,
אָבער ניט ביי דעם אַרבייטער'ס טיהרען.
סיידען ער סטרייקט אָדער איז פויל, דאַן האָט ער ניט אין מויל.
שבע שני הוה כפנא ואבבא דאומנא לא חליף. (סנהדרין, כ"ט).



34. אַרבעט וועט גאָט העלפען

אויב אַ פאַרמער ווי אַ שקלאַף זיינע פעלדער וועט באַדיענען,
דאַן וועט ער אויף ברויט און צום לעבען פאַרדינען.
אם עושה אדם עצמו כעבד לאדמה ישבע לחם, (סנהדרין נ"ח).

---

30) The labor of thy hand is blessed by God.

31) Feed and clothe thy servant in the same manner as thyself.


32) All work at the beginning seems to be difficult.

33) A seven year famine will not affect him who labors.

34) If one toils in the field even as a slave, he will surely earn his bread.

35. אַרבייט ווּעסטו האָבען

אויב אַ מענש ווּעט אַרבעטען מיט די הענט אָדער סאָכע,
דאַן ווּעט איהם גאָט געבען מזל און פיעל ברכה.
אדם עושה בידיו והקב״ה מברך מעשה ידיו, (מדרש תהלים).




36. עס אייגענע ברויט

ווען אַ מענש עסט זיין אייגענעם ברויט,
נאָר דאַן איז ער גוט אויפגעלייגט.
בזמן שאדם אוכל משלו דעתו מיושבת עליו כו׳, (אדר״נ פ׳ ל״א).




37. טהו דיין פאָטערס אַרבייט

אַ מענש זאָל ניט ענדערן זיין אַרבייט, נאָר מיט׳ן פאָטער׳ס זיך אָבגעבען,
אַבי עס איז ניט קיין שענדליכע און איז גוט גענוג צום לעבען.
לא ישנה אדם מאומנותו ומאומנת אבותיו, (עירובין ט״ז).



38. ליב דיין אַרבעטער

דיין אַרבעטער זאָלסטו ווי זיך זעלבסט ליעבען,
און זיין פרייע צייט זאָלסטו איהם אימער געבען.
אהוב עבדך כמוך ואל תמנע רגעי חופש ממנו, (ב״ס ז׳).



39. אַ מענש מוז האָרעווען

יעדער מענש איז נאָר צו מאַטערען זיך געבאָרען,
צי לערנען, צי שאַפען, צי אַרבעטען, ביז ער ווערט פאַרלאָרען.
כל אדם לעמל נברא, (סנהדרין צ״ט).

---

35) He who labors with his hands or his plow will surely be blessed.

36) One is at ease when eating bread that is his own.

37) Thy father's occupation should be thy occupation.

38) Love thy servant, do not deny him his freedom.

39) Man is born to struggle.


40. פארדין ארענטליך

פערדינג זיך צו אן ארבעט וואס איז דיר פרעמד און ווייט,
אבי דו זאלסט ניט דארפען אנקומען צו פרעמדע לייט.
ישכיר אדם עצמו לעבודה שהיא זרה לו ואל יצטרך לבריות, (ב"ב ק"י).




41. ארבייט ניט געאיילט

פון איילעניש קומט קיין גוטעס ניט ארויס,
אויף דארויף האבען מיר פון גמרא א באווייז.
מען צו־ברעכט, מען צו־גיסט, און עס בלייבט גארנישט,
אגב זריזותייהו דעבדי משתפך, (פסחים ס"ה).



42. ניט זוך פעהלערען

איידער זוכען פעהלערען פון ציון׳ס ארבעטער,
זוך בעסער די פעהלערען פון דיין אייגענער מוטער.
עד שאתה בודק בתועבות ירושלים צא ובדוק בתועבות אמך.
(מגילה ירושלמי פ"ב).



43. אידען זיינען אין גלות

מיר זיינען אין גלות ביי די קריסטען,
נאר איבער די אידישע קאפיטאליסטען.
וועלכע ווילען ניט העלפען די ארימע ציוניסטען.
זיי אינוועסטען ניט אין ארץ־ישראל זייער קאפיטאל,
ניט נאר ארבעטער איבעראל נאר אויך אלע אידען בכלל.
אין בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכים, פה בגלות, — אך אם
יעזרו את החלוצים בכספם אז יקרבו את הגאולה. (סנהדרין צ"ב).

---

40) Go to a distant land; occupy thyself with work foreign to you, but do not become a burden to society.

41) Haste makes waste.

42) Ere thou findest fault with the builders of Zion, search thine own shortcomings.

43) The Messiah will come only when men of means will not only support the rebuilding of Zion but will also invest their capital in the Holy land.

44. אַרבייטער געהען נאָך ארץ ישראל

אויך גאַלבאַן ווערט צוגערעכענט צו זאַמען,
מיט די צעהן שמעקענדע געווירצען באַלזאַמען;
אויך ווען גוטע און ניט-גוטע אידען זיינען אין איין באַנד,
ווערען מיר שנעלער האָבען אונזער לאַנד;
שרעקט זיך ניט פאַר די פרייע סאָציאַליסטען,
אויב זיי זיינען חלוצים, ווערען זיי גוטע ציוניסטען.


ישראל אינם נגאלין עד שיהיו באגודה אחת, (מדרש תנחומא נצבים).



45. לערן אַ מלאכה

אַז אַרבעט אַ גוטע לערן דיין זוהן בעסער,
ער וועט קענען נאָר פון איין אַרבעט וואַקסען גרעסער;
וויל פון פיעל מלאכות, איז גאָר ווייניג ברכות.


רוב מלאכות ומעט ברכות, (ב"ר פ' כ"ב).



46. אַרבייט פלייסיג

די צייט ווען אַ מענש טוט אַרבעט צו פאַרדיענען אויף ברויט,
איז ער באַהיט פון שלעכטע טהאַטען און פון טויט.

עתים שאדם עושה מלאכה כו' ומתנצל מן המיתה, (אדר"נ פי"א).



47. גאָט גלייכט אַרבייט

אפילו גאָט האָט ניט געלאָזט רוהען די נאָטהייט אויף די אידען,
ביז זיי האָבען אויסגעבויט דעם משכן, דאַן האָט ער גערוהט צופרידען.

ישראל עד שעשו מלאכה כו', (אד"כ פ' י"ג).

---

44) Israel will be redeemed only when all factions within its ranks will be united.

45) To have many occupations is to have little blessing.

46) Be industrious and you will avoid sin.

47) Even the Shechina did not rest among Israel until Israel labored and erected the Tabernacle.

48. אַן אייגענע פּאַרם

ווער פון אייגענע מוטער ערד קען זיך שפּייזען און קליידען,
איז גלייך ווי א מוטער טוט געבען איהר אייגען קינד אַליין זייגען;
און ווי א קליין יתומ'ל ווערט געזויגען אַלע טאָג פון א פרעמדע מוטער,
אזוי איז אז א מענש מוז יעדען טאָג פון מארק קויפען ברויט און פוטער.
הלוקח תבואה מן השוק דומה לתינוק שמתה אמו ומחזירין אותו על פתחי מניקות אחרות, והאוכל משלו דומה לתינוק המתגדל על שדי אמו. (אד"כ, פ' ל"א).

—⟡—⟡—

49. ניט זיי אָפּהענגיג

איידער צו האבען פון א מענשען זיסען ברויט,
איז בעסער ניט זיסען דורך גאָט פון אייגענעם טרייד.
אמרה יונה לפני הקב"ה, רבש"ע יהיו מזונותי מרורין כזית ומסורין בידך כו' ואל יהיו מתוקין כדבש ותלויין ביד בשר ודם, (עירובין י"ח).

—⟡—⟡—

50. ווען אַן אַרבייטער לאַכט אָפּ

ווען אן ארבעטער פון א צווייטען ווערט אפּלאַכען,
ווערט ער אַליין די אַרבעט בעסער ניט מאַכען.
אין לך אדם אוהב את בן אומנתו, (ב"ר פ' ל"ב, ילקוט תהלים).

—⟡—⟡—

51. א גרויסהאַלטער

א באַווייז פון א גרויס-האַלטער אז ער איז אָרים אין לערנען און געלט,
ווייל צו פרעגען און צו אַרבעטען שטייט איהם ניט אָן פאַר דער וועלט.
סימן לגסות הרוח עניות, (שבת ל"ג).

---

48) He who gathers the produce of his own garden is likened to the babe suckling at its own mother's breast; but he who is compelled to purchase his fruits and vegetables at the public market, is likened to the babe who suckles at a strange breast.

49) Better to eat bitter bread earned through your own efforts than sweet bread produced by the efforts of others.

50) One artisan is often jealous of his brother artisan.

51) The haughty person is poor in both knowledge and money, for he is too proud to seek either.

52. מלאכה איז ברכה

ווילסטו זיך באזארגען צו האבען אימער צום לעבען,
זאלסטו צו דיינע הענט און צו דיינע קינדער אן ארבעט געבען.
ובחרת בחיים זו אומנת, (פאה ירושלמי).

53. מאך גוט

האסטו געמאכט אין עפעס א פעהלער,
טא פאריכט דיין ארבעט שנעלער.
קלקלת עובדך סוב חוט וחייט (קח חוט ותפור). (ב״ר פ׳ י״ט).

54. ניט טרינק

אן ארבעטער וואס גיט זיך אפ מיט טרינקען וויין,
וועט קיינמאל ניט קענען רייך זיין.
פועל סבא לא יעשר, (ב״ס י״ט).

55. צאהל אין צייט

אויב דיין ארבעטערס נעצאהלט וועסטו אין צייט איהם ניט געבען,
איז גלייך ווי דו וואלסט אוועק נעהמען זיין לעבען.
הכובש שכר שכיר כאילו נוטל את נפשו ממנו, (ב״מ קי״ב).

56. א מאן אהן אן ארבייט

א מענש וואס האט ניט קיין ארבעט אין האנד,
איז גלייך צו א וויינגארטען וואס איז אהן א וואנד.
כל שאין בידו אומנת דומה לכרם בלא גדר, (תוספתא קידושין פ״א).


---

52) A trade will assure one of a livelihood.
53) Hasten to correct the mistakes of thy work.
54) The addict to drink will never enjoy wealth.
55) To withhold thy workman's pay is to shed his blood.
56) One without a trade is likened to a vineyard without a fence.

57. היט די צייט

אז ארבייטער זאל געהן צו זיין ארבייט אין בעל־הבית׳ס צייט,
(אויב ער וואוינט ווייט),
אבער פון דער ארבייט זאל ער פארוויילען און געהן אהיים אין זיין
אייגענער צייט.


פועל בכניסתו לביתו משלו, ביציאתו מביתו משל בעה״ב,
(עיין בתוספות ב״מ פ״ג).



58. טהו דיין ארבייט

אז ארבעטער דארף פאר א ת״ח ניט אויפשטעהן,
ווען ער ארבעט און א תלמיד חכם וועט פארביי געהן.

אין בעלי אומנות רשאין לעמוד מפני ת״ח בשעה שהם עסוקים
במלאכתם, (קידושין ל״ג).



59. פוסטע זאנגען

מיר זעהען פוסטע זאנגען שטאלץ די קעפ ארויף אנגעבלאזען,
און די פולע זאנגען מיט קארען זיינען נידעריג אראפגעלאזען.
ביזנעס לייטע שטאלצע אנגעבלאזענע, זיינען זעהר לעבעדיג,
און די ארבעטער רייך מיט געטריידע זיינען ביי זיך נידעריג.

שבילי חזינא וכו׳. (רש״י יבמות).

---

57) The employer should allow his employee ample time to come to work, but when the employee is going home, he does that on his own time.


58) A workman at his work need not rise when a learned person passes.

59) The stalk laden with corn hangs its head low; the stalk without corn holds its head high. The former though it has plenty is often meek, while the latter, though it has nothing, yet is often haughty.

60. אַבי דער קרן איז גוט

אבי דער מענש אליין זאָל ניט זיין אויף צרות,
ווייל מען זאָגט א ווערטעל, „יחוס על בית הקברות",
זאָלסט מיט א בעל מלאכה זיך ניט שעהמען, זיי לעבען ווי שררות.


אי בר אוריין הוא יאי, (מנחות נ"ג).



61. טאָג אַרבייטער

דיין טאָג ארבעטער זאָלסטו באצאהלען דעם זעלבען טאָג,
פאר־האלט ניט זיין געצאהלט, ער זאָל ניט האבען קיין קלאָג.


ביומו תתן שכרו וכו׳ כיון ששקעה עליו החמה עובר עליו משום בל תלין. (ב"ק, צ"ט).



62. אַרבייט און לערן

ערווערב זיך אַן ארבייט מיט תורה,
בעסער ווי האנדלען מיט פארשיעדענע סחורה.

קנה לך אומנת עם התורה, (קהלת רבה ט׳).



63. אַרבייט גוט

דיין גוטע ארבעט וועט דיך ערנעהנטערען צו לייט,
און דיין שלעכטע ארבעט וועט דיך מאכען פון זיי ווייט.

מעשיך יקרבוך ומעשיך ירחקוך, (עדיות סוף פ"ה).

---

60) Do not deem the laborer unworthy of your association, as long as he is deft and industrious.

61) Thy day laborer should be paid the day he completes his work.

62) In addition to the study of the Torah, one should know a trade.

63) Thy good deeds will bring ye closer to good people, thy bad deeds will drive them away.

.64 פאַרזאָרגט אַ קינד

עלטערען קאָנען ניט פאַרזאָרגען קינדער מיט ברויט,
נאָר סיידען זיי פאַרזאָרגען מיט אַ מלאכה, — אַ טרייד.
זכות מלאכה עומדת במקום שזכות אבות אינה יכולה לעמוד,
(תנחומא ויצא).

.65 שווער יוצא זיין פאַר אַרבייטער יחסנים לייט

רבי יוחנן'ס זוהן האָט געדונגען אַרבעטער צו צאָלען און געבען עסען אין צייט,
האָט רבי יוחנן געזאָגט, — דו האָסט ניט אָפּגערעדט וואָס צו געבען עסען צו דיעזע לייט,
וועסטו זיי געבען אפילו מאָהלצייטען פון שלמה המלך'ס צייטען לרוב,
וועסטו קיינמאָל ניט יוצא זיין ווייל זיי שטאַמען פון אברהם יצחק און יעקב;
איך וועל דיר זאָגען וואָס דו מוזט יעצט טאָן,
בעסער איידער אַרבייטען הייבען זיי ביי אונז אָן,
נאָר ברויט מיט אַרבעס וועלען זיי האָבען זאָג זיי אָן.
בן רבי יוחנן הלך ושכר פועלים ופסק להם מזונות, וכשבא אצל אביו אמר לו בני אפילו אתה נותן להם כסעודת שלמה בשעתו לא יצאת ידי חובתך עמהם, שהם בני אברהם יצחק ויעקב, אלא עד שלא יתחילו במלאכה צא ואמור להם על מנת שאין לכם עלי אלא פת וקטנית בלבד. (ב"מ מ"ט).

.66 לערן קינדער אַן אַרבייט

אויב קינדער וועסטו האָבען,
לערן זיי אַ לאַסט טראָגען.
אם בנים יש לך חנוך אותם ומנוער הט שכמם לסבול. (ב"ס, ז').

---

64) Parents can assure their children a livelihood by teaching them a trade.

65) Said Rabbi Jochanan to his son who has just hired day laborers. "Be certain that they understand exactly what they are to get for their meals, or else they will expect much more than it is customary for them to receive."

66) Have ye sons, teach them to carry their share of their burden.


67. אַ קינד לערנען אַ מלאכה

ווער עס לערנט ניט זיין קינד אַ מלאכה צו פארדיענען אויף ברויט,
איז גלייך ווי ער וואלט איהם לערנען צו זיין אַ רויבער אין אַ נויט.
כל שאינו מלמד את בנו אומנות כאילו מלמדו ליסטית, (קידושין כ"ט).




68. ביזט מחויב צו לערנען דיין קינד

ווי אַ פאַטער איז מחויב צו לערנען אַ קינד תורה, און מאַכען אַ ברכה,
אַזוי איז ער מחויב צו לערנען איהם אַ גרינגע איידעלע מלאכה.
כשם שחייב אָדם ללמד את בנו תורה כך מחויב ללמדו אומנות.
(קידושין ל').



69. אַרבייטער שטיצען ת"ח

ווי די בלעטער אימער די וויינטרויבען באַשיצען,
אַזוי די (ערד) אַרבייטער די געלערענטע שטיצען.
אלמלא עליה לא מתקיימין אתכליא ענבים (אם לא הבעה"ב
ת"ח לא נתקיימו), (חולין צ"ב).



70. גוט אין צוקונפט

אבוואהל עס איז שווערר אַ פּראָפעסיע צו שטודירען,
אַבער שפּעטער וועט דאָס צום גוטען פיהרען;
עס איז שווער צו גרייטען אַ הון און פיש,
אַבער נאכהער האָסטו גוטע שפּייז צום טיש.
אע"פ שמיצרה היא עכשיו, שמחה היא לאחר זמן, (מועד קטן ט"ו).

---

67) He who neglects teaching his child some trade, encourages him to walk the wrong path.

68) Just as it is incumbent upon the father to give his son a religious education, in like manner is it incumbent upon him to teach his son a trade.

69) The workers of the soil support the learned, even as the leaves protect the grapes.

70) Even though it may be difficult to attain some profession, it is worth while for later it will be well with thee.

71. פרנסה

ווער עס האט באשאפען דעם טאג צו לעבען,
דער וועט אייך צום לעבען פרנסה געבען.


מי שברא יום ברא פרנסתו, (מכילתא בשלח).



72. עס טרעפט א נס

עס טרעפט אונז א נס צו רעטען אמאל א מענשענס לעבען,
אבער ניט אין הויז זאל גאט פארטיגע שפייז געבען.

מתרחש ניסא ולא איברא מזוני, (שבת נ"ג).



73. ארבייט אין דער יוגענד

ווען א מענש וועט ניט אקערען און זייען זומער,
וואס וועט ער עסען ווען עס וועט ווערען קעלטער?
אויב ער וועט אין יוגענד דרעמלען אין שלימער,
וואס וועט ער עסען גאר צו דער עלטער?

אם אין אדם מכין בערב שבת מה יאכל בשבת, (מדרש משלי פ"ד).



74. עהרע און פארדעכטיג

פארדעכטיג דיין ארבעטער אבער עהרע אים,
ווייל ער קאן נארען און טאן די ארבייט שלים.

חשידי עבדי דלא מעלי, (גיטין ס"ח).

---

71) He who creates daily the day, will also provide thy daily bread.

72) Through a miracle one can be saved from death, but do not rely upon some miracle to bring your daily bread.

73) If ye do not prepare in youth, how can ye enjoy old age.

74) Watch thy laborer, but give him his due respect.

75. ארבייטער שוויצען

די פליינע זעלנער קעמפפען פארגיסען בלוט,
די העלדען קריגען אויסצייכענונגען און לעבען גוט;
אויך די ארבייטער אין שעפער שוויצען מיט בלוט,
און די קאפיטאליסטען לעבען רייך און גוט.
גליירין מתגרין במלחמה והגבורים נוצחים, (ברכות נ"ג).

76. ליידיג גייער

גאר נישט טאן נאר אומגעהן ליידיג אין פרייהייט,
ברענגט עס צו פארשטאנד, פארווירונג און אויסגעלאסענהייט.
בטלה מביאה לידי זימה.... לידי שיעמום, (כתובות נ"ט).

77. ספרי סת"ם

שרייבער פון תפלין מזוזות און ספרי תורות,
האבען ניט קיין מזל ברכה פון זייערע סחורות.
ווייל ווען זיי' וועלען רייך ווערען וועלען זיי ארבעטען זיך שעמען,
דאן זייערע סחורה וואו וואלטען אידען קענען נעמען?
כותבי סת"ם אין רואין סימן ברכה כו' (פסחים נ').

78. ניט געצוואונגען

א בעל הבית קאן ניט צווינגען זיינע ארבעטער צו אויפשטעהן פרי און ארבעטען שפעט,
נאר ווי אלע ארבייטער זאלען זיי טאן, כאטש זיי האבען ניט אזוי מיט'ן בעל הבית אפגערעט.
מקום שנהגו שלא להשכים ושלא להעריב אינו רשאי לכופן, (ב"מ פ"ג).

---

75) The soldiers lay down their lives while their leaders are acclaimed as the victors.

76) Idleness leads not only to evil acts, but may also cause one to lose his mental faculties.

77) Those who are engaged in making of T'philin, M'zuzoth or the copying of the Torah can never become rich.

78) The employer cannot compell his employee to rise early and to labor until late.

79. אַ מענש מוז אַרבייטען

א מענש מוז ארבעטען מיט ביידע הענד צו מאכען א לעבען,
דאן וועט איהם גאט צו שיקען פיעל ברכה און זעגען.

צריך אדם לעמל ולעשות בשתי ידיו והקב״ה שולח ברכתו,
(מדרש תנחומא ויצא).



80. וועמען איז גוט?

עס עסען גוט די רייכע מענשען,
און מיר ארימע ארבעטער בענשען.

אנחו אכלי ואנן מברכין (הפועלים עובדים ולעשירים נחת רוח ועונג), (ברכות מ״ד).



81. דעם אַרבייטער'ס רעכטע

אן ארבייטער האט דאס רעכט צו ווארפען אין מיטען טאג די ארבעט אליין,
און דער בעל הבית האט ניט דאס רעכט צו פארהאלטען זיין לוין.

פועל יכול לחזור אפילו בחצי היום, (ב״ק קט״ז).

---

79) God will bless him who labors with both of his hands.

80) The rich enjoy the food, while the poor merely offer up the blessing.

81) Even though the workman has the privilege of ceasing his work at day time, his pay should not be withheld.

82. א פרומער וועשער

אבא אושיא האט געוואשען ביי'ן טייך, האט ער א קעניגינס ציערונג געפונען,
האט אפגעבראכט צו איר, האט זי פון איהם צוריק ניט גענומען;
זי האט זיך געוואונדערט פון די עהרליכקייט פון דעם ארעמען וועשער,
זי האט געזאגט איך האב פיעל שעהנערע ציערונג, א סך גוטע און מער;
האט ער געזאגט געפונענע זאכען אומקערען איז גאטעס געבאט,
האט זי געזאגט, זאל זיין געבענשט דער אידישער גאט.

אבא אושיא הכובס מצא על שפת היאור תכשיטין מהמלכה
וחזר לה את התכשיטין, אך המלכה לא חפצה לקחת
ממנו, ותתפלא מאוד על צדקת הכובס העני — ותאמר
לו יש לי רב יותר טובים מזה, ויען לה זה מצות ה'
להשיב אבדה, ותאמר המלכה ברוך אלקי ישראל, (סנהדרין ל"ג).



83. ארבייטער אין דער צוקונפט

אין דער צוקונפט וועלען ארבעטער זייערע מלאכותווארפען,
און וועלען אקערען, זייען און זייערע שניידמעסער שארפען,
ווי ארבעטסלאזע אין ארץ ישראל אהן געלד,
זיינען זיי אוועק ארבעטען אין פעלד.

עתידין כל בעלי אומנות שיעמדו על הקרקע (ירושלמי ב"מ ב')

---

82) A poor laundry man while washing clothes found a valuable gem belonging to a princess. He immediately took it to her. But she refused to accept it, saying, "I have many more such jewels, keep it, for I marvel at thy honesty." Said he simply. "To return that which is not mine is God's wish." And so she replied, "Blessed be the God of Israel."

83) There will come a time when the workman will leave his bench and return to the soil.

84. היט דיין רעליגיאן

רבי אבא דער שניידער האט אמאל ביי א געצענדינער גענעהט,
האט ער איהם געגעבען טריפה פלייש צו עסען און איהם גענויט;
דער גוי האט געשריען, אויב דו ווילסט נאך לעבען,
דאן מוזטו די פלייש עסען וואס איך האב דיר געגעבען;
קאנסט מיך טויטען אבער איך וועל קיין טרפה ניט עסען;
הער צו! האט דער גוי דעם סוד צום אידען ערקלערט,
זאלסט וויסען דו איד אז איך האב געדענקט פארקערט;
ווען דו וואלסט די טרפה געגעסען, וואלט איך דיר שוין געטייט,
ווייל איך גלויב אז יעדער איד מוז היטען זיין אידישקייט,
א גוי מוז זיך פיהרען ווי א גוי — און האט דעם אידען באפרייט.

החייט רבי אבא היה תופר בגדים אצל נכרי ויתן לו הנכרי בשר טרפה לאכול, וימאן לאכול, ויאמר לו הנכרי אם לא תאכל אהרוג אותך — ויען לו, אם חפצך להרגני תוכל להרוג אותי, אבל לא אאכול בשר טרפה. — עתה שמע נא לי, — אמר לו הנכרי, — כי אך לנסותך חפצתי, כי לו אכלת מהטרפה אז הרגתיך, כי יהודי עתה וצריך להיות כיהודי נאמן ואם נכרי אתה צריך להיות כנכרי באמת, ויתן לו חופש. (ירושלמי שביעית ד).

---

84) Rab Abba, employed by a certain heathen, was urged to eat unclean food. "I would rather die than eat of this food," said Rab Abba. Then said the heathen. "I will now reveal to you, that had you eaten of this food I would surely have killed you, for by eating you would have shown disrespect to your religion."


85. בעצאָהלט מיט יושר

ארבעטער האבען צובראכען א פאס וויין האט דער בעה״ב זיי ניט
באצאהלט קיין געלט,
און האט זייערע קליידער פאר׳ן היזק צוגענומען און פאר זיך אפ־
געשטעלט,
האט רב געהייסען אבגעבען זייערע קליידער און באצאהלען זיי די געלט.

פועלים שברו חבית של יין, לקח בעה״ב בגדיהם ולא שלם שכר
עבודתם עבור ההיזק, באו פועלים אל הרב, אמר רב
לבעה״ב תן להם בגדיהם ותן להם שכרם ג״כ, א״ל
הבעה״ב וכי כן הוא הדין? א״ל כן כתיב (משלי)
ואורחות צדיקים תשמור, (ב״מ פ״ג).

---

85) When the employees of a certain man broke a barrel of wine, their employer not only refused their pay, but confiscated their clothes as well. They came to Rab with their dispute. Rab judged that the employer should return the clothes and give them their pay as well. "Is that the law?" asked the employer. "Yes, indeed, for thus it is written in Proverbs, 'observe the path of the righteous'."




הא לפניך סדר המסכתות אשר המה נגד עיניך והמקומות אשר מהם שאבתי מאמרי חז"ל מש"ם בבלי וירושלמי, מזוהר ורמב"ם ועוד גאונים אחרונים וכן רוב אגדות מילקוט ומדרש מתורגם בשפה המדוברת במשקל השיר בשני חלקים ועשרים ואחד פרקים.

מסכת ברכות
פאה
שבת
עירובין
פסחים
שקלים
יומא
סוכה
ביצה
ראש השנה
תענית
מגילה
מועד קטן
חגיגה
יבמות
כתובות
נדרים
גיטין
סוטה
קידושין
בבא קמא
בבא מציעא
סנהדרין
מכות
שבועות
עבודה זרה
עדיות
הוריות
זבחים
מנחות

חולין
בכורות
ערכין
מעילה
תמיד
נדה
נגעים
פרקי אבות
אבות דרבי נתן
מסכת סופרים
שמחות
מסכת כלה רבתי
תמורה
והברייתא
מסכת דרך ארץ רבה
מסכת דרך ארץ זוטא
מסכת עוקצין
פרקי דר"א
ספרא
ספרי
מכילתא
מדרש רבה
מדרש תנחומא
מדרש שוחר טוב
מדרש תהלים
שבילי הלקט
לשון חכמים
בן סירא
ילקוט ישעיה
ילקוט ירמיה

קהלת רבה
אגדות שמואל
מדרש אסתר
מדרש ילמדנו
אור לישרים
מדרש איכה
מילי דאבות
לקח טוב
מס' חכמה ומוסר
מס' בית יהונתן
פסיקתא רבתי
מש"ע
מס' חכמת אדם
רמב"ם הל' ת"ת
מס' מראה ומוסר
תקוני הזוהר
בעל הטורים

מרשב"ם
ממרשא"ה
ילקוט ראובני
תנא דבי אליהו
אבודרהם
מס' הקדמון
ילקוט שמעוני
מס' דבש לפי
מס' חסידים
מס' המאספים
מיוסיפון העברי
מה"ג מהר"י
מחתם סופר
מס' מבחר הפנינים
ממכתבי הגר"א ז"ל
מחובות הלבבות



לוח ראשי תבות

אע"ג — אף על גב
א"י — ארץ ישראל.
א"ל — אמר לו = אמר להם
אח"כ — אחר כך
אעפ"כ — אף על פי כן
אא"כ — אלא אם כן
א"א — אברהם אבינו
א. ז. וו. — און זאָ וויטער
ב"מ — בר מצוה = בעל מצוה
ביה"ק — בית הקברות
בעה"ב — בעל הבית
ב"י — בני ישראל
ב"ק — בבא קמא
ב"מ — בבא מציעא
ב"ב — בבא בתרא
ב"ר — בראשית רבה

בע"מ — בעל מלאכה
ב"ב — בני בית
ב"ם — בן סירא
ביה"כ — בית הכנסת
ביהמ"ד — בית המדרש
בז"ה — בזמן הזה.
בו"ד — בשר ודם.
בי"ד — בית דין
בעז"ה — בעזרת השם
ביהמ"ק — בית המקדש
ג"כ — גם כן
ג"ח — גמילות חסדים
ג"ע — גלוי עריות
ד"א — דרך ארץ
דא"ר — דרך ארץ רבה
ד"מ — דבר משל

ד"ה — דאָס הייסט
ע"ז — עבודה זרה
ע"י — על ידי
עה"ב — עולם הבא
עאכו"כ—על אחת כמה וכמה
בע"ש — בערב שבת
בעז"ה — בעזרת השם
פ' — פרק
פו"ר — פריה ורביה
פ"א — פרקי אבות
פדר"א — פרקי דרבי אליעזר
פ' — פרשה
צב"ש — צום ביישפיל
קה"ר — קהלת רבה
ק"ו — קל וחומר
רה"ש — ראש השנה
ר"ת — ראשי תבות
ר"א — רבי אליעזר
רבש"ע — רבונו של עולם
ר"ל — רחמנא לצלן
ריב"ז — רבי יוחנן בן זכאי
ר"ל — ריש לקיש
רבב"ח — רבה בר בר חנה
שהש"ר — שיר השירים רבה
שמו"ר — שמות רבה
ש"ד — שופך דמים
ש"ל — שכר למוד
לש"ד — לשופך דמים
ת"ח — תלמיד חכם
ת"ח — תלמידי חכמים
ת"י — תרגום יונתן
תדב"א — תנא דבי אליהו
ת"ת — תלמוד תורה
תה' — תהלים
תושבע"פ — תורה שבעל פה
ד"מ — דאָס מיינט

עכו"ם—עובדי כוכבים ומזלות
הקב"ה — הקדוש ברוך הוא
ה"ז — הרי זה
הש"י — השם יתברך
ויק"ר — ויקרא רבה
וגו' — וגומר
חמו"ע—חנניה מישאל ועזריה
ח"ש — חיי שרה
יו"ט — יום טוב
י"א — יש אומרים
יו"כ — יום כפור
ילק"ש — ילקוט שמעוני
כ"ש — כל שכן
כ"ז — כלי זמר (קלעזמער)
כש"ץ — כשליח צבור
כ"ז — כל זמן
לשה"ר — לשון הרע
למה"ד — למה הדבר דומה
ממה"מ — מלך מלכי המלכים
מד' — מדרש
מד"ש — מדרש שמואל
מ"מ — מראה מקום
מע"ט — מעשים טובים
מעה"כ — מעלה עליו הכתוב
מלה"ד—משל למה הדבר דומה
מבו"ד — מלך בשר ודם
מ"ק — מועד קטן
מס' — מסכת = מספר
סה"כ — סך הכל
ס"ת — ספר תורה
ס"ת — סופי תבות
ס' — סוף
ע"פ — על פי
ע"כ — על כן
ע"ד — על דבר

